ISBN:0-657-12606-3
01-286

מספרי ל״רל פ
1950/XI

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12606

TSU DER GESHIKHTE FUN DER IDISHER ZSHURNALISTIK IN ARGENTINE

Pinye Kats

*Permanent preservation of this book was made possible
by Bruce Methner and Nikki Schwartz
In memory of our parents Harry & Ruth Methner and Robert & Shirley Byron
and in honor of our children
Jason & Cameron Methner, and Toodie, Michael & Ricki Schwartz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פ. כ״ץ

צו דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע

ארויסגעגעבן פון אידישן לי־
טעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין
אין אַרגענטינע.

בוענאָס איירעס

1929

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/tsudergeshikht00ka


1928



אַ ביסל פאַרגעשיכטע אַלס הקדמה

די אידישע זשורנאליסטיק אין ארגענטינע איז אַנטשטאַנען כמעט אין איין צייט מיט דעם אנטשטיין פונם אידישן ישוב; זי וועט דעריבער, אויב זי וועט נאָר גוט ארכיווירט ווערן, קענען דינען דעם געשיכטע שרייבער פון דעם ארגענטינער אידישן ישוב אלס וועגווייזער אין דער אפשאצונג פון די געזעלשאפטלעכע כוחות וואס האָבן דא געווירקט, פון די סאציאלע פארהעלטענישן אין דער אידישער געזעלשאפט, ווי פון די גייסטיקע אינ־טערעסן אירע.

זייענדיק באַקאַנט מיט דעם פּנים און אנטוויקלונג פון דעם היגן אי־דישן ישוב דורך מיין פּערזענלעכער באָאַבאַכטונג און ווירקן אין משך פון די לעצטע 20 יאר און דורך די דאטן, וואס איך האָב געזאמלט אין די געשפּרעכן וואס איך האָב געהאַט מיט עלטערע כלל טוער, איז עס מיר בערך נישט שווער אנצווייזן אויף די סבות, וואס האָבן געשאפן די אייגנ־אַרטיקייט פון אונדזער היגער אידישער פּרעסע.

אַ טייל שאַפער, ארויסגעבער און רעדאַקטארן פון די היגע אידישע פּעריאָדישע אויסגאבן, לעבן נאָך און איך האָב באַקומען ביי זיי דירעקטע ידיעות וועגן זייערע אויסגאבן און א טייל, שוין נפטרים, שטייען מיר פאר די אויגן ווי לעבעדיקע, מיט זייער גאנצן גייסטיקן פּנים און מיט זייער אופן פון ווירקן אין דער געזעלשאפט. איך מוז נישט דעריבער אנקומען צו דעם שווערן און גליטשיקן דעדוקטיוון מעטאָד פון פארשן די געשיכטע, נאָר געבן פאקטן, אָט אזוי ווי איך האָב זיי געזען, געהערט און אפּגעשאַצט.

אלס אריינפיר און צוליב דער מעגליכקייט אפּצושאצן די קעגנזייטיקע השפּעה וואס סהאָבן געהאַט אף זיך די אידישע געזעלשאפט און די אי־

רישע פּרעכע, וועל איך מיר דערלויבן צו ברענגען דאָ א געשיכטלעכן פאַקט וועגן דעם אנהויב פון דעם אידישן ישוב אין ארגענטינע.

אָנהויב 1889 האָבן 120 פאמיליעס פון פּאָדאָליע, ארום קאַמענעץ, פון די גרענעץ־שטעטלאַך ווינקאָוויץ, זינקאָוו, סמאָטריטש, גריידיק און לאַנצנקרינען, זיך אויפגעהויבן צו פארן קיין ארץ ישראל ארבעטן ערד. צוליב דעם האָבן זיי געשיקט פון זיך צוויי שלוחים קיין פּאריז צום באראָן ראָטשילד. דער באראָן ראָטשילד האָט זיך שוין אבער דעמאָלט אפּגעהאלטן פון קאָלאָניזירן; דערפאר האָט זיי דאָרט געטראָפן אן אנדער גליק; א גע־וויסער ווענעציאַני (ניט דער שפּעטערדיקער יק״אַ דירעקטאר אין ארגענ־טינע), האָט זיי אנגעטראָפן און האָט זיי געראטן צו פארן קיין ארגענטינע; בכן ער האלט דארט אין קויפן, דורכן ארגענטינישן קאָנסול אין פּאריז, לאַנד אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע, וועלן זיי דארפן איינצאָלן נישט מער ווי 400 פראַנק און זיי וועלן דאָרט פארטיקע לאַנד־אייגנטימער, צו 150 העקטאר אויף א חלק. געוועזן זיינען אין פּאָדאָליע פּריצים, וואס האָבן אזוי פיל נישט פארמאגט און די שליחים האָבן מסכים געווען, בפרט אז קיין הוצאות וועט זיי נישט קאסטן קיין ארגענטינע, מחמת די ארגענטינישע רעגירונג האָט פאנאנדערגעטיילט צווישן אירע קאָנסולן אין אייראפּע 40.000 אומזיסטע רייזע־קארטן פאר לאַנדווירטשאפטלעכע עמיגראַנטן, און זיי וועלן קענען געניסן פון דער דאזיקער פּריווילעגיע.

דעם 15־טן אויגוסט 1889 האָבן זיך שוין די 120 פּאדאָליער אידישע פאמיליעס ארויסגעזעצט אין בוענאָס איירעסער האפן און האָבן זיך דער־וואוסט, אז זייער נחלות זיינען שוין פארקויפט צו אנדערע, מחמת די אר־גענטינישע רעגירונג האָט נישט געוואוסט פון איר פּאריזער קאנסולס אָפּעראַציעס. די רעגירונג, וועלכע איז זייער גערן געווען אַן אגריקולטורעלן עלעמענט און האָט געהאַט געווג פרייע ערד, האָט זיי געוואלט קאָמפּענסירן און האָט זיי אנגעבאָטן באָדן ארום לאַ פּלאַטאַ, א שעה רייזע מיט דער באַן פון בוענאָס איירעס, באדן וואס צאָלט זיך איצט 7־8 הונדערט פּעזאָס דער העקטאר, און איז דעמאלט אנגעבאטן געווארן פאר א שבוש אויף לייכ־טע קאנדיציעס צום אויסצאָלן. די רעגירונג האָט זיי אויך אנגעבאָטן אַגראָ־נאמישע הילף, אנווייזונגען וואס און ווי אזוי צו קולטיווירן אין דער נייער געגנט. האָבן אבער די אידן מורא געהאַט אז מ׳וויל זיי „פארשקלאפן“,

— אזוי האָבן א פּאר אידן, וואס זיי האָבן דאָ אנגעטראָפן, זיי געוואָרנט,
— און די 120 פאמיליעס זיינען עס געווארן דער קערן פון דעם ארגענטי־טינישן אידישן ישוב, וועלכער קומט אין באטראכט, ווען מ'רעדט פון אידן אין ארגענטינע מיט זייער אידיש געזעלשאפטלעכן און אידיש קולטורעלן לעבן. זיי זיינען עס געווען דער קערן פון וועלכן עס האָט זיך אנגעהויבן די באַראָן הירש קאָלאָניזאציע און אויך די וואס האָבן אנגעהויבן בילדן דעם אידישן ישוב אין שטאט.

ווי געזאָגט האָבן די פּאַראָליער, אדער ווי מ'האָט זיי שפּעטער גערופן „קאמענעצער“, שוין געטראָפן אין בוענאס איירעס אידן, אזעלכע אבער, וואס קענען נישט קומען אין באטראכט אלס פּאזיטיווער עלעמענט אינם אידישן ישוב. דאס זיינען געווען אדער אסימילירטע אידישע געשעפטסלייט פון דייטשלאנד און עלזאס (יאהודים) וואס האָבן זיך פאר אידן נישט גע־לאזט דערקענען, כאטשע זיי האבן דא געהאט זייער קאנגרעגאציע זייט 1888 און א ראבינער, א געוויסער הענרי יאזעף; דער ראבינער האָט אָבער אליין געבומען אונטערפירנס בא זיינע קינדער צו זייערע חתונות אין קאטוי־לישן קלויסטער, וואס דאס באווייזט, אז ער האט דאס אידישקייט גאנץ וויי־ניק דעמאנסטרירט; ס'זיינען געווען עטלעכע שפאניאלישע אידן פון גיבראל־טאר און מאראָקאָ און אַראַבישע פון ארום צובא, וועלכע ווערן דא באטראכט פון אונדזערע אידן אלס „טערקן“ נאך ביז היינטיקן טאג, כאטשע זיי האָבן זייערע מנינים, צדקה חברות, תלמוד תורה'ס און אפילו ציוניסטישע אגודהס; אדער גאר אידישע פרויענהענדלער און זייערע קרבנות, וועלכע האבן גראד מיטגעבראכט מיט זיך אהער פון די ווארשעווער, אדעסער, לעמבערגער און בוקארעשטער אדער גאלאצער גאסן, דורך סטאמבול, קאַירא און לאָנדאָן, דארטיקע אידישקייט מיט אלע זיינע קלימפערלעך; נישט נאָר א קדיש און א יארצייט נאָך די פארשעמטע טאטע־מאמע, א חזן און א שמש, א לויה מיט א פושקע, אף מאיר בעל הנס און אף חלוקה (יאָ, אויך אף חלוקה, און שוין דעמאלט זיינען אהער געפארן משולחים, וועלכע האָבן אפגעלעקט א פעט ביינדל גייענדיק איבער די היי־זער מיט די פארשמירטע שויבן און מיט די שווארץ און רויטע אויפשריפטן), לאטקעס מיט געגנזענע שמאלץ, גריוון צו א חנוכה־קערטל, א פעטן הערינג מיט כשר'ע פאסטראמע, היימישע קליסקעלעך און געזייערטע אוגערקעס —

אויך די אידישע שפּראַך — דער פּוילישער, רומענישער און בעסאַראַבער אי־
דיש, וואָס האָט דאָ געקלונגען גאַנץ פּריי אין די צוויי הויפּט צענטערן
פון דאָזיקן ישוב, דער קנופּ פון די גאַסן ליבערטאַד, טאַלקאַהואַנאַ, לאַוואַ־
זשע און קאָרריענטעס, און די גאַסן באַם דרומדיקן האַפן.

די מזרח אייראָפּעאישע אידן, וואָס האָבן נישט באַלאַנגט צו דעם פּרוי־
ענהענדלערישן געזינדל, זיינען געווען אַלטוואַרג הענדלער, אַ פּאָר קרע־
מער, אַ חזן און אַ שמש, וואָס האָבן צוגעשטעלט „אידישקייט" פאַר די לייט,
שניידער און מאָדיסטנס, וואָס האָבן גענייט פאַר זיי און זייערע קרבנות,
און גאַנץ געציילטע, וואָס האָבן מיט זיי נישט געהאַט קיין עסקים. נאָך אַ
פּרנסה איז געווען לעבן דעם עולם — שרייבן בריוו פאַר די „מיידלעך"
צו זייערע עלטערן, וואָס מ'דערציילט, אַז דערביי האָבן זיך באַשעפטיקט
אויך אַ פּאָר פון די שפּעטערדיקע זשורנאַליסטן. אויך קעכנס און קעלנער
האָבן די לייט געזוכט דווקא אידישע, אַ זאַך מיט וועלכער עס קענען זיך
נישט באַרימען ביז היינטיקן טאָג די „אָרענטלעכע", אַדער ווי זאָגן זיי,
די „וויטישע" באַלעבאַטים. מען קען דאָס לעצטע אויך אויסטייטשן דער־
מיט וואָס די פּרויענהענדלער האָבן דורך די קעכנס און קעלנער געזוכט
פאַרבינדונגען מיט זייערע משפּחהס צוליב זייערע האַנדלס צילן.

די געקומענע אידן אין 1889 זיינען געווען די ערשטע באַראָן הירש
קאָלאָניסטן. אַ געוויסער לעווענטאַל, וועלכער איז דאַן געווען דאָ צוזאַמען
מיט דעם אינזשעניער קולען אין אַ מיסיע פון דער רומענישער רעגירונג,
האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די דאָזיקע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אַרומ־
געזוכט ערד אויף קאָלאָניזאַציע. צוריקפאָרנדיק דורך פּאַריז, האָט ער פאַר־
אינטערעסירט מיט זיי דעם באַראָן הירש און איז שפּעטער געקומען אַהער
אַלס קאָלאָניזאַטאָר אויף דעם באַדן, וואָס דער באַראָן הירש האָט געקויפט
אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע (מאָזעסוויל, פּאַלאַסיאָס), וואו די אַלע פּאַ־
דאָליער זיינען אַפּגעפירט געוואָרן. צו די פּאָדאָליער זיינען דערנאָך געקו־
מען די גראָדנער, די רומענישע, די כערסאָנער, וועלכע זיינען אויפגענומען
געוואָרן אויף זייערע ערטער פּאַרטיעסווייז, ווערנדיק קאָלאָניזירט אין סאַנטאַ
פעער, ענטרע ריאָסער און בוענאָס איירעסער פּראָווינץ (מאָוריציאָ).
די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט אויך אָנגעהויבן וואַקסן. דער שם

וועגן דער ארגענטינער קאלאניזאציע האָט געצויגן אהער אויך יחידים, וועלכע האָבן געדענקט מיט זייערע אנגעזאמלטע פאר טאָלער זיך דא צו קאלאניזירן, עמיגרירטע בעלי מלאכה, ארער גלאט אזוי אן אנזעצער, א שווינדלער, וואס פלעגט האָבן פאר זיך ביז דעמאלט איין „אמעריקע", און האָט אין ארגענטינע געקראגן א ניי לאנד וואוהין צו מאכן פליטה; די אייראָפעאיש־כינעזישע מלחמה פון 1898 האָט צוגעשלאגן אהער עטלעכע אידישע דיזערטירן; דעם גרעסטן אידישן צואוואוקס אבער האָט די שטאָט באקומען פון די קאלאניסטישע פליטים.

די ערשטע קאלאניזאציאנס־יארן זיינען געווען זייער שווערע אין אלע הינזיכטן. עס האָבן געפעלט די מעגליכקייטן און די קענטעענישן צו דער ארבעט, די קוים באקומענע פראדוקטן זיינען פארקויפט געווארן ביליק, צוליב די שוועריקייטן פון טראנספאָרט; די קאָלאָניזאטאָרס אליין האָבן ניט געהאט קיין באשטימטע ליניע פאר זייער ארבעט און אויך די קאלאניזירטע האָבן נישט ארויסגעזעען קיין תכלית. און די אלטע לעבנסווייזהייט אז „געלטעניו איז די וועלטעניו" האָט אנגעהויבן ריידן אין די מוחות פון די געוועזענע קרעמער און מעקלער און אידן פון גרענעץ־פרנסות. די יק"א באאמטע וועלכע זיינען געשטעלט געווארן איבער די קאלאניעס, האבן זיך באגאנגען מיט די קאלאניסטן ווי אמתע „נוגשים און נוטרים", כאטשע עס זיינען געווען אויך אזעלכע, וואס די קאלאניסטן האבן זיי באטראכט פאר מלאכים, פאר געטלעכע מענטשן. צוזאמען מיט כמעט אינקוויזיטארישער און שקלאפן טרייבערישער באהאנדלונג, איז אויך געווען א מין נאָכגעבונג פון ממש קינדישע פארלאנגען, וואס האָבן גאָרנישט געפאסט פאר מענטשן, וואס האבן אף זיך גענומען די ראל פון פיאנערן פון דער ערדארבעט. דער קאלאניסט איז דעמאלט געווען ש ק ל א ף און ק ע ס ט ק י נ ד אין דער זעלבער צייט, א פראָדוקט פון דער פארייניקונג צווישן דער פילאנטראפיע מיט דער ביוראקראטיע, א פראדוקט פון דעם באגליקונגס אידעאל פאר דעם „ארימען מזרח אידן" אינם הארצן פון דעם אריסטאקראטישן אידישן מערבדיקן ברודער.

איז עס א חידוש, וואס די אינקוויזיטאריש באהאנדלטע שקלאפן און די „צעבאלעוועטע" קעסטקינדער, וואס אייניקע פון זיי האבן אפילו דעם אקער אין האנט נישט גענומען, ווארטנדיק אויף דער „שטיצע" וואס

זיי האבן באקומען אין קראם אפן באַראָנס חשבון מיט די אזוי באַרימטע געווארענע „ראזשינקעס פארן שבתדיקן קוגל“, האבן געמאכט א פּאר פּעזאס פון דעם „רעמאנענט“ און מאסנווייז פארלאזט די קאלאניעס?

צוליב דעם אמת פאר דער געשיכטע, (כאטשע איך שרייב דא נישט קיין געשיכטע פון דער אידישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע) מוז געזאגט ווערן, אז ניט אלע וואס האבן פארלאזט די קאלאניע זיינען געקומען אין שטאָט; אנדערע האבן זיך קאלאניזירט בא אנדערע קאלאניזאציאנס געזעלשאפטן, אפּ ענלעכע צו דער יק"א'ס באדינגונגען, נאָר אָן אירע אדמיניסטראטאָרן און אן איר באציאונגס סיסטעם, און צי זיי זיינען היינט צו טאג פּויערים אדער פּריצים, נאר זיי זיינען געבליבן בא דער ערד.

א באזונדער שטארקן צופלוס פון קאלאניסטישע פּליטים אין שטאט האט געבראכט די הערשאפט פון דעם אדמיניסטראטאר קאהן אין מאזעסוויל אין יאר 1898. וועגן די מעשים פון דעם אדמיניסטראטאר געפינען מיר אין ערשטן נומער פון דער ערשטער אידישער צייטשריפט אין בוענאָס איירעס, „דער וויעדערקול“ (י'ד אָדר תרנח — אָנהויב מארץ 1898) א קינה־ארטיקל אונטערן טיטל „די אינקוויזיציאָן“ געשריבן פון גרשון בר"צ, וואס הויבט זיך אן מיט א פּסוק פון איכה. „מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי...“ דאָרט ווערן גערופן די רחמנים בני רחמנים צו באזוכן די „קאנווענטיזשאס“*) אף די גאסן קוזשאָ (היינט סארמִיענטאָ) און קאררִיענטעס, וואו עס זיינען אנגעקומען די קאלאניסטישע פאמיליעס, אנטלאפענע פון דעם יאמערטאל

*) קאָנווענטיזשאָס — גרויסע הויפן, וואו עס וואוינט די אָרימקייט. יעדע וואוינונג באַשטייט ניט מער ווי פון איין צימערל, דריי מעטער אף דריי, וואו עס מוז אויך זיין די קיך. אין אזעלכע צימערלעך וואוינען אויך גאנץ היבשע פאמיליעס. די צאל פון אזעלכע צימערלעך דערגרייכט אמאל ביז צוויי הונדערט אין א הויף, וואס איז געבויט ווי א קאסטן. אזוי ווי יעדע פאמיליע מוז נאָך וואשן איר וועש, אדער פרעמדע, ארבעטן קאָנפעקציאָן וואס מען נעמט אף אהיים פון די גרויסע געשעפטן און האלטן קעסט קינדער, איז זיך פארצושטעלן די ענגשאפט, די שמוציקייט און דעם טומל. שפּיל פון פארוואָרלאזטע קינדער אין מיסט, צווישן קריגעריי פון ווייבער און זידלעריי פון מענער, אָפטמאָל אונטער די קלאַנגען פון אַ שאַרמאַנקע, זינגענדיקן געשריי פון איטאליענישע

מאזעסוויל, און ער גאראנטירט אז נישט איין זיפץ און נישט איין טרער וועלן זיי דארט פארלירן. דאס ארטיקל איז באגלייט מיט א בילד אף וועלכן דער קאלאניסט הירש ציינשטעכער שטייט מיט די בארוועסע פיס איינגעשרויפט אין אזא מין אינקוויזיציאנס אינסטרומענט, וועלכער איז, ווי עס זעט אויס, געליען געווארן בא דער ארטיקער פאליציי מאכט (א חוץ די מאדערנע אינקוויזיציאנס מיטלען, ווי שלאגן מיט פויסטן און געווער, ברענען די שפיצן פינגער, מאטערן מיט דורשט און ענלעכע, ווערן נאָך ביז היינט באנוצט אין די פארווארפענע פאליציי־אמטן פון ארגענטינע ספעציעלע פייניקונגס אינסטרומענטן, א נשאר פון די צייטן פון דעם „סאנטא אפיסיא). דאס בילד איז גענומען פון א פאטאגראפיע וואס געפינט זיך נאָך עד היום בא אייניקע היגע אלטע תושבים. איך האָב זי אויך געזעען באם פארשטארבענעם לעאן כאזאנאוויטש, בעת ער איז דא געווען אף זיין רייזע איבער די אידישע קאלאניעס אין 1909. כאזאנאָוויטש האט די פאטאגראפיע באקומען בא ישראל זאנגוויל, וועלכער האט זיך באַנוצט מיט דער פאטאגראפיע ווי מיט א זאכליכן עדות בעת א פּראצעס, וואס ער האָט פארפירט קעגן דער יק"א אין לאָנדאָן.

פאר די קנאפע 9 יאר, פון 1889 ביז 1898, איז דער אידישער ישוב באדייטנד אויסגעוואקסן. קיין צאל, אפילו א בערכדיקע, ווערט נישט אנגעגעבן, נאר מיכל הכהן סיני, אין זיין פעליעטאן געדרוקט אינם ערשטן נומער „דער ווייעדער־קול" (מאַרץ 1898) וואו ער באשרייבט ווי אזוי ער איז געקומען צום געדאנק פון ארויסגעבן א צייטונג, שרייבט: „אזוי פיל אידן ווי דא אין ארגענטינע איז דא, און געוויינלעך געפינען זיך דא אונטער זיי סופרים, חכמים, וואס זיינען נישט פרעמד מיט דער אידישער פעדער..."

פרוכט טרעגער, אַראבישע צעלניק טרעגער, אידישע פארקויפער פון דעקעס און טישטעכער אף אויסצאלן און גיטארע שפיל פון אן אלטן קרעאָל, וואס אימפּראוויזירט דערביי זיין קלאגליד פון דער ברייטער און וויסטער פּאמפּאַ. אין די צענטער גאסן פון שטאט, פארשווינדן איצט ביסלעכווייז די קאָנוועטיזשאָס. זיי זיינען נאָך אבער פאראן גענוג. די קאָנוועטיזשאָס קוזשאַ (היינט סארמיענטאַ) 1419 און קאריענטעס 1365 זיינען מערסטנס באריטמט געוועזן מיט זייער גרויסער צאל אידישע שכנים. דארט האָבן אויך געוואוינט די שוחטים און אנדלערע כלי קודש.

צווישן די „סופרים, חכמים און משכילים" טרעפן מיר דעמאלט אן יעקב יאסעלעוויטש, א געוועזענער שלאסער־ארבעטער, געבוירן אין ליטע און געארבעט אין אָדעס און ווארשא, און דאָ א באלעבאָס פון א ניקל פאבריק, א חובב ציון און א אידישער אינטעליגענט פון אָדעסער קרייזן פון זיין צייט, אף וועלכן עס האָט געהאט א גרויסע השפעה דער זיידע מענדעלע, משה לייב ליליענבלום א. א.; שלמה ליעבעשוץ, א זייגערמאכער פון קורלאנד, א ציוניסט מיט דייטשער השכלה; פאביאן ש. הלוי, א פאָ־לאַצקער משכיל און למדן, וועלכער איז פאר זיין קומען אהער געווען איי־ניקע יאר אין לאדז; זאב וואלף צייטלין, א איד א למדן, וואס האָט גע־האלטן א דרוקעריי; זלמן לעווין, שפּעטערדיקער רעדאקטאר פון „דער פויק" און „די בלום"; אברהם ווערמאנט, א רומענישער פּאליגלאָט מיט א טונקעלער און לעגענדארישער פארגאנגענהייט און באָהעמיש אומ־ריינער קעגנוואָרט, מיט א גלחיש־מיסיאָנערישער דערציונג, אין שטענ־דיקן קאנטאקט מיט דעם קאפע און הייזל־אמביענט פון די אריענטאלישע שטעט, צוזאמען מיט וועלכן ער איז אריבערגעווארפן געווארן קיין בוע־נאס איירעס, האט זיך דא שוין אנגעגעבן אלס זשורנאליסט, אלס „גויע־שער צייטונגס שרייבער, וואס האט די חוצפה דעם אמת צו שרייבן..." ווי ער מעלדעט זיך אין ערשטן נומער „וויעדער־קול"; יעקב ש. ליאכאָוויצ־קי, — א יונגערמאן וואס האט זיך אנגעשטעקט אויף זיין וועג אהער מיט אביסל לאנדאנער סאציאליזם און אנארכיזם און דערנאך מיט ציוניזם און האָט דאן אפּעריערט אף אלע זייטן; מיכל הכהן סיני, א רבס א זון פון גראדנע, וואס האָט געלערנט אין „גאראדסקאיע אוטשילישטשע" און געווען א יק"א לערער אין מאזעסוויל, און זיין פאטער דער רב ראובן הכהן סיני, וועלכער האט שוין דעמאלט געהאט א פאר רבנישע חבורים; און נאך א רייע למדנים און משכילים, וואס האבן געהאלטן א פען אין דער האנט, צווישן די קאלאניסטן, וועלכע זיינען געקומען קיין ארגענטי־נע מקיים זיין דעם אידעאל פון עבודת האדמה; אזעלכע ווי דער באקאנ־טער מרדכי אלפּערסאָן און אברהם ראזענפעלד פון דער קאלאניע מאָאוריציא, נח קאצאָוויטש פון מאָזעסוויל, די ברידער שמעון און משה פּוסטילניק פון קלאַרא און אנדערע. צו דער דאזיקער פּלעיאַדע האָט מען אויך צוגערעכנט דעם איצטיקן סאציאליסטישן דעפּוטאט דר. ענריקע דיקמאַן, וועלכער איז

שוין דעמאלסט געווען אן אסימילאטאָרישער סאצאליסט, נאָר האָט זיך
נאָך אלץ געדרייט אין דער אידישער סביבה אלס סטודענט פון מעדיצין,
וואס האָט זיך אויסגעהאלטן פון שפּאנישע לעקציעס.

בוענאָס איירעס האָט שוין אין דעם יאָר געהאַט א ריי צדקה פאריינען
און אויך אַן „ארבעטער פאריין“ דער (איצטיקער „בקור חולים“), עס איז
שוין דעמאלט געווען די חברה קדישא, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין
יאר 1894, דורך דעם ראבינער פון די יאהודים הענרי יאָזעף; „אונטערשטי־
צונגס קאַסאַ“ מיט א דייטשן סטעמפּל (שפּעטערדיקע „עזרה“), געגרינדעט
אין 1892, א פאריין „פּועלי צדק“ מיט א שול, א ת״ת, א חברה חובבי ציון,
חברת ציון און באלד אויך אָרטאָדאָקסישע ציוניסטן, „זכרון שמואל“ (אפן
נאמען פון רבי שמואל מאָהילעווער).

קורץ, עס איז שוין געווען ווער עס זאל זיך קהלן און ארום וואס זיך
צו קהלן, און עס האָט בלויז געפעלט א צייטונג, וואס זאל דאָס קהלענעש
פארצייכענען צוזאמען מיט א היבש ביסל זידלעריי, פערזענלעכע אנפאלן
און שאַנטאַזש, וואס כאראקטעריזירן די ארגענטינישע געזעלשאפטלעכקייט,
ווי דאס היגע אידישע צייטונגס־וועזן ביז גאר נישט ווייט פון אונדזערע
צייטן.

װעטעראַנען

„דער וויעדער קול"

(1898)

וועגן דעם גרינדונג פון דעם „וויעדער־קול" דערציילט זיין רעדאק־טאר, מיכל הכהן סיני, אין דעם שוין פריער ציטירטן פעליעטאָן:

"... דער אָרעמער מיכלע איז אזוי א ר ו מ ג ע ג א נגען צוועקלאָז האפנונגס לאָז ביז ער איז געני־צליך מיעד געוואָ־רין, זיינע פיס האָ־בען זיך איהם ענט־זאגט מעהר זיין ק ע ר פ ע ר צ ו טראגן..." א. א. וו. באקלאגענדיק זיך אפן „שיקזאל" וואס זיינע עלטערן (הרב סיני וואס איז גע־

מיכל הכהן סיני

שיקט געווארן פון דוד פיינבערג אלס רב פאר דער גראד־נער פארטיע קאלא־ניסטן. פ. כ.) האָבן אים קיין מלאכה ניט געלערנט און ער האָט אויך ניט קיין געלט צו מא־כן ע פ ע ס א גע־שעפט...

„אָבער הערט זיך איין אויף וואס א ליטוואק צ ל ם־קאפף איז פעהיג.

„ויהי היום ס'איז געווען א הייסער טאג, די זון האָט געברענט און געבראטען אונערבארימליך און מיכ'לע (דאָס דארף זיך לייענען מע־כעלע. פ. כ.) איז דאַן געגאנגען איבער די לאנגע רווישענדע גאססען פון בוענאָס ־ ארוס, זוכענדיג ארבייט... א. א. וו.

„פלוצים האָט ער זיך אוועקגעשטעלט. עס איז אנגעפאהרען א

טראמוויי און א קליינע יונגע פון די וואס טראגען ארום „צייטונגען" פארקויפען האט זיך אויפ'ן טרעפפעל ארויפגעכאפט און אנגעהויבען אויף א קול זיין סחורה אויסצורעכענען: „לא פרענסא", „לא נאסיאן", „לא קאפיטאל", „נועווא עפאקא" א. ז. וו.

— „לא ככל הגוים המון בית ישראל אשר בארגנטינה!" האט ער אויסגעשריען בעטראכטענדיג דיעזער סצענע. — „יעדעס פאלק האט זיך צייטונגען אין זיין שפראך, יעדעס פאלק שטאלצירט און עהרט זיין ליטעראטור נאר איין ישראל'יק ניט! אזוי פיעל אידען וויא דא אין ארגענטינא איז דא און געוואהנליך געפינען זיך דאך אונטער זיי סופרים, חכמים, משכילים, וואס זיינען ניט פרעמד מיט דער אידישער פעדער און דאך ערשיינט דא ניט עפעס א יודישעס בלאטטיל!"

„נור לאמיך... לאמיך זיין דער ערשטער... כ'וועל פרובירען... יא! געטראכט און געטאהן... האט א „וויעדער - קול" אין זיינע געדאנקען אבגעקלונגען.

— יא, אזוי בלייבט עס שוין! מיכל, דו וועסט שוין האבן ארבייט!...

ער האט שוין גענומען אוועק צוגעהן פונ'ם ארט וואו ער איז שטיין געבליבען אבער ס'איז אים „ענטקעגען געקומען א נידעריג אידעל מיט א שווארץ בערדיל און האט אים א ברייטן ווארמען „שלום - עליכם" ארייגערוקט.

— „ר' יואל!" האט מיכל פארוואונדערט אויסגערעפען. —

— „מיכל וואס טוסטו דא..."

און ר' יואל, דאס איז דער ה' יואל ראזענבליט, — איינער פון די קאמענעץ פאדאליער אימיגראנטן, וועלכע זיינען קאלאניזירט געווארן דורך דער יק"א אין מאזעסוויל — דערציילט אים וואס עס קומט פאר אין דער קאלאניע, וואו דער אדמיניסטראטאר כהן איז זיך נוקם אויף דעם שענדלעכסטן אופן אן די קאלאניסטן, פארוואס זיי האבן געשיקט א דעלעגאציע קיין פאריז זיך באקלאגן אף אים און אף דער בוענאס איירעסער דירעקציע. (אין דער דעלעגאציע איז אויך געוועזן דער רב סיני). אים, יואל ראזענבליט, האט מען ארויסגעווארפן מיט ווייב און קינדער, מיט זיין ביסל ארימקייט פון דער שטוב, וואס ער האט אליין מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעבויט, זיינע אייגענע פערד און בהמות, וואס ער האט אליין אפגע-

קויפט, האָט מען ביי אים צוגענומען; און ניט נאר מיט אים אליין איז אזוי געשען, נאר אויך מיט מאיר שאַפּירא, לייבצע לעווינסאָן, הירש ציינשטע־כער און טאקע מיט דער פאמיליע פון מיכל'ן (דער פאטער, דער רב, איז דע־מאלט געווען אין פאריז אלס איינער פון די שליחים).

דאָ ווערט די דערציילונג, וועלכע ציט זיך אין די ערשטע צוויי נומערן, אפּגעהאקט מיט א: (פארטזעצונג קומט).

די פארטזעצונג איז מער ניט געקומען, כאטש עס איז דערשינען נאך איין נומער, א דריטער, פונם „וויעדער ־ קול". איך וועל מיך דעריבער באַ־נוצן מיט דער מינדלעכער פארטזעצונג פון דער דערציילונג, ווי זי איז מיר איבערגעגעבן געווארן פון דעם ה' יואל ראזענבליט, דער גרינדער און גע־שעפטספירער פון דעם „וויעדער ־ קול" און פון דעם דערנאָך דערשינענעם „אידישן פאנאגראף".

דער ה' יואל ראזענבליט — וועלכער האָט זיך שוין ארומגעטראגן מיט דעם געדאנק פון א אידישער צייטונג אין ארגענטינע, מחמת אידן האָבן זיך אינטערעסירט מיט די נייסן פון דער וועלט (דער דרייפוס פראצעס, דער ציוניזם, די שפאניש אמעריקאנער מלחמה איבער קובא, די אייראפעאיש כינעזישע פאליטיק מיט רוסלאנד אין דער שפיץ), — דער דאזיקער קאמע־נעצער אידל, פול מיט תורה און מיט א חוש פאר וועלט ־ זאכן, ביי וועלכן דער מאזעסווילער אדמיניסטראטאר כהן האָט צעבראכן זיין אידעאל פון עבודת האדמה, און איז געקומען קיין בוענאָס איירעס זוכן פרנסה, האָט זיך אנגעכאפּט מיטביידע הענט פאר דער דאזיקער אידייע; א חוץ דעם וואס אידן וועלן אויפהערן אויסשרייבן „די אידישע גאזעטן" און דעם „פאלקס „אדוואקאט" פון ניו יארק, דעם „אידישן עקספרעס", דעם „פיפּיפאקס" און דעם „היהודי" פון לאָנדאָן, וועט דאך זיין וואו צו באשרייבן דאס וואס איז געשעען אין מאזעסוויל, ווי מען האָט פיל קאלאניסטן און זייע־רע ווייבער פארשפּארט אין א נאסן קעלער און זיי געשלאגן א גאנצע נאכט מיט דער הילף פון געדונגענע פאליציסטן...

אבער וואו נעמט מען א דרוקעריי צו דרוקן דאס דאזיקע בלאט, אז אין בוענאס איירעס איז נאך דעמאלט קיין אידישע דרוקעריי ניט געווען.

— אז ניט קיין טיפּאגראפיע זאל זיין א ליטאגראפיע... — האָט זיך אנגערופן דעם רבס זונדל, וועלכער איז זיכער געווען א מאדים אויף קווי־

פאקסימיל פון דער ערשטער זייט „ווידער קול" נומער 1.

טלעך שרייבן צו חנוכה און אויף מזרחים שניצן און האט אפשר אויך זיינע ערשטע שירים, פון וועלכע ער גיט אונז א מוסטער אין ערשטן נו־מער „וויעדער־קויל“, אריינגעשריבן אין א העפט מיט סדור־אותיות...

דער ארויסגעבער מיטן רעדאקטאר זיינען אוועק אין דער ליטאָגראַ־פיע "לא טעאטראל", וועלכע האט זיך געפונען אף דער גאס סעריטאַ, נו־מער 136 און דאס געשעפט אין געשלאָסן געווארן.

די ידיעה וועגן דער אידישער צייטונג, וואס וועט ארויסגיין אין בוענאס איירעס, האט זיך שנעל צעטראגן איבער דעם אידישן קארטאל, פון ליבערטאד ביז קאזשאַאָ און פון טוקומאַן ביז קוזשקאַ (היינט סאַר־מיענטא). עס האט דערשמעקט דאס נייעס אברהם ווערמאנט און ער האט שוין פארווארפן דעם רעדאקטאר מיט שטאף אף עטלעכע צייטונגען, און דער יונגער רעדאקטאר איז פשוט בטל געווארן פאר דער שפע וואס פליסט פון דעם „גויעשן צייטונגס שרייבער“ פון זיינע „קוועללע און שפּראכען קענטעניססע“ און פון זיין גרויסער באהאוונקייט אין דעם „לעבען פאָן די יודען אונטער דעם צלם און האלבער לבנה“ (א טעמע, איבער וועלכער ווער־מאָנט האָט געשריבן אין פארלויף פון 14־15 יאר וועכנטלעך אין זיין „פאָלקסשטימע“ און ער וואלט געקענט שרייבן אויף דער טעמע אָן אויפ־הער, מחמת ער האָט געשריבן, — ווי ער האָט געווארנט אין אן אנמער־קונג צו די ארטיקלען אין „וויעדער ־ קול“, — „פאָן קאפּף“ און האָט אין די ארטיקלען אריינגעשלעפּט וואס נאָר ס'האָט זיך געמאכט אונטער דער האנט און אן שום סיסטעם, איבערחזרנדיק די אייגענע מעשיות אָן א שיעור מאָל). היינט דער סטיל! ניט ווי בא אונדז רוסישע אידן שרייבט מען, נאר ווי מען שרייבט דאָרט אין מערב איירָאפּע, פון וואנען די השכלה בת השמים קומט צו אונדז...

און מיכל הכהן האָט זיך אוועקגעזעצט, אנגעטון אויף זיך די גאנצע ערנסטקייט פון א רעדאקטאָר און די גאנצע אחריות פאר דער אידישער שפּראך, וועלכע זאל, חלילה, ניט ארויסקומען אזוי וואולגאר, ווי מען רעדט זי אין גאס, און נאכדעם ווי ער האָט אויסגעמאלט דעם קאפּ פון דער צײ־טונג, האָט ער גענומען קריצן אויפן ליטאָגראַפישן שטיין מיט סדור־אתיות אין אידיש „פון העברען סטיל“:

„אָן די ליעבע לעזער! וויר מאַכען בעקאנט היערמיט...

אין דעם זעלבן אדער ענלעכן סטיל איז געשריבן כמעט דער גאנצער ערשטער נומער, וועלכער איז אויסגעפילט, ווי געזאגט, מיט דער הילף פון אברהם ווערמאָנט. בלויז אין די פעליעטאנען פארגעסן זיך די שרייבער אינם „העכערן סטיל" און פאלן אריין אינם היימישן אידיש.

דער ערשטער ארטיקל אינם „ווידער - קול" איז „א ויכוח (צווישן שמערל מיט בערל) וועגן קויפען פאלעסטינא". דאָס איז א פעליעטאָן, אונטערגעשריבן מיט א פסעוודאָנים בלעם בן קרח, וואס ווערט פארגעזעצט און ניט פארענדיקט אינם 3-טן נומער (דער לעצטער). דער שרייבער, זעט אויס, סימפאטיזירט באהאלטן מיט דער סאָציאַליזם (אנגעוויזט פון זאָלאָם און זשאָרעסעס פארטיידיקן דרייפוסן) און שפעט פון די ציוניסטן, וואס ווילן אָפקויפן פאלעסטינע. דערביי ווערן אנגעגריפן די ציוניסטישע טוער און די פקידים פון דער יק"א, ניט פאר געזעלשאפטלעכע חטאים חלילה, נאר פאר זייער יחוס; דער איז געווען א זעקל טרעגער אין אדעס און א צווייטער איז א פרעסער פון היטלען; עס קומט דערנאָך א לייט ארטיקל וועגן די פארהעלטענישן צווישן טשילע און ארגענטינע, דער קינה ארטיקל פון גרשון בר"צ וועגן די מאָזעסוויל-קאָלאָניסטן, דער פעליעטאָן פון מיכל סיני וועגן דעם „ווידער - קול", „דער פנקס", וואו אברהם ווערמאָנט ווייזט בקיאות אין פאליטיק, אין געשיכטע, געאָגראפיע און אלע אנדערע שבע חכמות, און זאגט מוסר די אידן פארוואס זיי שרייבן ניט אונטער אן אלבום, וואס די איטאליענער שיקן צו עמיל זאָלא פאר זיין פארטיידיקן דרייפוסן, פארוואס מען זעט ניט, אז מען זאל איבערפירן פון דעם קריסטלעכן בית עולם „רעקאלעטא" די ביינער פון דעם יונגן ציוויליזאטאר יוליוס פאפער, וועלכער איז געווען א רומענישער איד; פאראן דארט סאטירישע „עשרת הדברות", וואו קיינער ווערט ניט געשוינט, אלץ אין זיין רומענישן דייטשמעריש. מיכל סיני דרוקט דאָ זיין ערשט ליד וואס רופט זיך „דער נר תמיד" און הויבט זיך אָן מיט דעם פערז:

„איך באוואונדער דעם כח
פאן ישראל דעם אלטען,
וואס ליעגט אזוי שטארק
ביי אים אין הארצן בעהאלטען.

אָן אמתער מוסטער פון דעם סטיל, אין וועלכן דעם „וויעדער - קול“ איז געשריבן, איז דאָס לייט־ארטיקל, פון וועלכן מיר גיבן דאָ דעם סוף:

„יעדער וועלכער אינטערעסירט זיך נור אונד איז געגויה בעקאנט אין דער פּאליטיק פאָן ארגענטינא וועט געשטעהן (מודה זיין) אַז נאָך זאָ אַ געמיש פאָן פערוויקלונג אונד פערפלאָנטערונג וויא אין איהר הערשט גיבט ניכט אין קיין שום אויסלענדישע פּאליטיק אונד עס איז ניכט אַזוי לייכט צו לעזען דאָהער מוססען וויר ווארטען ביז די צייט וועט אונז בעריכטען זאָוויע דער עברעאישער שפּריכווארט זאגט:

„הזמן עונה את הכל ופותר כל שאלה וחידה“...

„נור מיר מוססען קוקען אונד שוויגען, שווייגען און ווארטען אויף דער ענדע ווי דער רוססע זאגט: קאָניעץ וויענטשאַיעט דיעלאָ“.

(די רוסישע ווערטער זענען געשריבן מיט רוסישע אותיות).

אזוי ווי דער נומער איז דערשינען י"ד אדר, האָט ער שוין אויך אַן אנאָנס וועגן מצות.

דער צווייטער נומער, וועלכער איז דערשינען אין צוויי וואכן ארום, איז, ווי עס זעט אויס, אַ שטיקל רעאַקציע קעגן דעם ערשטן.

עס איז אנגעקומען פון זיין שליחות צו דער יק"א אין פּאריז דעם רעדאַק־טאָרס פאטער און ס'איז אים אפנים ניט געפעלן געוואָרן דעם זונס אויפטו, באזונדערס איז אים ניט געפאלן, וואס אין זיין זונס צייטונג ווערט באליי־דיקט דער אדמיניסטראטאָר פון מאָזעסוויל, צו וועלכן ער דארף נאָך אָנקו־מען, און טאקע אויך דער אנגריף אפן ציוניזם, האָט דעריבער דער זון מכבד געווען דעם פאטער דעם רב, ער זאל אנשרייבן דעם לייט ארטיקל און דער רב סיני, מ'ר'ס, ווי ער שרייבט זיך אונטער, שרייבט דאָרט אַ דרוש וועגן שלום, אידישע געשיכטע, אידישע פארפאלגונגען, אידישע אחדות, און לאזט אויס:

„מיר ווילען זיטצען רוהיג שטיל און בשלום מיט יעדן מענשען (אבער ווען ער נאָר דעם נאָמען מענש פארדינט) צו בעהאנדלען ניט צו זידלען, שימפּפען, אבער אויך ניט צו חנפה'נען יעמאנדען מיר שטעהען ניט מעהר נאָר אום צו עמפּפאנגען די ערנסטע ווארמע שלום עליכם־ס פאָן דיא וועלכע מיט אונז סימפּאטיזירען און וויססען וויא אונזער ריעזישע אונטערנעהמונג צו אונטער שטיטצען, ליידער אבער האָט זיך

ארייננעפלאנטעט א מעשה שטן אזוי ווי אויף צו להכעיס און דער פאר־שטעלטער „בלעם בן קרח“ פאלט אריין אין דער מיטט...“

די פארטזעצונג פונם „וכוח“ איז שוין אין דעם נומער נישטאָ, דער־פאַר איז אבער פאראן א „פורים פלאָדערייא“, אונטערגעשריבן פון איש יהודי, וועלכער איז משמעות דער זעלבער בלעם בן קרח, (א סברה אז א. ווערמאנט) און דער רעדאקטאר איז אים מפיים מיט אן אנמערקונג:

„ווערטהענסטער שרייביר, איך פינדע מיך פערפפליכטעט איהנען אוים צו דריקקען מיין ערנסטען דאנק פיר איהרע בעמיהונג וועגען דאס בלאַטט“.

ער קען זיך אויך ניט העלפן געגן דער באמת אינטערעסאנט אנגעשרי־בענער הגדה לפסח וועגן די געשעענישן אין מאזעסוויל און דרוקט זי אפּ; און אין דריטן נומער האָט ער זיך שוין אינגאנצן אויסגעטון פון דער מורא פון זיין פאטער דעם רב און האָט פארנומען א גאנצע זייט פון דער צייטונג מיט א פארטזעצונג פונם „וכוח“.

אינם צווייטן און דריטן נומער פיגורירט שוין א נייע רובריק: „למען ציון“ פאר ציוניסטישע פראפאגאנדע און עס באווייזט זיך א נייער מיט־ארבעטער, לש"י, וואס פון לינקס אויף רעכטס איז דאָס די ראשי תבות פון יעקב שלום ליאכאָוויצקי.

אין צווייטן נומער באווייזט ער זיך מיט צוויי לידער, איינס אויף דער ערשטער זייט געווידמיט צום „וויעדער־קול“, וואס זיין ערשטער פערז לייענט זיך:

„שוין יאהרען לאנג גיי איך ארום
און וויל דעם אמת קריגען —
נור ליידער זעהע איך אומעטום
נור פאלשקייט, שווינדעל, ליעגען.

דאָס ליד איז גאנץ כאראקטעריסטיש פאר י. ש. ליאכאָוויצקי און פאר זיין ווייטערדיקער זשורנאליסטישער און געזעלשאפטלעכער טעטיג־קייט: ניט נאָר האָט ער אָפּערירט מיט סאציאליזם, אנארכיזם און ציוניזם, ווי איך האָב אים כאראקטעריזירט אין פריערדיקן קאפיטל, נאָר אויך מיט מאָראל. זיינע סאציאליסטיש־אנארכיסטישע, ציוניסטישע און מאָראלישע מעשים אין בוענאָס איירעס זענען אלבאקאנט און האָבן אפילו באקומען

אן אלגעמיינעם עפּיטעט: ליאַכאָוויצקיזם. זיין צווייט ליד רופט זיך „ווער איז מיין גאָט?“ און איז געווידמעט דעם ה׳ יוסף קאָרימאַן, וועלכער איז דאַן געוועזן פּרעזידענט פון דעם „אידישן ארבעטער פאַריין“. עס איז נישט ווער ווייסט וואס פאר א פּאָעזיע, דאך באַווייזט דאס ערשטע ליד, אז דאס צווייטע איז ניט גאָר אָריגינעל. א צווייטע „אָריגינאַליטעט“ איז די דערציילונג "געבאָרן און געשטאָרבן אין א העמדעלע“, אויך פון לש“י אונטערגעשריבן, וואס אז איר לייענט דאָס, ווילט זיך אייך דערמאָנען פון וועלכן רוסישן שרייבער איז דאָס איבערגעזעצט; די פּאַרשוינען אין דער דערציילונג זיינען רוסישע פּויערים, און פּלוצים באַגעגנט איר אזא זאַץ:

„יעדער איינער קאָן זיך פאַרשטעלן אַנטאָנס אונגליקליכע ליבע, יעדער איינער קאָן האָבן א באַגריף ווי ביטטער, ווי שלעכט עס איז קליינערהייט אַהן א מוטטער צו לעבען. אָ, די מוטטער ליבע ווי זיס, ווי טייער דאָס איז! און ווער קען נאָך אזוי פיהלען וויא קאַלט, וויא טרויעריג עס איז אהן א מוטטער, וויא מיר אידן?...“

דאָ זעט איר באַשיינפּערלעך ווי דער „זוכער פונם אמת“ האָט אריינגעבראַקט א שטיקל אייגענע פאַרפאַסונג כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון דער גנבה.

א. ווערמאָנט און י. ש. ליאַכאָוויצקי זענען ניט נאָר וועטעראַנען פון דער אַרגענטינישער אידישער זשורנאַליסטיק, זיי זיינען די וואס האָבן איר געגעבן דעם ערשטן טאָן, יעדער איינער זיין לייט מאָטיוו, ווי מען רופט עס אין דער מוזיק. שוין פון די ערשטע שפּראַצונגען אירע קוקן אַרויס זייערע צוויי באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע פּרצופים, וועלכע איך וועל מיך באַמיען צו מאַכן אַלץ בולטער אילוסטרירנדיק זיי מיט אויסצוגן און אָקטן גענומען פון די היגע אידישע אויסגאַבן.

דערווייל וועל איך זיך אומקערן צוריק צום רעדאַקטאָר פונם „וויעדער - קול“.

באַם שרייבן אפן שטיין דעם דריטן נומער איז ער שוין געוועזן א פאַרמאַטערטער. אין א ווענדונג „אַן דיע לעזער“ שרייבט ער דאָרט:

„שוין צווייא נוממערן פונ׳ם „וויעדער - קול“ האבין ערשיינט און דיעזער איזט דער דריטער, דריי בלאַטטיר וועלכע ענטהאַלטען צוועלף

זייטען מיט'ן האנד געשריעבען! האט יעמאנד א געפיהל דארין און פערשטעהט וויא שווער דיא ארבייט איזט?

„און דיעזע גאנצע שווערע ארבייט האָב איך איינער אליין גע־מוזט טאהן, אהנע די הילף פאן א צווייטער פערזאן. זאווי די שוואר־צע שקלאפען, אדער ווי די ארעסטאנטען אין דיא אָסטראָגען פאָן סיביר, זאָ ארבייט איך ארום דער צייטונג וויא טאָג אזוי נאכט, ריכטיג ווי צו געשמיט זיטץ איך איינגעבויגען איבער'ן שרייב־טיש, ניט ארויס־לאזענדיג פאָן האנד דיא פעדער זאָגאר אויף א האלבע רגע דעם אטהעם אפצוחאפען אָדער ארויס צו געהן אין די פלאטצער, וואו עס איז פריש...“

די דאזיקע וועגדונג איז אויך א מין התנצלות פאר די ליטעראריי־שע גנבות וואס מען האט אין די פריערדיקע צוויי נומערן געפונען. בא־זונדערס איז אָנגעוויזן געווארן אף אן ארטיקל אין צווייטן נומער: „מאדאם לא פראנס“, וואס איז קאפירט געוועזן פון די ניו־יאָרקער „אידישע גאַ־זעטטען“. דער רעדאקטאר מעלדעט דעריבער, אזוי ווי ער האט קיין צייט ניט נאכצוקוקן די דאזיקע גנבות, באפולמעכטיקט ער דעם „אין דער גאנ־צן צייטונגס וועלט דערמאנטן הערר א. ווערמאנט, צו נאך קאנטראלירן די איינגעשיקטע ארטיקלען“, און אלס באווייז דערויף דרוקט ער באלד ווערמאנטס א בריף צו אים וועגן דעם ענין. ווערמאָנט שרייבט:

„ליבער מיכל.

מיט דער פערזיכערונג דאס אין דער צוקונפט ווערדע איך איין מאל אין דער וואך זיין אין שטאדט, אללע ארטיקלען נאך צו קאנטרא־לירען בעפאָר דאס בלאטט וועט געדרוקט ווערין, און דער יעניגער וואס וועט אנצייגען דאס איין ארטיקעל אין פאָן אירגענד וואו איבערגע־קאפירט, דער יענער האט א פרעמיא פאָן 20 פעזאָס.

„דאמיט האפפע איך, דאס מיר וועללען דיא ליטעראַרישע גנבים פערטרייבען און פאר די שרייבער וועלכע ווייסען און פערשטעהן, איז די צייטונג פריי און אונפארטייאיש זאָלאנג מען וועט ניט בעריהרען די רעליגיאן און פערזאנליכע אַנערגריפע“

איהרער ערגעבענער

א. ווערמאנט“.

עס איז שוין אבער ווערמאנטן פארשפּארט געוואָרן די ארבעט פון נאכקאנטראלירן די אריינגעשטיקטע ארטיקלען. נאָכן דריטן נומער, וועל־כער איז דערשינען י״ג ניסן, האט זיך דער „ווידער־קול“ אפּגעשטעלט, כאטש עס איז אין דעם נומער אנונסירט, אז „דער פיערטער נומער פון „ווידער־קול“ ווירד ערשיינען נאך פּסח“ און כאטש אין זעלבן נומער איז צום סוף אנונסירט, אז „דען 15 מאַי ווירד ערשיינען דער נומער 5 פונ׳ם „ווידער־קול“ געדרוקט אין א טיפּאגראפיע מיט שריפט וואס איז ספּעציעל אויסגעשריבן געווארן פון ליעדז (ענגלאנד). דעם פערטן נומער האָב איך געזעען בא מיכל סיני אן אויפגעשריבענעם, נאָר ניט ליטאָגרא־פירטן. דער דאזיקער נומער איז שוין געווען געשריבן מיט גרעסערע או־תיות און אין א קלענערן פארמאט. א. סיני איז שוין באמת פארמאטערט געווען פון דער ארבעט.

„דער אידישער פּאָנאָראַף“

(1898)

די דריי נומערן „וויעדער־קול“ האבן צערייצט דעם אפעטיט. שווער צו זאגן בא וועמען מער: בא די לעזער, בא די קהלס־לייט, אדער בא די שרייבער. קהלס־לייט זיינען דעמאלט געווען אזוי פיל, וויפיל לעזער, און שרייבער אזוי פיל, וויפל קהלס־לייט. דעם דעמאלסדיקן קליינעם אידישן ישוב האט ארומגעכאפּט א מין בייסעניש צו קהלן זיך, צו שרייבן, צו קאנקורירן מיט כלל־טוערי און מיט לומדות. עס איז געווען די צייט פון אידייען־אויפשוואונג בא אידן, דער ציוניזם, דער סאציאליזם, די קאלא־ניזאציע; עס זיינען געוואקסן די לאקאלע קהל׳שע הצטרכות׳ן, תלמוד תורה, בשר כשר, צדקה לעניים וכדומה, און דאָס האָט גענוג גערייצט דעם חשק א שיין צו טון מיט קענטעניש און אידעאליזם, און מען האָט זיך שוין טאקע אויך גענויטיקט אין א פּלאץ פאר א קול קורא, פאר א מודעה: מער פון אלץ האט אבער אנגערייצט דער אינטריגירנדיקער כא־ראקטער פון דעם „וויעדער־קול“. אלע האבן זיך געפילט אינטריגירט, געזעלשאפטלעך אדער פערזענלעך, וואס דאס איז שווער געווען אפּצו־טיילן איינס פון דאָס אנדערע אין יענער צייט. און דאָס אפּשטעלן זיך פונם „וויעדער־קול“ האט איבערגעלאזט דעם עולם אין דער מאדנער לא־גע פון איינעם, וואס האלט אין שרייען און בלייבט אפּגעהאקט אין מיטן געשריי.

געווען אויך אזעלכע אידן, וואס האבן זיך דערשראקן פאר דעם רעש. יאָ, א צייטונג איז טאקע נויטיק, מע דארף פּראפּאגאנדירן דעם ציוניזם, מע דארף וועקן די אידן צו אידישקייט און צו צדקה, נאר ניט מיט רעש...

אט דאס האט ארויפגעפירט איניקע באלעבאטישע כלל טוער מיטן

פרעזידענט פון פאריין „פועלי צדק" סאלי באָראָק, א פאבריקאנט פון רעגנמאנטלען, אין דער שפּיץ, ארויסצוגעבן אן אייגענע צייטונג, א ש ט י ל ע, און טאקע אן אמתע צייטונג, א געדרוקטע, מיט אנאנסן, וואס זאלן דעקן די הוצאות. די שרייבער פון „וויעדער־קול" זאלן ניט צוגעלאזט ווערן; פאראן גענוג איידעלע אידן, אָן זיי, וואס קאנען שרייבן און וועלן שרייבן, און אפן ערשטן פּלאן יעקב יאסעלעוויטש (בן יוסף). אלס רעדאק־טאר האט מען אויסגעשריבן דעם ה' פאביאן ש. הלוי, וועלכער האט זיך דעמאלט געפונען אין א ענטרע ריאָסער קאָלאָניע אלס לערער אין א יק'א־שולע. א איד, א בן תורה, און א משכיל, א בקי אין אלע חכמות, אויס־געלייענטע פון „החכם אלעקסאַנדער הומבאלדט" און פון חיים זעליג סלאָ־נימסקים מאמרים אין דער „הצפירה".

לויט עס דערציילט פאביאן ש. הלוי, האט ער ניט גערן אנגענומען דעם פאסטן, מחמת ער האט ניט געקאנט קיין „זשארגאָן" (צו לערנען מיט די אידישע קינדער פון א יק"א־שולע האט מען אפּנים קיין אידיש ניט גענייטיקט קענען), און האט איבערגערעדט וועגן דעם ענין מיט זיין פריינד שלמה ליעבעשוץ (דערמאנט אין ערשטן קאפּיטל). ש. ליעבעשוץ האָט אים בארואיקט, אז דאָס איז פון די קלענסטע דאגות, איר וועט שרייבן — האָט ער געזאגט — דייטש מיט אידישע אותיות, וועט דאס הייסן זשארגאָן.

און אזוי איז עס געווען.

אין דעם אילוסטרירטן זשורנאל „קאראַס אי קאַרעטאַס" (פּנימער און מאסקעס) פון יענער צייט, וועלכער דרוקט א אילוסטרירטע נאטיץ וועגן „אידישען פאנאגראף" ווערט אויפגעקלערט דעם שפּאניש לעזער איבער דער „קוריעזער שריפט פון דעם אָריגינאלן קאלעגע", וואס לייענט זיך פון רעכטס אף לינקס, און וועגן דער שפּראך פון דער צייטונג ווערט געזאגט: „ס'איז א מין גערמאנישער „ארגא", וואס איז שטארק פאר־שפּרייט צווישן די אידן, און די גערמאנער וואלטן אים גאנץ לייכט פאר־שטאנען, ווען ער וואלט געווען געשריבן מיט גאטישן אדער לאטייני־שן שריפט".

אגב, אן אנמערקונג פאר געשיכטע־שרייבער וועגן פארזיכטיקייט מיט די דאטומס: אונטער דער פאטאגראפירטער ערשטער זייט פון „אידישען פאנאגראף", מיט וועלכער דער דערמאנטער זשורנאל אילוסטרירט זיין

EL FONOGRAFO HEBRAICO

דער

אידישער פאנאגראף

דער ערשטער אין ארגענטינא

El primero en la República Argentina

Redaccion y Administracion Corrientes 2046 — שלום שלום לרחוק ולקרוב — Redactor Responsable Fabian S. Halevy

№ 1

אונזערע אגענטען

פאן

"אידישען פאנאגראף"

פ' גלאוברג,

ס כאסס.

סעהלמאן,

מה אנחנו!

ת"ח אין בוענאס איירעס.

פאקסימיל פון דער ערשטער זייט „דער אידישער פאנאגראף"

נאטיץ און וואס מיר דרוקן דא איבער, איז אונטערגעשריבן: „פּאקסי־מיל פון ערשטן נומער“ און איז געגומערירט מיט א נומער 1; ווען איר קוקט זיך אבער צו צום טעקסט, זעט איר אן ארטיקל אונטערן קעפּל „מה אנחנו!“ איבער וועלכן עס איז דא אן אנמערקונג (פאַרזעצונג פון נומער 29). ס'איז קלאר, אז דא איז געמאכט געווארן א טריוק; מען האט אפּן נומער 30 אויפגעקלעפּט א נומער 1. וואס וועלן גוים וויסן!..

אדמיניסטראטאָר פונם „אידישען פּאָנאָגראַף“ איז ווידער געווען יואל ראזנבליט, דער אדמיניסטראטאר פונם „וויעדער־קול“; נאר קיין ליעדז (דער גרעסטער מקום פון אידישקייט אין ענגלאנד אין יענער צייט) נאך אידישן שריפט, האט ער נישט געשריבן, אדער ער האט געשריבן און מען האָט נישט געשיקט; ווי די זאך איז, ס'איז באשערט געווען, אז די ארגענטינער אידישע זשורנאליסטיק זאל זיך אויסצייכענען ניט נאר מיט דער אייגנארטיקייט פון איר זשורנאליסטישער עטיק, זשורנא־ליסטישער פארם, סטיל און שפּראך, נאר אויך מיט אירע אותיות. אנ־שטאט צו ברענגען די אותיות פון ליעדז, האט ער זיי באשטעלט בא א היגן גיסער, לויט סיני'ס אדער פון עמיצן אנדערש אויפגעשריבענע מאדעלן, און ארויסגעקומען איז א מין געמיש פון רש״י כתב מיט סופרישן, צוזאמען מיט קרומע סידור אותיות, מיט לאנגע עקלעך, און דאס אויג גייט דעריבער איבער די שורות פון דעם „אידישען פאנאגראף“ ווי איבער צעאקערטער ערד.

דעם ערשטן נומער פונם „אידישן פּאָנאָגראַף“ איז מיר ניט געלונגען צו באקומען און אויך ניט פעסטצושטעלן דעם דאטום פון זיין דערשיינען. לויטן חשבון איז ער דערשינען ענדע יולי אדער אנהויב אויגוסט. אנגע־הויבן האט ער אלס וואכנבלאט און באלד איבערגעגאנגען צו דערשיינען צוויי מאל אין וואך.

גערופן האָט זיך די צייטונג „דער אידישער פאנאגראף“ און האָט געהאט א שפאנישע איבערשריפט "על פאנאגראפא העבראיקא" און אונ־טערן טיטל אין אידיש און אין שפּאניש: „דער ערשטער אין ארגענטינע“ א חוץ דעם האט די צייטונג געהאט א מאָטאָ: „שלום שלום לרחוק ולקרוב“.

און באמת, אז איר מישט די נומערן פון יענער צייטונג, זעט איר אויף זיי אויסגעגאסן א זעלטענעם פרידן און א טייטש־חומשדיקע גליק־

זעליקייט און לייטזעליקייט, און ווען איר ווייסט ניט פונם „וויעדער־קול", אז אין יענער צייט האט עס געברויזט אין די אידישע קאלאניעס מיט דער אומצופרידנקייט פון די ערשטע קאלאניסטן, א געברויז, וואס האט זיך איבערגעטראגן אין דער הויפּשטאט דורך די קאלאניסטישע „פליטים"; ווען איר ווייסט נישט, אז די קאלאניסטן האבן געליטן פון זייער אומדער־פארנקייט אין דער ארבעט, פון די ווילדע אומשטענדן ארום, פון דעם ווילדן גאוטש און פון די ווילדע בהמות און דערצו פון דער יק'אס „אור־ריאדניקעס" — די אדמיניסטראטארן; ווען מיר ווייסן ניט, אז אין שטאַ־טישן ישוב האט עס דעמאלט געקאכט און געזאטן מיט געזעלשאפטלעכע און פערזענלעכע אינטריגעס, מיט דעם אומרו פון איינארדנען זיך און שאפן די ארטיקע אינסטיטוציעס און דאס אלץ צווישן אן אנגעלאפענעם עולם, וואס איז צווישן זיך פרעמד און אפילו אנטאגאניסטיש, פאדאליער און ליטוואקעס, פוילישע און בעסאראבער, מזרח אידן און מערב אידן, אן עולם פון קוים איינגעארדנטע אדער פריש אנגעקומענע אין דעם נייעם ווייטן לאנד, בא וועלכע עס דעמאנסטרירט זיך אפן שארפסטן אופן פון איין זייט די תקיפות פון דעם ארויפגעארבעטן און פון דער אנדערער זייט די אפּ־הענטיקייט פונם אימיגראנט; — ווען איר ווייסט נישט אט דאָס אלץ פון אייגענער דערפארונג און פון דעם, וואס ווערט דערציילט אדער אנגעדאכט אין אנדערע אויסגאבן פון יענער צייט, וואלט איר, בלעטערנדיק „דעם אי־דישן פאנאגראף" געקאנט זיך פארשטעלן, אז די אידן אין די קאלאניעס ווי אין שטאט זיינען שוין דעמאלט געוועזן געקומען „אל המנוחה ואל הנחלה", זיצן זיך „איש תחת תאנתו ואיש תחת גפנו" בא די שטילע וואסערן פון א שילוח־טייך אין דער רו פון א דרום אמעריקאנישער „סיעסטא" (מי־טאג רו) און לייענען זיך, ווי שבת נאכ'ן קוגל, די מאמרים פונ'ם רעדאק־טאר וועגן דער הויכער פילאזאפיע פון „יודענטום" וועגן דער „מיסיאָן" פון דער כנסת ישראל צווישן די אומות־העולם, און באוואונדערן דעם רעדאקטארס „קענטניסע" אין די קליינע אותיעלעך.

דעם רעדאקטארס מאמרים, מערסטנס איבער א יום טוב, א תענית זיינען אָנגעשפּיקעוועט מיט מדרשים און מאמרי חזל און האָבן אומ־באדינגט א מאָטאָ איבער זיך, ווי למשל: „נמשלה כנסת ישראל לקנה, מה קנה עומד במים וכו'"... און אויך וועלטלעכע חכמה: „איין פאלק

האָט זאָ וויא איין איינציגער מענש דריי געווייסע און פאָן דער נאַטור פעסטגעזעצטע פעריאדען אים לעבען..."

אין „אידישן פאָנאָגראף" האָבן דעם גרעסטן פלאַץ פארנומען די ציוניסטישע פראפאגאנדע־ארטיקלען פון בן יוסף (יעקב יאסעלעוויטש), אדער זיינע רעדעס, וועלכע ער פלעגט שטענדיק לייענען פון פאפיר, מחמת ער האָט שטאַרק מקפיד געווען אפן סטיל. וועגן יעקב יאָסעלע־וויטשס ארטיקלען דארף אגב געזאגט ווערן, אז זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט צווישן די איבעריקע מיט זייער פאלקסטימלעכן אידיש און אויך מיט זייער ארטאגראפיע, וועלכע איז נענטער געווען צו דער רוסיש אידישער.

זיינע ארטיקלען פלעגט יאסעלעוויטש אליין קארעקטירן, כדי עס זאל ניט שולט זיין אף זיי דעם רעדאקטארס דייטשמעריש און זיין איגנא־רירנדיקע באציונג צום „זשארגאן", וועלכן יאסעלעוויטש האט גראד ליב געהאט און קולטיווירט. ניט אומזיסט איז ער געווען א מקורב צו מענדע־לען אין ארעס!..

א ביישפיל:

אונטער א דייטשמערישן קעפל פונם רעדאקטאר איבער יאסעלע־וויטשעס א געדרוקטער רעדע:

„איינע רעדע, וואס איז געהאלטען געווארדען בייא דעם פעראיין „ציון", פאָן בן יוסף", לייענט איר בן יוסף'ס געפאלירטען אידיש אין מענדעלעס סטיל:

„מיר האָבען אנגעצונדען א קליין לעמפעלע און עס ברענט. פון איהם האָבען דערנאָך גענומען פייער אנדערע — אין די קאלאניעס, אין דער פראווינץ, און האפענטליך וועלען צוקומען נאָך און אזוי וועלען מיר לאנגזאם און פארזיכטיג צוגיסן בוימאייל עס זאל ווייטער ברענען; גרויסע פייערס מאכען, מיט באמבע, אנצינדען א בינד שטרוי עס זאל מיט אמאָל א פלאקער טהון און זיך דערנאָך ווידער אויסלעשען, דאָס געפינען מיר פיר אונפראקטיש„.

אויב אין זייער באציונג צום זשארגאן זיינען די צוויי הויפט־זיילן פון „דעם אידישען פאנאגראף" זיך פאנאנדערגעגאנגען, זיינען זיי אבער זיך

צוזאמענגעקומען אין זייער באציונג צו געזעלשאפטלעכער ארבעט, ווי עס איז אויך צו זען פון דעם געבראכטן ציטאט.

אין דער דאזיקער רעדע בארירט יאָסעלעוויטש א פאקט פון דער געזעלשאפטלעכער הפקרות פון יענער צייט: א געוויסער אוואנטיוריסט מיט צווייפלהאפטער באשעפטיקונג אין בוענאָס איירעס, איינער מיטן נאָמען סאָן, האָט געמאכט א נסיעה קיין אייראָפּע, ווער ווייסט צוליב וועלכע טונקעלע געשעפטן, און איז פארפארן אלס... דעלעגאַט פון ארגענטינער ציוניסטן צום ציוניסטישן קאנגרעס. ריידנדיק וועגן דעם דאָזיקן סקאַנדאַל, היט זיך יאָסעלעוויטש צו דערמאנען סאַנס נאָמען, און קומט אפּ מיט... פּינטעלעך. אז איר ווייסט ניט וועגן דעם פאקט, וועט איר זיך פאר קיין פאל ניט אנשטויסן, וואס ער האָט געמיינט מיט די פּינטעלעך.

צו דער פּערזאָן פון יעקב יאָסעלעוויטש וועלן מיר זיך נאָך איינמאָל אומקערן ווי צו א רעדאקטאר און מיטארבעטער אין ווייטערדיקע אויסגאַבעס, דורך זיין געזעלשאפטלעכע און זשורנאליסטישע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט מיִט איר פארב, — שטילקייט, באשיידנקייט און פארזיכטיקייט — באפארבט א געוויסן טייל פון דער ארגענטינעשער אידישער געזעלשאפטלעכקייט, די ציוניסטישע, וואס איר אנהויב געפינען מיר אין „אידישען פאנאגראף“, אין די ארטיקלען פון יעקב יאָסעלעוויטש, דעם לידער פון די ארגענטינישע ציוניסטן.

די באציונג פון „דעם אידישן פאנאגראף“ צו דער קאלאניזאציע פון באראן הירש און צו די שטענדיקע סכסוכים צווישן דער יק“א־אדמיניסטראציע און די קאלאניסטן, איז געווען די זעלבע ווי צו אלע אנדערע געזעלשאפטלעכע ענינים: שא, שטיל און שלום; נאר אז די קאלאניסטן האבן זיך פארט געלאזט הערן, האבן פארווארפן דעם רעדאקטאר מיט קלאגעס און אז די קלאגעס זיינען פון אים דערשטיקט געווארן, האבן זיי געפונען פאר זיך אן אנדער וועג, אין א. ווערמאנטס „פאלקס־שטימע“, וועלכע איז שוין דאן דערשינען, אדער גאר אין אויסלאנד, אין די אמעריקאנער און לאנדאנער אידישע צייטונגען, אדער אין דעם פּעטערבורגער „המליץ“, האָט דער רעדאקטאר געפונען פאר נויטיק ארויסצוטרעטן מיט

אן ארטיקל "ועל העבודה", וואס ציט זיך אין צוויי נומערן 5 און 6. דאס ארטיקל הויבט זיך אן מיט באטראכטונגען וועגן דעם ווערט פון ארבעט, אינספירירט פון דער ריי ארטיקלען, וואס זיינען אונטערן זעלבן קעפל געדרוקט געווען אין יענער צייט אין „הצפירה", און גייט נאכדעם איבער צו דעם ארטיקן פראבלעם, צום באראן הירש ז"ל, וועלכער „מ י ר ק ע־נ נ ע ן ז י י ן פ ע ס ט א י ב ע ר צ י י ג ט ה אָ ט נ אָ ר ד א ר י־ב ע ר נ י ט א י ן פ א ל ע ס ט י נ ע ק אָ ל אָ נ י ז י ר ט, א ו ם נ י ש ט צ ו פ י ע ל ר ע ש א ו י ף ד ע ר ו ו ע ל ט מ א כ ע ן". ער רעדט איבער „די ביידע גראססע אונד עדעלע יודעשע הערצער" (באַראן ראטשילד און באראן הירש), וועלכע „ווארען ביידע געוויסס צו גע־גרייט אויף די אללע שוועריגקייטען וואס עס איז ביי איין גראסס ווערק דורך צוא מאכען". און דא גייט ער איבער צו מוסערן די קאלאניסטן, אז זיי זיינען „מתאוננים" פונקט ווי די אידן אף משה'ן, וועלכער האט זיי ארויסגעפירט פון מצרים.

ער פארגייט זיך ווי א מגיד אפן באלעמער און שרייבט:

„מיר זעהען אז דער נביא ירמיה זאגט אין זיין ערהאבענער מליצה אין דעם נאמען פון גאטט צו דעם יודעשען פאלק: זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אהרי במדבר בארץ לא זרועה. איך געדענק דיר (מיין פאלק) דיא גנאדע פאָן דיין יוגענד, דיא ליעבע פאָן דיין בראטשטאנד דה ווענן דוא ביזט מיר נאָך איין כלה געוועזען, ווען דוא ביזט מיר נאך געגאנגען אין איין מדבר וואס איז ניט בעזייט".

„ווען מיר צוריקזעהען, וויא די יודען האָבען זיך אין דער מדבר אויפגעפיהרט, וויפיל יגון ואנחה מאן האט פאָן זייא געליטטען, וויא פיעל מאל האבען זיי געוואלט צוריק געהען נאך מצרים, וויא פיעל מאל האבען זייא בעדויערט דאס פלייש מיט דיא פיש און אנדערע זאכן מיט וועלכע זייא האבען זיך געקעננט זאט עססען אין מצרים, און וועלכעס עס האט זייא געפעהלט אין דער מדבר. וויא פיעל מאל האבען זייא זיך רעוואלטירט און געבונטעוועט, נעגען זייער גראססען לעהרער און בעפרייער..." א. א. וו. אין דעם סטיל.

צום סוף פונם ארטיקל קומט א טאבעלע וועגן דער צאהל פארזייטע

העקטארן תבואה, אלס באוזייז פון דעם פארשריט וואס די יק"א קאלאני־
זאציע אין ארגענטינע האט געמאכט.

עס אז פארשטענדלעך, אז די קאלאניסטן האבן אזא צייטונג ניט געקאנט באטראכטן פאר זייערער און האבן גערן אויסגעשריבן ווער־מאנטס „פאלקס־שטימע".

אין יענער צייט האט זיך אויך אנגעהויבן די אויסטיילונג פון די פרויהענדלער פון צווישן דער איבעריקער אידישער געזעלשאפט. פון צייט צו צייט פלעגט ארויסשווימען א סענסאציע, — א מיידל איז פארפירט געווארן, מען האט אנגעהויבן נאכקוקען, וועלכער פרויענהענדלער פארט קיין פוילן אדער גאליציע און רומעניע נאך „סחורה". אט אזעלכע עפי־זאדן און סענסאציעס, מיט וועלכע עס איז רייך די „פאלקס־שטימע", האבן אין „דעם אידישן פאנאגראף" קיין פלאץ ניט געהאט. ערשטנס איז עס ניט געלעגן אין כאראקטער פון דעם רעדאקטאר; צווייטנס האט ער געהאלטן, איז ניט כדאי מטמא צו מאכן די צייטונג מיט אזעלכע ידיעות און דריטנס: ס'האט זיך איינמאל ארייגעכאפט אין צייטונג א פאר ווערטער וועגן די פרויענהענדלער, זיינען אפן צווייטן טאג אנגעקומען פיל צייטונגען צוריקגעשיקט... פון דעם לעצטן מאטיוו איז צו זען, אז די פרויענהענדלער, די סוטענערן, האבן געגעבן פון זיך א באדייטנדיקע צאל לעזער פאר די דעמאלסדיקע אידישע אויסגאבעס, וואס זייער גאנ־צער טיראזש איז באשטאנען פון העכטנס 500 עקזעמפלארן.

א אינטערעסאנטער שטריך פאר דער כאראקטעריסטיק פון די ערשטע ארגענטינער אידן, איז דער פאקט, וואס פיל אבאנענטן האבן געבעטן, מען זאל זיי שיקן די צייטונג אין א קאנווערט אדער איינגעוויקלט אינ־גאנצן אין פאפיר, אז מען זאל ניט ארויסזעען די אידישע אותיות.

בא היינטיקן טאג איז עס א גרויסע זעלטנקייט אז א איד פון ער־גיץ א פארווארפענעם ישוב, וואס וואוינט איינער אליין „צווישן גוים" און וויל ניט מען זאל אים קענען אלס „רוסא" (דער פאפולערער נאמען פאר די אידן), זאל שטעלן אזא באדינג דעם „געערטן רעדאקטאר" באם אויסשרייבן א אידישע צייטונג. אין יענער צייט איז דאס געווען א גע־וויינלעכע דערשיינונג.

א אידן אז מען האט געזאגט „רוסא“ וואס האט שטענדיק געקלונגען מיט חוזק, פלעגט ער זיך באלד אפשאקלען: „זשא סאַי אַלעמאַן“ (איך בין א דייטש). אן אנדערער פלעגט פארבייטן דאס ווארט „אלעמאַן“ אויף „אנימאל“ (בהמה), אדער מען פלעגט עס אים שוין זאגן בא אזא מין געשפרעך. געווען אויך אזעלכע, וואס פלעגן זאגן, אז זיי זיינען טאקע „רוסאס„ נאר „ווערדאדעראס“, (אמתע) און ניט קיין כודיאַס (אידן).

דאס פארלייקענען די אידישע אנגעהעריקייט פלעגט דערגיין אזוי ווייט, אז פיל געשעפטסלייט, שליסנדיק אין א ראש השנה אדער יום כפור די קראם, פלעגן אויפקלעבן א קוויטל אפן אראפגעלאזטן שטאר: “Cerrado por duelo familiar” (געשלאסן צוליב אבלות אין דער פאמיליע), ניט איינמאָל פלעגט א קליענט פרעגן מיט איראָניע: וויפיל שווינגערס האָט איר געהאט?

שוין אין די שפעטערדיקע יארן, געדענק איך, אז דאָס לייענען א אי־דישע צייטונג אין טראמוויי, למשל, איז געווען א נאציאנאליסטישע דע־מאָנסטראציע, פונקט ווי אנרופן זיך „כודיאָ“ (איד) פילנדיק דערביי א מין צולהכעיס, כאָטש דאס פלעגט אויפגענומען ווערן גאנץ גלייכגילטיק אדער העכסטנס מיט א געוויסער קוריאָזיטעט.

און דער דאזיקער שטריך פון שעמען זיך מיט אידיש איז אפנים ניט נאָר אונדזערער אן ארגענטינישער, נאר איז אויך פאראן אפילו בא די ניו־יאָרקער אידן. עס דערמאנט זיך מיר, אז בעת עס איז אויפגעהויבן געוואָרן אין אמעריקע די פראגע וועגן אומבייטן די אידישע אותיות אויף לאטייניש, האט דער שארפסטער פארטיידיקער פון דער דאזיקער רעפארם, אברהם רייזין, אנגעגעבן אלס ארגומענט דאָס שעמען זיך צו לייענען א אידישע צייטונג אין דער עפענטלעכקייט.

ניט, פארשטייט זיך, צוליב שעמען זיך מיט אידיש, האָט „דער אידי־שער פאָנאָגראף“ זיך אפגעשטעלט איידער נאך ער האָט דערגרייכט פולע פיר צענדלינג נומערן און אויך ניט מחמת א נאָטיץ קעגן די פרוויענהענד־לער, נאר פשוט, צוליב דעם וואס א. ווערמאָנטס צייטונג „די אידישע פאלקס שטימע“ האָט זיך מער אימפאנירט. זי האָט געגעבן פלאץ די קא־

לאניסטן אויסצורײדן זיך דאָס הארץ, אויסצוקלאגן זײער אומצופרידנ־
קײט, און אין שטאט האט זי געגעבן פּלאץ יעדן אײנעם ארויסצוזאגן זיך,
אפּטמאל מיט די ערגסטע עפּיטעטן פון אײן כלל טוער אויפן צװײטן,
און אלײן דעם רעדאקטאר האָט קײן עפּיטעטן ניט אויסגעפעלט, סײ דע־
מאָלט װען ער האָט אָנגעגריפן די פּרויענהענדלער, סײ די ציוניסטן אָדער
די פארװאלטער פון באַראָן הירש׳ס פארמעגן, צי גאָר די כלל־טוער פון
א ת׳ת, אויפמישנדיק דערבײ דעם יחוס ביזן צענטן דור, אדער דאס שטוב
לעבן פון זײן „קליענט“.

נאר לאָמיך זיך ניט ארײנרײסן אין גבול פון מײן װײטערדיק אר־
טיקל, װעלכער איז געװידמעט דער „פאלקס שטימע“ און איר רעדאקטאר.

אברהם ווערמאַנט און
„דיא פאָלקס שטיממע“
(1898—1914)

כדי צו שאפן זיך א באגריף וועגן דעם וואס אזעלכעס ס'איז געווען „דיא פאלקס שטיממע“, דאָס אידישע וואכענבלאט וואס איז רעדאקטירט און ארויסגעגעבן געווארן פון אברהם ווערמאנט, כמעט אָן איבעררייס אין משך פון 16 יאר, — פון מיטן 1898 ביז מיטן 1914 — מוז מען קענען איר רעדאקטאר און אייגנטימער אברהם ווערמאנט.

געוועזן איז אין גאלאץ (רומעניע) א שוחט מיטן נאמען סאַניע גרינ־בערג וואס זיינע קינדער זיינען ארויס „לתרבות רעה“, אוועק צו די גויים, איינער איז געווארן א קינסטלער א מאלער, א צווייטער א שרייבער און אפילו זייער פאמיליען־נאמען האָבן זיי פארביטן. דער מאלער האָט זיך א נאָמען געגעבן סאַנילעוויטש, דער שרייבער — רעדאקטאר פון א גרויסער רומענישער צייטונג — האט זיך א נאמען געגעבן ווערמאנט (די רומענישע פארטייטשונג פון גרינבערג), און איינער פון סאני שוחטס זין, אויך א „משומד“ (לויט אייניקע זאגן), אויך א זשורנאליסט און אויך אַ ווערמאָנט, איז פארווארפן געווארן קיין ארגענטינע אין די ערשטע יארן פון דער אידי־שער איינוואנדערונג און דאָ... צוריקגעקומען צו זיין שורש, צוריק אין אידישן געמויזעכץ אריין, אין דער קהלעניש פון תלמוד תורה און בשר כשר, אלס רעדאקטאר ארויסגעבער פון „דיא פאָלקס שטיממע“.

אין זיינע פריע קינדער־יארן האבן אברהם גרינבערג־ווערמאנטן זיי־

נע עלטערע ברידער אוועקגעגעבן אף צו באקומען „וועלטלעכע" דערציאונג אין א גריכיש־גלחישער שול, אָדער אזיל. דאָברודזשא, פון וועל־כער גאלאץ איז די הויפטשטאט, איז א בולגאריש, גריכיש־רומענישע פראווינץ. און די גריכן האָבן דאָרט אין יענער צייט, אין די 60־ער יארן פון פארגאנגענעם יארהונדערט, קולטורעל געהאט די אויבערהאנט. אין יענעם אזיל, ווי עס דערציילט ווערמאָנט אין „וויעדער־קול" נומער 1, האָ־בן די עלטערע קינדער געהאט זייער שול־צייטונג און אין דער דאזיקער צייטונג האָט ער, אלס 14 יעריק אינגל, געמאכט זיינע ערשטע זשורנאַ־ליסטישע טריט. ארויסקומענדיק פונם אזיל, איז ווערמאנט אלס יונגער בחור ארייגעפאלן אין דעם באהעמע־לעבן פון א וואנדערער איבער די שטעט פון באלקאן און אָריענט, פון וואנען ער איז שפעטער געקומען קיין ארגענטינע אלס פארטיקער „זשורנאליסט", ווי ער רעקאמענדירט זיך, אין זעלביקן נומער „וויעדער־קול". „א גויעשער צייטונגס שרייבער, וואס האָט די הוצפה דעם אמת צו שרייבן".

וועלכע זיינען די אָנשויאונגען, אלגעמיין פאליטישע און אידישע, פון דעם גויעשן צייטונגס־שרייבער, וואס האָט זיך גענומען צו אידישער זשורנאליסטיק? — ער האָט ניט קיין אנשויאונגען; ער איז דאָס וואס מען רופט א ווילדער זשורנאליסט. די בעסטע כאראקטעריסטיק אבער פאר אברהם ווערמאָנט, מיין איך, איז: באַלקאַן־זשורנאליסט: א זשורנאליסט פון כאָאס און פלאנטער.

דער באלקאן — דער צענטער פון די שארפסטע פאליטישע רייבונ־גען, דער פלאנטער און כאָאס פון נאציאנאַליטעטן קאמף, וואו אלע „מעכ־טע" האָבן געפלאנצט זייערע קולטורעלע און פּאָליטישע השפעות און ניט אויפגעהערט צו העצן איין טייל באפעלקערונג אף דער צווייטער, און דער אריענט — די ממשלה פון דעם הילפלאזן טיראן אבדול האמיד, דער פארקנעכטעטער פארקנעכטער; אן אמביענט פון באקשיש (שוחד), מסירה און אינטריגע; דער וועלט מארק פון פרויען און צירונג, אן אויפגעלויף פון אייראפעאישע נעגאציאנטן און אויסלענדישע פּאָליטישע מיסיעס, די „קאפיטולאציעס" מיט זייערע באדערפענישן פון „ציוויליזירטע", צווישן דאָס פאטריאכאלע, לעגענדארישע און אפגעלעבטע, וואו עס מישן זיך צוזאמען הארעם מיט הייזל, פאליטישע אינטריגע מיט ראמאנטישער

אוואנטורע, פרויעקטיגער פרויענהאנדל מיט מיסיאנערנטום: — דאס אלץ האָט פאַר־ענדיקט די דערציונג פונם גלחיש דערצויגענעם רומענישן אינגל און אויס־געפורמט זיין מח.

און וואס פאַר א אידישע אנשויאונג, און וואס א אידישע קולטור האט געקענט האבן דער בחור פון רומעניען, וואו די אידן זיינען געווען פשוט פארבלענדט פון דעם גרויסן כח פון דער „ליגע פאר מענטשן רעכט" און פון ראטשילדס פינאנציעלער גבורה, וואס האבן דורכגעזעצט אין 1872 דעם טראקטאט, לויט וועלכן די רומענישע אידן „באקומען" בירגער־רעכט! דאָס האָט די רומענישע אידן פאליטיש, נאציאנאל און קולטורעל פאראַ־ליזירט. אויס דאנקבארקייט צו דער „ליגע פאר מענטשן רעכט" און צו ראטשילדן, האָט זיך די אינטעליגענץ א כאפּ געטון צו לערנען פראנצוי־זיש, איז אוועק זוכן „קולטור" און איבערגעלאזט די אידישע מאסן אין רומעניע אין דער גרעסטער קולטורעלער אפגעשטאנענקייט. צו אברהם ווערמאנט האָט דעריבער ניט דערגרייכט ניט די אידישע השכלה, ניט די אידישע ליטעראטור, ניט דער ציוניזם אין זיין פאר־פאליטישער געשטאל־טונג, ניט גאלדפאדנס פאלקסטימלעכע השכלה דורך זיין טעאטער, וואס אין רומעניע איז געווען דער צענטער אירער, און אויך ניט דער סאציא־ליזם, וואס האט גראד אנדערע פון דער משפחה גרינבערג־ווערמאנט שטארק פארכאפּט.

אט אזעלכער, אן אנשויאונגס־לאזער און אן וועלכן געזעלשאפטלעכן אידעאל, וואס זאל אים ווארימען און פירן, נאר מיט דעם טעמפעראמענט פון א זשורנאליסט, — אן אויסנאם אין יענע צייטן ווען א זשורנאליסט בא אידן האט געהייסן א פאנען־טרעגער, א פאקל־טרעגער, אדער ווי פּרץ האָט געזאגט, א לאמפּנצינדער, — מיט א „באַלקאַן" אין מח און די גע־וואוינהייטן פון אן אריענטאלישן באָהעמע, האָט א. ווערמאַנט דאָ אָנ־געטראפן אן אמביענט, וואס איז אין פיל פּרטים ענלעך געווען צו יענעם: אומריינע מדות פון אויפגעלאפענע, אויסראטונג פון דעם אינדיאַ אין אונ־טערגאנג פון דעם גאָוטש, א פּלאָנטער פון השפּעות פון דרויסן און אמבי־ציעס פון אינווייניק, אמביציעס צו הערשן און אויסשפּרייטן זיך אפן חשבן פון די שכנים; א קלוימערשטע דעמאקראטיע מיט אן אמת פעאדאלן סיס־טעם פון הערשאפט אין די פּראווינצן, און אין דער הויפּשטאט אן אפענער

האנדל מיט ווײַלער־שטימען און ביכלל א צינישע באציונג צו דער מלוכה ווי צו א „שיסל מיט קעז": פּרוויענהאנדל פּונקט ווי אין אריענט, „הייז־לעך" האלטן אפן זייערע טירן אין אלע גאסן און פּרוויענהענדלער, מערס־טנס אידישע, פירן זייער מסחר אין די קאפע־הייזער אפן קול, ווי אין סטאמבול, „נקבות" האָבן א דעה ביים ארגענטינישן הויכן באאמטן, פּונקט ווי ביים טערקישן, און אידן — ווי אויף א יארידל פון טאַנדעטניקעס; מען שטעלט אויף געצעלטן, מען ווערטלט זיך דורך, מען זידלט זיך.

איז אט די יאריד־קולות נעמט זיך ווערמאַנט לאזן הערן דורך זיין אר־גאן „דיא פאלקס שטיממע".

באלקאניש אין גייסט, איז אויך באלקאניש זיין סטיל, אומקלאר און פארפלאנטערט, ניט נאָר הויבט ער אָן אַן ארטיקל מיט איין זאך און ענדיקט מיט עפּעס אנדערש, פארקריכנדיק ווער ווייסט וואו און ארײַנשלעפּנדיק געשעענישן און פּערזאנען וואס האָבן קיין שייכות ניט צום ענין, נאר אויך יעדער זאץ באזונדער איז אזעלכער. דער מח זעט אזוי פיל זאכן ארום זיך, אזוי פיל מעשים און געשעענישן און קען זיך אין זיי ניט אריענטירן, ער קען ניט כאפּן דעם אלגעמיינעם פאדים אויף וועלכן זיי זיינען אויפגעני־זעט און עס באקומט זיך א ים מיט קליינלעכע עוולות, פּערזענלעכע סכסוכים, אינטריגעס, רכילות, אזוי פיל, אז ווערמאַנט שרייט אויס: סדום!

סדום — אזוי פלעגט ווערמאַנט שטענדיק רופן דאָס אידישע בוע־נאָס איירעס. און אליין איז ער געווען איינער פון די אנשי סדום, ער איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון דעם מין סדומער כלל־טוער: האָט ארײַנגעקוקט און געוואוסט וואס ביי יענעם אין טעפּל קאכט זיך, יענעמס פּריוואַט־לעבן, פאמיליען־לעבן, ווי אזוי עס פירט זיך בא אים אין שטוב, וויפל קילאָ מצות, למשל, יאסעלעוויטש האָט גענומען אויף פּסח, אדער צי עמיצענס ווייב היט אפּ די דינים פון „מעין טהור", כאטש ער אליין האָט געלעבט א הפקר־לעבן, קיינמאל ניט חתונה געהאט און זיך אויפגעפירט גארניט ריין. ס'איז ביי אים אזוי לייכט געווען צו חנפהנען עמיצן, ווי זידלען אים אפן צווייטן טאג אין זיין צייטונג.

באקאנט איז זיינס א ווארט: „איך וועל דיך באוואשן מיט טינט!" וואס ער פלעגט באלד ווארפן אין פּנים, ווען ער האָט זיך מיט עמיצן פארטשעפּעט.

א. ווערמאַנט

עס גייען ארום מעשהס וועגן ווערמאַנטס שאַנטאַזשן. זיי זיינען אָבער אַזוי פיל און מיזערנע, אַז ס'וועט פּשוט זיין אַן עוולה אַקעגן דעם באַגריף שאַנטאַזש, וועלכער שטעלט זיך אונדז פאָר מיט אַ ברייטן פּאַרנעם און זשעסט פון אַן אַפּעריסט, אַנצואווענדן צו אים דאָס וואָרט שאַנטאַזש. ווערמאַנט איז קיין אַפּעריסט ניט געווען, ער איז גיכער געווען אַ קרבן פון די אומשטענדן, וואָס האָבן אים געצוואונגען צו באַנוצן קליינלעכע מיטלען אויף אָנצוהאַלטן באַם לעבן זיך און זיין צייטונג. פאַר זיך אַליין האָט ווערמאַנט געדאַרפט זייער ווייניק: דערנערט האָט ער זיך מיט אַ פּאָר שוואַרצע קאַוועס דורכן טאָג און געשלאָפן איז ער אין אַן ענג חושכדיק צימערל, מיט צייטונגען אונטערגעשפּרייט און מיט צייטונגען צוגעדעקט. קיין נייעם אַנצוג האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקויפט, קיינער פון די אַלטע תושבים געדענקט ניט ווערמאַנטן אין אַ נייעם אַנצוג. פון קערפּערלעכער היגיענע האָט ער ניט געהאַלטן און דעריבער האָט ער געהאַט אַ זייער ניט שיינע געוואוינהייט צו האַלטן די הענט פאַרשטעקט אין די הויזן און זיך קראַצן אויף די ניט אַנשטענדיקע ערטער. און בכלל האָט דער דאַזיקער מיטלוואוקסיקער פאַרשוין מיט דעם אַראָפּגע־רוקטן היטל איבער די פאַרקיסניעטע, אין ווייסע פליישלעך אַרומשווי־מענדיקע אויגן ווי מאַסלינעס, מיט זיין אומריינעם הילוך און פלוידער־דיקן ניט ריינעם לשון, אין וועלכן עס פלעגט זיך איבערחזרן אַן אַ שיר מאָל דאָס וואָרט „פאַרשטאַנען?" אָדער ווי עס פלעגט ביי אים אַרויסקו־מען „פפשטאַנען?", ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַפּעריסט און שאַנטאַזשיסט. ער האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומריינעם באַהעמע און פון אַ פאַרריקטן, וועלכן די שטאָט נוצט אויס און עקס־פּלואַטירט צו אירע צוועקן.

כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט פאַר ווערמאַנטן איז זיינע אַ דערקלערונג וואָס קומט אַלס איינלייטונג צו אַ ביילאַגע צום נומער 479 פון „פאָלקס שטיממע" פון 22־טן אויגוסט 1907:

ג ר אַ ט י ס

„ווער עס פאַרלאַנגט ווערט דיעזער סופּלעמענט גראַטיס מיט דער פּאָסט יעדע וואָך פריי געשיקט, אָדער קען עס גראַטיס נעהמען אין

דער קאַמביאַ פאַן איצקאַוויטש קאַלליאַא, פיר אוויזאָס צאַהלט, עצות בעט איך ניכט, טובות פאַרלאַנג איך ניכט, דעות הער איך ניכט, קרעדיט דאַרף איך ניכט, שולדיג בין איך ניכט, אין מזרח וויל איך ניכט, פריינטשאַפט גלויב איך ניכט, ווייל אין סדום אין דער נאַטה איז די אַסיסטענסיאַ פּובליקאַ, רעוואַלווער, טשאַקאַריטאַ אונד מחמדים גן עדן מיט 42 שעהנע מיידליך."

בטבע איז ווערמאַנט געווען אַ גוטהאַרציקער: ווי אַן אמתער באַהעמע, פלעגט ער אוועקגעבן וויפל ער האָט געהאַט ווען עמיצער פלעגט פאַר אים מאַכן אַ קרום פּנים. און עס זיינען שוין געווען אַזעלכע וואָס האָבן דאָס געוואוסט און די דאַזיקע מדה אין אים עקספּלואַטירט.

ווי אַזוי האָט ווערמאַנט געפירט זיינע געשעפטן?

„דיאַ פאַלקס שטיממע" האָט געהאַט אַ פּרייז, 10 פּעזאָס אַ יאָר, נאָר איינגעמאַנט האָט ער ניט לויטן פּרייז; מען פלעגט אים איבערהויפּט ניט באַצאָלן; פלעגט אַ קאָלאָניסט אַמאָל קומען אין שטאָט אריין, האָט ער זיך צערעכנט מיט ווערמאַנטן, אים געגעבן „אַ פּאָר פּעזאָס", וואָס איז שוין געווען פאַר דער ציטונג און פאַר אַן אַרטיקל וואָס ער האָט אים אָפּגעדרוקט (באַ ווערמאַנטן אין ציטונג האָט געקענט דרוקן אַן אַרטיקל יעדער איינער און שרייבן וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל, אַבי ער האָט באַצאָלט).

צו די שטאָטישע אַבאָנענטן פלעג ער גיין אַהיים, אין געשעפט, אָנגעפלוידערט, אָנגערכילותט און באַקומען אַ פינפערל און דערפאַר שוין אַריינגעשריבן אַ גוט וואָרט אָפּן אַבאָנענט אין דער „פאַלקס שטיממע", אָדער אָפּגעזידלט און „באַשריבן" דעם אַבאָנענטס אַ קעגנער. דאָס אייגענע איז געווען מיט אַנאָנסן. כאַראַקטעריסטיש איז אַז אויף די ערשטע נומערן פון „דיאַ פאַלקס שטיממע" איז ניט אָנגעגעבן קיין פּרייז פאַר אַבאָנעמענט און ניט פאַר די אַנאָנסן.

ווערמאַנט האָט געקענט יעדן איינציקן אין שטאָט פּונקט ווי אַלע האָבן געקענט ווערמאַנטן. אויך די פּראָווינצהעדלער האָט ער געקענט, יעדן איינעם ביי זיין נאָמען און צונאָמען. באַזונדערס נאָענט האָט ער געקענט די נאַלאַצער. זיין געבורטס שטאָט גאַלאַץ האָט צוגעשטעלט אַ היבשן קאָנטינגענט פּראָווינצהעדלער און אויך ווייספּלייש פאַרן אַרגענטינישן מאַרק, און זיי האָבן נאָך ביז היינט דאָ אַ באַזונדערן פאַריין פון רומענישע פּראָווי־

ענהענדלער, זייער אייגענע שול, און ניט פארשטייט זיך בלויז צוליבן נוסח פונם דאוונען, וואס איז פארשידן פון דעם פוילישן נוסח, אדער צו־ליב דער רומענישער קיך, וואס זיי קענען זיך מיט איר ניט שיידן, נאָר אויך ווייל זייער האנדל ווערט געפירט דורך אנדערע וועגן: ער האָט וע־וואוסט וויפיל „כלות" יעדער האט און וויפיל זיי ברענגען אים אריין.

מען דערציילט וועגן אים, אז ער פלעגט וויסן ווען איינער פון זיי פארט קיין אייראָפּע נאך „סחורה" און אויך וואס פאר א „סחורה" ער האט געבראכט.

צוליב אט דער באקאנטשאפט זיינער, האט מען ווערמאנטן חושד געווען, אז ער האָט א שייכות מיט די פרויענהענדלער. ווען מען מישט אבער „דיא פאלקס שטיממע", זעט מען אז דאָס איז ניט אמת. ווערמאנט האט געקוקט מיט רחמנות אף די געפאלענע, אף די קרבנות פונם פרויענהאנדל, האט זיי געמוסערט, אנגערופן קי און ענלעכע צונעמען, האָט זיך ניט אפגעשטעלט פאר דער שווערסטער מי ארויסצוראטעווען די יונגע פארפירטע מיידלעך, אויב ער האָט זיך נאר דערוואוסט פון אזא פאל; ער פלעגט צוליב דעם ארומלויפן איבער די „הייזלעך", צו די ריכ־טער און אין די קאנווענטן, און באשרייבנדיק זיינע העלדישע אויפטואונ־גען, פלעגט ער ניט שוינען די פארפירער. ער האָט געמאכט א חלוק צווישן די פרויענהענדלער און זייערע קרבנות, און האָט זיך געטראפן אז אן עלנטע אידישע גאסן פרוי איז געשטארבן אין שפיטאל, האָט ווערמאנט מגין גע־ווען אויף איר אין „דיא פאלקס שטיממע" און געפאדערט פאר איר א פלאץ אפן אידישן בית עולם, כדי זי זאל קומען צו „קבר ישראל".

עס ווערט אויך דערציילט אזא געשיכטע: איינער א פרויענהענדלער, וואס האָט געזאלט אפפארן קיין אייראפּע נאָך „סחורה", האָט זיך דער־וואוסט, אז ווערמאנט האָט געשריבן וועגן דעם אין „דיא פאלקס שטיממע" און ווארנט די אויסלענדישע צייטונגען און אינסטיטוציעס אכטונג צו געבן אף די מעשים פון דעם פרויענהענדלער, פון וועלכן ער האט געגעבן זיינע סמנים. דער פרויענהענדלער איז געקומען צו לויפן צו ווערמאנטן און אים געפרעגט: סטייטש, וואס האסטו, גזלן, צו מיר, ברעכסט דאך מיך פון ברויט!.. און האט אים אפשר אויך געדראעט מיט ברעכן די ביי־

נער. די צייטונג איז שוין געווען אויסגעשלאָסן צום דרוק און ווערמאַנט האָט די נאָטיץ אַרויסגענומען...

אָבער, גיט צו דער דערציילער, — וועלכער איז נאָך ביז הייַנטיקן טאָג ווערמאַנטס אַ חסיד, — עטליכע נומערן פון דער צייטונג האָט ער אָפּגעדרוקט מ י ט ד ע ר נ אָ ט י ץ און האָט זיי געשיקט קיין אויס־לאַנד.

איך לאָז איבער פאַר דער פאַנטאַזיע פון דעם לייענער צו מאָלן זיך דאָס בילד פון יענעם אַמביענט, אין וועלכן די דערציילטע זאַך האָט גע־קענט פּאַסירן, אויב אפילו דאָס דערציילטע איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. און זיך אויך פאָרשטעלן די היימישקייט פון די פּרוויִנצהענדלער און זייער זיכערקייט אַף דער אידישער גאַס אין יענער צייט ווען אַ. ווערמאַנט האָט זיך אין איר אומגעדרייט.

שולדיק אין דער דאָזיקער היימישקייט פון די פּרוויִנצהענדלער מיט דער אידישער גאַס און זייער חוצפּה זיך צו אימפּאָנירן אַף דער צייטונג, איז געווים דער אומשטאַנד וואָס זיי זיינען געווען די פּרנסה געבער פון פיל אידישע פאַמיליעס, שניידער, מאַדיסטנס, קראַמען פון שפּייז, פון מעבל און פון צירונג, און האָבן זיי אפילו אויסגענוצט צו דעם שענדלעכן מסחר, אַנגעבנדיק די קרבנות זייערע „אָרנטלעכע" אַדרעסן, כדי ניט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַכט, און אויך אַנמערקנדיק זיך קרבנות צווישן זיי גופא. אַזעלכע פאַלן זיינען פאַרצייכנט אין „דיא פאָלקס שטיממע", פאַרשטייט זיך אין דער פאָרם פון אינסינואַציעס אַף פאַרשידענע פּערזאָנען, וואָס האָבן אַקטואירט אין דער געזעלשאַפט, ווען ווערמאַנט האָט באַדאַרפט זיי דעספּרעסטיזשירן. דער פאַקט איז אָבער אַ פאַקט נאָך ביז הייַנטיקן טאָג: פיל אידישע פאַמיליעס זיינען די אויס־שליסלעכע ליפעראַנטן און בעל מלאכהס, באַשפּייזן, באַמעבלען און באַ־קליידן דאָס דאָזיקע פאַרברעכערישע אומריינע געזינדל, וואָס קלאַמערט זיך אין דער אידישער געזעלשאַפט, אָבער שולדיק איז אויך ווערמאַנט, וועלכער איז אַזוי היימיש געווען אין יענע קרייזן.

דער ערשטער נומער „דיא פאָלקס־שטיממע" טראָגט דעם דאַטום פון דאַנערשטיק דעם 11־טן אויגוסט 1898. און דאָס בלאַט איז דערשי־

נען רעגולער פון אנהויב יעדן דאנערשטיק און דערנאך יעדן פרייטיק, אין פיר זייטן פון גרויסן צייטונגס־פארמאט.

דער שריפט פון „דיא פאלקס שטיממע" איז דער זעלביקער ווי אין „אידישן פאנאגראף", דאס הייסט אינם זעלביקן שניט אדער גוס. באלד ווי דער ערשטער נומער איז דערשינען, האבן זיך אנגעהויבן קאמענטארן צווישן עולם וועגן דעם שריפט. די ארויסגעבער פונם „אידישען פאנאגראף", וואס לויט זייערע מוסטערן איז דער שריפט געגאסן געווארן באם „דייטש", האבן געזאגט, אז דעם שריפט האט מען פשוט געגאנוועט פאר „דיא פאלקס שטיממע" פון די קאסטנס פון „אידישן פאנאגראף"; אז געטון האָט דאָס דער זעצער, א געוויסער גרינבלאַט, וועלכן מיר זעען טאקע אין צווייטן נומער „דיא פאלקס שטיממע" ארויסגעשטעלט אלס איר אדמיניסטראטאר, און האבן דעם גרינבלאט אנגעקלאגט פאר גנבה און אין נומער 5 פון „דיא פאלקס שטיממע" איז שוין זיין נאמען אלס אד־מיניסטראטאר אראפגענומען. אז די מעשה איז גלויבלעך איז געדרונגען דערפון וואס גרינבלאט איז שפעטער פארשיקט געווארן אפן פייער־אינדזל (די ארגענטינישע קאטארגע) פאר גנבה און פרויען האנדל. ווערמאנט האט דעם שריפט געקויפט באם „דייטש". דער דייטש האט אבער געלייקנט, מענגלעך אז דערפאר וואס לויטן אפמאך מיטן ערשטן באשטעלער, וועל־כער האט אים געגעבן די מאדעלן, האט ער פאר א צווייטן פונם זעלביקן שריפט ניט געטארט גיסן.

ווי די מעשה איז געוועזן, באווייזט דאס, אז דער שריפט איז געוועזן פאר „דיא פאלקס שטיממע" א ביטער פראבלעם.

נאך ביטערער אבער איז געוועזן דאס פראבלעם פון זעצן די צייטונג. "דער אידישער פאנאגראף" האט אויסגעפונען א פאר אידן, דייטשע אידן, וועלכע האבן זיך גיך צוגעוואוינט צו זעצן אידיש; פאר „דיא פאלקס שטיממע", איז שוין אבער פון דעם מין זעצער ניט געבליבן און מען האט געמוזט נעמען לערנען זעצן אידיש א שפאנישן זעצער. און אז מען האט אים שוין אויסגעלערנט „ווי א בער טאנצן", האט מען געמוזט שריי־בן פאר אים די אריגינאלן איינציקע אותיות־ווייז. דא איז ווידער צונוצ־געקומען מיכל הכהן סיני, מיט זיין פערלדיקער האנטשריפט. עס איז א פאקט אז כמעט די אלע אידישע זשורנאליסטן אין ארגענטינע, פון דער

ערשטער צייט, צייכנען זיך אויס מיט זייער קאליגראפישער קונסט, וואס דאס נעמט זיך אפשר טיילווייז דערפון וואס מען האט געהאט שטענדיק צו טון מיט ניטדערפארענע אימפראוויזירטע זעצער. איך זאג אפשר, ווארום אין א געוויסן זינען זיינען זיי געווען מער קאליגראפן ווי שרייבער.

ס'איז זיך לייכט פארצושטעלן וואס פאר א מיש־מאש עס שטעלט מיט זיך פאר דער זאץ אין די ערשטע נומערן „דיא פאלקס שטיממע"; צו ווערמאנטס דייטשמעריש, צו זיין זאץ־בוי און ארטאגראפיע, קומען צו די גרייזן פון די זעצער, וואס קיין קארעקטאר האט זיי ניט געקאנט העלפן.

אין ערשטן נומער „דיא פאלקס שטיממע" געפינען מיר וועגן דעם אן אנדייט אין פאלגנדיקער אנמערקונג „אן די לעזער".

„אין דער צייטונג געפונט זיך דרוקפעהלער בעטען מיר ענטשול־דיגונג אונזערע זעצער האבען ניע אידעש געזעצט אויך ווייסט יעדער דאס מען האט אונז הענדערנעסע געלעגט זאגאר די בוכשטאבען אויס־געקויפט כדי מיר זאלען ניט ערשיינען צום ערשטימטען טאג דאהער איז אלעס אין איילעניש צו געגאנגען, אין מיר האבען געמוזט אויסלא־זען די אידישע אוויזאס ביז נעקסטן נומער".

וועגן די ניט אידישע אנאנסן (אוויזאס און אין דער אנמערקונג — אוויזאָס) וועלכע פארנעמען די פערטע זייט פון „דיא פאלקס שטיממע", מוז געזאגט ווערן דער אמת, אז זיי זיינען ארייננגעשטעלט געווארן אָנם וויסן פון די געשעפטן און בלויז כדי צו פארנעמען דעם ליידיקן פלאץ. אין צווייטן נומער זיינען זיי שוין נישטא. איך מאך די דאזיקע באמער־קונג, מחמת דער ענין אנאנסן וועלכער איז זייער א וויכטיקער פאר דער היגער זשורנאליסטיק בכלל און פאר דער אידישער בפרט, איז ווערט א באזונדערער בלעטל אין דער געשיכטע. אלנפאלס מוז געזאגט ווערן אז דאס באקומען ניט אידישע אנאנסן פאר אידישע אויסגאבן איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען.

אין דער געבראכטער אנמערקונג פון דער רעדאקציע מכח די זע־צער, איז שוין אויך פאראן אן אנדייט וועגן דער שוועריקייט וואס „דיא פאלקס שטיממע" האָט געהאט מיט דער שריפט, וועלכן „מען האָט בא איר אויסגעקויפט".

דער דאזיקער „מען“ איז ניט קיין אנדערער ווי „דער אידישער פאַ־נאָגראַף“, וואס ווערמאָנט היט זיך צו דערמאנען זיין נאָמען אלס א קאָנ־קורענט, וועלכן מען טאר קיין רעקלאמע ניט מאכן.

שפעטער, ווען ווערמאָנט איז געצוואונגען צו דערמאנען דעם נאָמען פון זיין קאנקורענט אין דער פאלעמיק, וואס ער האט געפירט אדער איז אין איר ארייגעצויגן געווארן דורך די כלל־טוער, האָט ער פאר אים קיין אנדער נאָמען ניט ווי „פיפערנאָטער“. אז „דער אידישער פאנאָגראף“ איז אונטערגעגאנגען, איז דער דאזיקער צונאָמען פארבליבן פאר יעקב יאסעלעוויטש (בן יוסף), וועלכער איז געווען דער הויפּט מיטארבעטער.

צווישן „דיא פאלקס שטיממע“ און „אידישען פאנאגראף“ איז א חוץ דער אידעען־קאנקורענץ, — אויב מען קאן אנרופן אידעען א. ווערמאנטס פלאָנטער פון קהילה־אידישקייט מיט טערקישן און ארגענטינישן פאטריאָ־טיזם, סאציאליזם צוליב די סאציאליסטן זשארעס און זאָלא פאר זייער פארטיידיקן דרייפוסן, און מאָנארכיזם צוליב דעם מלך חסד פראנץ יאזעף, — אויך פארגעקומען א קאנקורענץ צוליב דער בכורה, ווער פון זיי איז דער ערשטער אידישער בלאט אין ארגענטינע. און פונקט ווי מען דער־ציילט דעם וויץ וועגן די פאריזער שניידער, וואס האָבן זיך אלע אף די שילדן געשריבן „דער איינציקער“, אזוי האָט „דיא פאלקס שטיממע“ איגנאָרירט די עקזיסטענץ פון דעם „אידישן פאָנאָגראף“, וועלכער האָט געהאט אן אויבערשריפט „על פרימערא עָן לא רעפובליקא ארכענטינא“, (דער ערשטער אין דער ארגענטינער רעפובליק) און האָט אונטער איר טיטל אויפגעשריבן: "פרימער אָרגאַנאָ איזראַעליטאַ ען לא אַמערי־קאַ דעל סוד“ (דער ערשטער אידישער ארגאַן אין דרום אמעריקע) און פון צווייטן נומער אן, נאָך ברייטער „פרימער אָרגאַנאָ דעפענסאָר דע לאָס אינטערעסעס איזראַעליטאַס ען לא אַמעריקאַ דעל סוד“ (דער ערשטער אָרגאַן פארטיידיקער פון די אידישע אינטערעסן אין דרום אמעריקע).

„דיא פאלקס שטיממע“ האָט געזאלט זיין — און איז דאָס אויך געווען — א רעאקציע פון דער קהילה־אידישקייט אקעגן דעם ציוניזם, וואס האָט פארכאפּט דעם ערשטן אידישן וואכנבלאט און האָט איר קיין שום אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט, אדער כמעט גארניט און איבער־הויפּט איגנארירט די ארטיקע אינטערעסן, די אידישע ווי די אלגעמיינע,

און פונקט אזוי אויך איגנאָרירט די ראַנגלעגישן אין דער ארגענטינער יק"א־קאָלאָניזאציע. דער ערשטער נומער פון „דיא פאָלקס שטיממע" איז דערום א מין דעמאנסטראציע פון ארגענטינישקייט, פון אלוועלטלעכע נייעסן און פון קהילה אידישקייט.

די ערשטע זייט איז באצירט מיט צוויי גרויסע בילדער פון ארגענ־טינישע געוועזענע פרעזידענטן, גענעראל בארטאָלאָמע מיטרע (א שריפט־שטעלער, איבערזעצער פון דאַנטע, קריגס העלד און שטאַטסמאַן) און גענעראל כוליאָ א. ראָקאַ, וועלכער איז דאן אויסגעוויילט געווארן צו פאר־נעמען א צווייטן מאל דעם פרעזידענטן אמט פון דער רעפובליק. און דאָס ארטיקל וואס באגלייט די בילדער און טראגט א שפאנישן טיטל: „ארכענ־טינאָס אילוסטרעס" מיט אן אונטערטיטל: „ארכענטינישע שטערן", הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

„אלס ארגענטינער אין אלס הערויסגעבער פין דעם ערשטן ידישן בלאט זייט שפאניש אמעריקא איז ענדעקט געווארען, טהיילען מיר צו דעם כבוד דער רעפובליק אין וועלכער מיר פריי אין גליקליך לעבן אונ־טער דער הייליגער קאָנסטיטוציאָן און בריינגען דיא בילדער פון צוויי גרעסטע מענער פון ארגענטיניען וועלכע זינט יעדען בעקאנט..."

צום 25־טן מאי, דער ארגענטינישער פאטערלאנדס יום טוב, האָט דאָס בלאט געהאַט א לייט־ארטיקל מיט א לויב געזאנג צום ארגענטינישן פאטערלאנד, באצירט מיט אן ארגענטינישן הערב. אן אנהויב, וואס האָט דאָ אין ארגענטינע געשאפן א מנהג, וועלכער האלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאג בא דער „אידישער צייטונג". אנדערע אייפעריקערע רעדאקטארן, ווי ש. י. ליאכאוויצקי, למשל, פלעגן דעם נומער פון 25־טן מאי דרוקן מיט העל בלויע שטרייפן, אזוי אז דער הינטערגרונד פון דער צייטונג זאל ארויסקומען מיט די קאלירן ווייס און בלוי, ווי די ארגענטינישע פאָן; א מה־יפית וואס האָט געשטאכן די אויגן, מחמת קיין איין ארטיקע צייּ־טונג האָט ניט אזוי געפאטריאטעוועט.

די קהלה־אידישקייט פון „דיא פאלקס שטיממע" ווערט מאניפעס־טירט אין דעם לייט ארטיקל פון ערשטן נומער, וואס טראגט דעם טיטל „קול קורא", געשריבן פון מיכל הכהן סיני.

„די גרעסטע בערג באשטעהען פון זאנדקערנער — הויבט אן סיני

זיין ארטיקל און מען זעט שוין וואוהין ער צילט — גאנצע אינזלען ענט־שטאנדען פאן מילבענאייערלעך, און די גאנצע אידישע געמיינדע אויס בוענאָס איירוס איז אין א קורצע צייט א משך פאן עטליכע יאר צו־זאמענגעשטעלט געווארן פאן איינצעלנע איינגעוואנדערטע נע־ונד׳ניי־קעס וועלכע די השגחה האָט צוזאמנגעשלעפּט מארבע פינות העולם!..״

„ממזרח וממערב מצפון ומים האָבען זיך צוזאמענגעשלעפּט פער־מארעטע, פערחושכטע פערארעמטע נע־ונד׳ניקעס, אין א וויסט פאר־ווארפענעם ווינקעל, ניט וויסענדיק, ניט קענענדיק, איינער דעם צווייטען, ניט האָבענדיג וועמ עס זאל זיי אונטערשטיצען מיט טאהט אָדער מיט ראטה, אין דאָך, ווי וואונדערליך סי איז, ווי אין א קורצע צייט האָט זיך צווישען זיי ענטוויקעלט דער פאדעם פאן אחדות, אין מיט וואס פאר א הייסעם רעליגיעזעס געמיטה זיי האָבען זא ניך אויפגעבויט אנאמת׳ע, יודעשע געמיינדע, במלוא מובן הדבר!..

דאָ — זעהען מיר ביי זיי, ברענט דאָס ליכט פאן דער תורה, כדי די קליינע קינדער זאללען וויסען אויף וועלכע פאראמידען דאָס יודענ־טהום איז געגרינדעט געווארען, דארט — פלאקערט דער פאקעל פאן רחמנות, צו העלפין, צו אינטערשטיצען, יענעם וועלכער צאפּפּעלט זיך צווישען עללענט אין נויטה, פיעל זענען זיך מתעסק מיט הלוית המת, איהם צו באזארגען מיט א מקום־מנוחה נאכן טוידט, ווערענד פיעלע אנדערע בלאזען פאנאדער דיא פונקען פאן חבת־ציון, בכדי אונז צו באזארגען מיט א היימאט ביים לעבען. הכלל — עס ברענט, עס לעבט, עס צאפּעלט זיך, דאָ אין בוינאָס איירים דער ידעשער גייסט!..

נאכדעם ווי דער מחבר גיט צו פארשטיין די וויכטיקייט פון א צייי־טונג פאר דער דאזיקער געזעלשאפטלעכער ארבעט, פארענדיקט ער.

„איך בין אויסען, אז יעדער איינער וועלכער ווייסט ווי צו שעטצען דער אידישן גייסט, יעדער איינער וואס שטרעבט צו וויכטיגע אנ־שטאלטען, דארף זעהן איהם צו אונטערשטיצן מיט וואס נאָר ער איז בכח, ווער מיט געלט — סי הייסט, אז ער זאלל זיך אויף אים אבאָנירן, אין ווער מיט מח — סי הייסט, מיט מאמרים אים בעציהערען, אויב ער איז נור בכח!..״

דאָ גייט א שורה מיט פּינטעלעך און דערנאָך אן ערקלערונג צו די לעזער אז זיי פארשטייען שוין מסתמא וואס די פּינטעלעך באדייטן.

מיר גראד איז ניט אינגאנצן פארשטענדלעך וואס סיני האָט געמיינט מיט די פּינטעלעך; צי ער האָט געמיינט אז ווער עס קען ניט זאל ניט שרייבן קיין מאמרים, אדער עס מעג שרייבן ווער עס וויל, אבי ער וועט באצאלן, פאקטיש איז אמת די צווייטע השערה. געשריבן אין „דיא פאלקס שטיממע" האָט יעדער ווער עס האָט נאָר באצאלט.

אינם לייט ארטיקל אין וועלכן סיני פּראקלאמירט דאָס קהלה־אידיש־קייט, פארגעסט ער דאָך ניט צו דערמאנען „די וואס בלאזן פאנאנדער די פונקען פון חבת ציון", און ניט נאר סיני, וועלכער איז דורך און דורך ציוניסט און האָט אין זעלביקן נומער א לאנג מאמע־ציון און ישראליק־ליד „צו ציונס יארצייט", נאָר אפילו ווערמאנט, וואס האָט צו ציוניזם קיין שום שייכות ניט געהאַט, פארענדיקט זיינס אן ארטיקל וועגן וואסקאָדע גאמא, וואס מען האָט אין יענעם יאר 1898, געפייערט זיין 400 יעריקן געבורט, מיט ציון; „שפּאניען און פּאָרטוגאַל, וואס די אנדעקער פון אמע־ריקע האָבן זיי גרויס געמאכט, גייען איצט אונטער, די גאנצע „רעמישע ראסע", נאָר ציון בליט..."

אבער אין צווייטן נומער ווערן מיר געוואר, אז די דאזיקע אנדייטונ־גען אף ציון זיינען געצילט געווען בלויז כדי אפּצוציען דעם ציוניסטיש פארכאפּטן עולם פון דעם „אידישן פאנאגראף" ווי איינער זאגט, נאט זעט בא אונדז איז פאראן ציון אויך!.. און טאקע באלד גענומען שטיצן די אר־טאָדאָקסישע ציוניסטן „זכרון שמואל", צום שאדן דעם אפיציעלן ציוניזם, וואס אין זיין שפּיץ איז געשטאנען יעקב יאָסעלעוויטש און האָט געהאַט אלס סעקרעטאר י. ש. ליאכאָוויצקי.

אין דעם צווייטן נומער איז פאראן א בריוו פון י. ש. ליאכאָוויצקי, וועלכער האָט זיך אפּגים דערפרייט איבער דעם ציוניזם פון „דיא פאלקס שטיממע", וועלכע איז בפירוש באשטימט געווען צו זיין א קעגנגיפט צו ציון, און לעגט פאר: אדרבה לאמיר ארבעטן צוזאמען פאר ציון... ער בא־קומט אבער באלד דערויף אזא אָפּשניט אין אן אָנמערקונג פון דער רעדאק־ציע, אז ער ווערט ווערמאָנטן א שונא אפן גאנצן לעבן (מיר וועלן די דא־זיקע אנמערקונג ברענגען אין אונזער קאפּיטל וועגן י. ש. ליאכאָוויצקי,

אלס כאראקטעריסטיק פון זיין פערזאן, ווי ווערמאנט האָט זי שוין דע־מאלט תופס געווען) און אין דער אנמערקונג ווערט שוין אויך אנגעוויזן וואו מען דארף קויפן שקלים, אז ניט ביי ליאכאָוויצקין, נאָר ביים רב ראובן הכהן סיני.

לאנג האָט די פריינטשאפט מיטן רב סיני ניט אָנגעהאלטן און אין א פּאר חדשים ארום רופט אים שוין ווערמאנט שווינדלער און דערמיט איז שוין אויך זיין שטיצן „זכרון שמואל" פארענדיקט.

שטארק ארויסגעקוקט אף „דיא פאלקס שטיממע" האָבן ניט נאר די די מתעסקים בצרכי צבור, די בויער פונם קהלה־אידישקייט, נאָר אויך און אפשר מער ווי אלע, די קאלאניסטן, וועלכע האבן זינט דעם אונטערגאנג פונם „וויעדער קול" ניט געהאט וואו צו לאזן הערן א ווארט פון פּראטעסט אקעגן דער מוטוויליקער באנעמונג צו זיי מצד די אדמיניסטראטארן פון דער יק'א.

נאָר ערשט אין נומער 4 פון „דיא פאלקס שטיממע" הויבט זיך אן די אטאקע אף די יק'א אדמיניסטראטארן און אף דער יק'א קאלאניזא־ציע בכלל. פון דעם נומער און ווייטער, ביז „דיא פאלקס שטיממע" איז אונ־טערגעגאנגען, ציען זיך א רייע ארטיקלען פון בלויז אנקלאגעס, אזוי אז די אידישע קאלאניזאציע אין ארגענטינע זעט אויס ווי א מארטיראלאגיע וואס ציט זיך יארלאנג; קאלאניסטן ווערן געשלאגן, געפּייניקט, אדמיניס־טראטארן גאנווענען, ס'הערשט שפּיאנעריי, אונטערלעקעריי, ווער עס חנפעט, דעם גיט מען עפּעס און ווער עס קען ניט, דער באקומט גאר ניט.

די נעמען פון די אדמיניסטראטארן ווערן ניט אנגעגעבן, נאר זייערע צונעמען, וואס זיי האבן באקומען בא די קאלאניסטן. דער אדמיניסטרא־טאר פון די ענטרע ריאסער קאלאניעס הייסט „המן השני", דער מאזעס־ווילער הייסט „דער שווארצער מצרי". די קארעספּאנדענצן ווערן ניט אונטערגעשריבן; אדער די רעדאקציע דערציילט די שווידערלעכקייטן און זידלט זיך פאר זיי אויס, אדער עס ווערט געגעבן דאָס ווארט דעם קארעס־פּאנדענט, וואס מישט אויס קאלאניסטישע צרות מיט כלי קודש אינטרי־געס. און וועלכער קאלאניסט האָט זיך דאָס געקענט איינשטעלן צו שריי־בן וואס עס קומט פאר אין קאלאניע, בא אזא רעשים, ווען דער קאלא־

ניסט ווערט באטראכט אלס א קנעכט, ממש אלס לייבאייגענער, מיט שמיץ און מיט אינקוויזיציאנס מיטלען!..

אגב, בעטן זיך נאָך ביז היינטיקן טאג די קאלאניסטן בא די רע־דאקציעס מען זאל זייער נאָמען ניט אונטערשרייבן בעת זיי באקלאגן זיך אף דער יק"א פארוואלטונג אין זייערע קאלאניעס; ווארום נאָך היינט איז עס א געפאר פאר א קאלאניסט ארייננצופאלן אין אומחן ביים אדמיניסטראטאר, וועלכער איז נאך דער מושל יחידי אין געוויסע קאלאניעס, וואו עס איז נישטא קיין פעסטע און אויסגעשפראכענע קאלא־ניסטישע ארגאניזאציע. די שטראף איז אפילו היינט גאר אן אנדערע ווי אמאל; די צייט ווען יק'א אדמיניסטראטארן האָבן באשטראפט מיט שמיץ און אינקוויזיציע, געדענקט זיך שוין היינט בלויז ווי אין חלום; היינט איז א שטראף פאר א קאלאניסט, ווען מען שטייט צו אים צו אין א ניט געראטן יאר ער זאל צאלן זיין פולן יערליכן אפצאל און מען דראָעט אים אָדער מען באשטראפט אים טאקע, מיט אפשרייבן זיין תבואה; היינט איז די העכסטע שטראף, ווען מען זעצט ארויס א פארשולדיקטן קאלאניסט פון זיין נחלה, בעת אמאל פלעגט מען באשטראפן פאר אנטלוי־פן פון דער נחלה, פונקט ווי מען פלעגט באשטראפן אן אנטלאפענעם קנעכט. די סבה פארוואס מען האט דעמאלט געצוואונגען צו ארבעטן און היינט ווארפט מען ארויס קאָלאָניסטן, איז די וואס בעת דעמאָלט האָט זיך די ערד גענויטיקט אין דער וואלאריזאציע (באווערטיקונג), איז זי היינט שוין באווערטיקט און אפט מאל שטייגט איר פרייז אף א סאך אריבער איר ווערט, אדאנק קינסטלעכער וואלאריזאציע. נאר דאס קער אפשר ניט צום ענין.

אין 5־טן נומער „פאלקס שטיממע" הויבט זיך אָן דרוקן א רייע אר־טיקלען אונטערן טיטל: „אידישע קאלאניעס אין ארגענטינע" (א געשפרעך צווישן ר' ישראליק נע־ונדניק מיט ר' יעקב עקשן אין וואלד), אונטערגע־שריבן פון „רואה ואינו נראה", וועלכער שילדערט גאנץ בילדעריש די באציונג פון דער אדמיניסטראציע צו די קאלאניסטן און צו דער קא־לאניזאציע. און פון דעמאלט גייט ניט אוועק איין נומער „דיא פאלקס שטיממע", וואס זאל זיך ניט באשעפטיקן מיט דער יק'א קאלאניזאציע, אנווייזן אף איר דורכפאל און פאדערן מען זאל די קאלאניסטן איבערפירן

קיין פּאַלעסטינע; פּונקט פאַרקערט ווי דאס האט געטון דער „אידישער פּאַנאָגראַף“, די אויסגעשפּראכן ציוניסטישע צייטונג, וועלכע פלעגט פאַרשווייגן די קלאָגעס פון די קאָלאָניסטן אדער האט זיי אויפגעפּאַדערט צו „דולדן און צו אַרבעטן, אזוי ווי דאס טוען די רוסישע פּויערים, „שטיצנדיק“ די אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע“.

אַף קאָלאָניסטישע טעמעס האבן מיטגעאַרבעט אין „דיא פאָלקס שטיממע“ מרדכי אַלפּערסאָן, שמעון פּוסטילניק און אַנדערע קאָלאָניסטישע פּען־האַלטער, אונטער פּסעוודאָמינען, פאַרשטייט זיך.

וועגן דער אַרגענטינישער יק“א קאָלאָניזאַציע האט ווערמאַנט געשריבן ניט נאָר אין „דיא פאָלקס שטיממע“, נאָר אויך אין אויסלענדישע אידישע צייטונגען פון יענער צייט.

אין 2־טן נומער „דיא פאָלקס שטיממע“ געפינען מיר אין דער רובריק „לענדער און פעלקער“ וואו עס פלעגט זיין אויסגעמישט און איינגעפלאָכטן איינס אין צווייטן נאָטיצן און קאָמענטאַרן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, אויסלענדישע און אַרטיקע, פּאָליטישע און קהלשע, פאָלגנדיקן נאָטיץ אָן א שום טיטל, ווי אַלע אַנדערע:

„ווייל מעהרערע קאָלאָניסטען האבען דעם מוטה פערלוירען. נאָכדעם וואס זייא האבען געלעזען דיא פּאַשקעווילען פון דעם אינטריגאַנט לעבאָוויצקי. אין דיא צוויי בייטענצער פון מאָזעסווילע. אין „היהודי“ נומערא 35 און 37 זיינען מיר געצוואונגען, איין אויסצוג צו געבן פון א בריעף וואס דער רעדאַקטאָר אונז שרייבט,

בית „מערכת היהודי“,

לאָנדאָן 18 יולי —

ידידי ווערמאַנט —

פון מאָזעסוויל האב איך ערהאַלטען א בריעף מיט 3 אונטערשריפטען אין 2 זיגלען פון דער אַדמיניסטראַציע און פון דעם בית המדרש, איינער אבער פון די אונטערגעשריבענע, בעט אין פּריוואַט בריעף דאס איך זאָל זיין נאָמען ניט דריקען. איך וועל דעם בריעף דרוקן מיט דער אַנמערקונג. נאָכהער דרוק איך אייער בריעף.

אייערער יצחק סאָוואַלסקי“.

און ווערמאַנט, וועלכער שרייבט זיך דאָרט אונטער „עבד עברי“, גיט צו:

„אַלזאָ האָט געדולד קאָלאָניסטען. זעקס טעג און איהר וועט לע־זען אין: „היהודי“ וואָס מיר האָבען געשריבען געגען דיא פּאַשקאַווע־לען, און זייטס פערזיכערט. אַזוי וויא מיר האָבען דורך אייך געליטען 9 יאָהר. וועלען מיר ווייטער ליידען. און קיין שום זאַך שרעקט אונז ניט אָב“.

און געשריבען האָט ווערמאַנט ניט נאָר צום „היהודי“ אין לאָנדאָן, נאָר אויך אין „אַמעריקאַנער“ און באַזונדערס צום „המליץ“ אין פּעטער־בורג*), וועלכער האָט אָנגעפירט זייט דעם אָנהויב פון דער אַרגענטיני־שער קאָלאָניזאַציע, אַ פאַרביטערטע אַגיטאַציע קעגן איר אין נאָמען פון חבת ציון, אין קעגנזאַץ צו „הצפירה“, וועלכע האָט אַגיטירט פאַר דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע. אין דער פּאָלעמיק צווישן „המליץ“ און „הצפירה“, אַרום דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, איז ווער־מאַנטס נאָמען פיל מאָל דערמאַנט געוואָרן. אויך י. ל. פּרץ דערמאַנט אים אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען, שוין אַלס שם דבר. עס איז זיך משער צו זיין, אַז דאָס אָפטע פאַדערן פון א. ווערמאַנט, מען זאָל די קאָלאָ־ניסטן שיקן קיין פּאַלעסטינע, איז געווען אונטער דער ווירקונג פון „המליץ“.

דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אָבער אין „דיא פאָלקס שטיממע“ האָט פאַר־נומען דער אָריענט. וואָס נאָר א. ווערמאַנט האָט געוואוסט וועגן די אָריענט פעלקער, זייער געשיכטע און מנהגים, האָט ער דערציילט פאַר די לעזער, וועלכע האָבן די קוריאָזע מעשׂות און באַשרייבונגען ממש גע־שלונגען. האָט א. ווערמאַנט פאַרענדיקט די סעריע „אונטערן צלם און האַלבע לבנה“ האָט ער אָנגעהויבן אַ סעריע וועגן פּרס ומדי, וועגן גריכנ־לאַנד, וועגן אָטאָמאַנען רייך.

די קהילה אַנשטאַלטן האָבן אין ווערמאַנטן געהאַט דעם אייפעריקסטן פאַרטיידיקער. באַזונדערס דער „בקור חולים“, אַ פריינדשאַפט וואָס האָט

*) לויט אייניקע אינסינואַציעס פון וו. צייטלין אין „דער פּויק“, האָט די אַרטי־קלען אין „המליץ“ געשריבן ער, צייטלין, אין העברעאיש און א. ווערמאַנט האָט זיי בלויז אונטערגעשריבן.

זיך געצויגן זייט זיין גרינדונג אין 1896 אלס „אידישער ארבעטער פאריין“. ווערמאַנט איז אויך געווען איינער פון די איניציאטארן פון „מושב זקנים ובית יתומים“ און איז אויך געווען דער ערשטער זקן וואס האָט זיך אין מושב זקנים אויפגעהאלטן.

אף וויפיל ווערמאנט האט געהאט הייסע חסידים צווישן די בוע־נאס איירעסער כלל טוער, באווייזט דער פאקט וואס אין 1905 האט ער באקומען פון דער חברה „עזרה“, די אנגעזעענסטע אין בוענאס איירעס, א גאלדענע מעדאל. צום 13 יאריקן יובילײ פון זיין „פאלקס שטימע“ האט ער באקומען א דיפלאם פון די בוענאס איירעסער צדקה פאריינען, און אין 1915, ווען „דיא פאלקס שטימע“ האט שוין אויפגעהערט דער־שיינען, נאך קורצע הפסקות, וואס האבן געמאכט דעם איינדרוק פון גסיסה, און עס זיינען שוין געווען צוויי טעגלעכע צייטונגען אין בוענאס איירעס: וו. צייטלינס „טאָג“ און מ. סטאליארס „יידישע צייטונג“. האבן זיך נאך געפונען כלל טוער, באזונדערס צווישן די קרייזן פון בקור חולים, וואס האבן אנגעהויבן זאמלען א פאנד אף ווידער ארויסצוגעבן „דיא פאלקס שטימע“ מיט א. ווערמאנט אלס רעדאקטאר.

די נייע זשורנאליסטיק האט זיי ניט געשמעקט; זי האט בא זיי א טעם געהאט ווי אן זאלץ, עס האט אין איר געפעלט דער טערקישער ביי־טעם, דאס אויסשייגעצן א קעגנער און אים דערמאנען די חטאים זיינע און דעם יחוס ביזן צענטן דור; אבער ווערמאנט איז שוין אלץ קראנקער געווארן און מען פלעגט אים שוין אפילו אין גאס ניט זען ביז ער איז גע־שטארבן אין נאָוועמבער 1918 אין מושב זקנים, וואס ער האָט געהאלפן גרינדן.

„דער פויק“ און „די בלום“

(1899)

איינע פון די כאראקטעריסטישע דערשיינונגען אין דער ארגענטינער אידישער זשורנאליסטיק איז „דער פויק“ (די פויק פּ. כ.) דאס איז געווען א וועכענטלעך 4 זייטן בלעטל פון געוויינלעכן בוך־פארמאט, וואס איז באשטימט געווען אויסשליסלעך כדי ארונטערצורייסן ווערמאנטן.

אין מיין קאפיטל וועגן „דיא פאלקס שטיממע“ און א. ווערמאנט האב איך כאראקטעריזירט ווערמאנטס בלאט אלס קעגנווירקונג פון דער קהילה אידישקייט קעגן דעם ציוניזם, וועלכער האט אפגעצויגן די אויפ־מערקזאמקייט פון דער קליינער עדה פון דעם קהילה־לעבן און טאג־טעג־לעכע געזעלשאפטלעכע באדערפענישן, צו אן אבסטראקטן פעלד פון טע־טיקייט. איך וויל דא דעריבער באטאנען אז „דער פויק“ האט קיין שום שייכות ניט געהאט מיט עפּעס א קאמף פון ציוניזם אקעגן ווערמאנטס שליטה. די ציוניסטן האבן איבערהויפּט אקעגן ווערמאנטן ניט געקעמפט, זיי האבן אים איגנארירט. „דער פויק“ איז געבוירן געווארן אף דעם זעלבן געמויזעכץ פון ת״ת און בית עולם קהלעניש, פון וועלכן עס האט געצויגן איר חיונה „דיא פאלקס שטיממע“, אלס קאנקורענט און אלס אפּאנענט וואס איז ארייננגעפאלן אין ווערמאנטס טאָן און געזוכט אים איבער־צושרייען.

די ערשטע זעכצן נומערן פון דעם דאזיקן וואכנטלעכן פּאמפלעט האבן געהאט א קאפּ מיט לאטיינישע אותיות: **Der Pauk** און פארטייטשט אף שפאניש **El Tambor** מיט א אונטערשריפט

Periódico Semanal Humorístico

(הומאריסטישע וואכנצייטונג). די שפּעטערדיקע האבן שוין געהאט א אידישן קאפּ. דער טעם פון די לאטיינישע אותיות אפן קאפּ איז געווען דאס פעלן פון גרויסע אידישע אותיות און צו א קלישע האט מען זיך אפּנים דערטראכט ערשט נאכן 16־טן נומער. דער ערשטער נומער פון „דעם פויק“ איז דערשינען דעם 31־טן אקטובר 1899. ביז דעם 30־טן אקטובר 1900 זיינען דערשינען 30 נומערן, און נאך אן הפסקה פון א יאר צייט, איז דעם 6־טן סעפּטעמבער 1901 דערשינען דער נומער 31, וועלכער איז געווען דער לעצטער.

ז. לעווין

קיין רעדאקטאר און ארויסגעבער פיגורירט ניט אף קיין איינעם פון די נומערן, נאָר בלעטערנדיק זיי, דערוויסט מען זיך, אז ארויסגעגעבן האָט זיי וואָלף צייטלין, וועלכער האָט דאן געעפנט אן אייגענע דרוקעריי און געזוכט פּרנסה, און אז רעדאקטאר איז געווען ז. לעווין. די נומערן זיינען פון זיי ביידן אויסגעפילט געווארן. אויך מיכל הכהן סיני האָט אהין פון צייט צו צייט א שטיקל „ליטעראטור“ אריינגעגעבן.

ווי שוין געזאגט האָט „דער פּויק“ זיך אנונסירט אלס הומאריסטישע צייט־שריפט, נאָר דער רעדאקטאר האָט אפּנים געהאָט א מאדנע באגריף וועגן הומאר. דאָ קומט א ביישפּיל פון דער מין הומאָר:

מען זוכט

„מען זוכט א געמיינע נידריגע באשעפעניש. דאס באשעפעניש מוז זיין אזוי פערפוילט אז ער זאל קענען זיין א קאמפּאניסט צום רעדאקטאר

פונם פלאקן שיסער (פאלקס שטימע פ. כ.) זיך צו ווענדען קורריענ־טעם 1258".

„עס ווערט געזוכט אן איינצאג אויף קיין מאל צו באצאהלען. זיך צו ווענדען צום רעדאקטאר פונם פלאקן שיסער".

„עס ווערט געזוכט 2 אדער 3 פאלשע עדות אום צו קענען אנזעצן נאך א פאר יודען אין קערקער. דער געהאלט איז א יאהר־גאנג פלאקן שי־סער. זיך צו ווענדען קורריענטעם 1258".

„עס ווערט געזוכט א ביליגע שיפסקארטע נאך טראנסוואל (דרום אפריקע, וואו עס איז אויך פאראן א אידישע קהילה פון פרויהענדלער. פ. כ.) זיך צו מעלדן אם שפעטסטען ביז צום 5־טען נומער פון „דער פויק", צום זונה רעדאקטאר פון פלאקען שיסער.

„מען זוכט בארבירער וואס זאל זיך אונטערנעמען אפשערען און אפראזירען א פארשיווע ווערימעגע באשעפעניש. זיך ווענדען צום פלא־קען שיסער.

„משוגנער! פארוואָס שיקסט ניט אריין דיא 50 טאָלאר, וועלכע דיין טרפה'ר פיסק האט פערשפראכן צו שיקן צום בוך, דיא שילסט זיך גאר מיט קינדער? לעווין"

אין די ווייטערדיקע נומערן איז שוין אויך דער דאזיקער מין הומאר נישטאָ. און די בלעטלעך זיינען פול מיט אזעלכע פסוקים: „איכה היתה לזונה קריה נאמנה, מלאתי משפט, צדק ילין בה ועתה מרצחים... שמעו נא זאת עם סכל ואין לב... און אזוי כמעט גאנצע קאפיטלען פון ישעיה און ירמיה, וואס דארפן ווייזן אף דער תנך קענטעניש פון דעם רעדאקטאר און אריינ־פירן אין דעם רעכטן געדיכטן פון דער פאלעמיק, וואו ווערמאנט ווערט אנגערופן זונה און מסור, פאסקודנער גרעק, משוגענער, מבזה'ניק, טרפה־ניק, משומד, ימח שמוני'ק... אדער עס הויבט זיך אן אן ארטיקל מיט א גמרא ווארט, כדי צו ווייזן די לומדות פון וואלף צייטלין, וועלכער גייט טאקע באלד איבער אין אזא אטאקע אף ווערמאנטן:

„כד רגיז רעיה על ענא עביד לנגדא סמיותא. אז דער פאסטוך איז אין כעס אף זיינע שאף, מאכט ער דעם פהירער א בלינדען. דיא זעלבע מליצה גייט יעצט אויף דיא „תלמוד תורה", אז די גדולים דארפען האבען די

מפלה, איז זייער פיהרער א בלינדער נידערטרעכטיגער לומפּ, וועלכען זיי אליין ווייסען אז אלע זיינע יאהרען וואס ער איז אין ארגענטינע לעבט ער נאָר פאן וויים פלייש"...

וו. צייטלין באנוצט אף ווערמאנטן שוין אנדערע, מער כאראקטע־ריסטישע עפיטעטן. ער רופט אים אן „בלעכלעך פארטיילער". („בלעכ־לעך" זיינען דער קאנטראל פון די אלפאנסן, דורך דעם „מאדאם" פונם הייזל, אפן פדיון פון די פרויען. פּ. כ.)

ס'וועט זיין דער גרעסטער טעות צו מיינען אז די דאזיקע „פּאלעמיק" האט געהאט וועלכן עס איז געזעלשאפטלעכן גרונד, כאָטשע דער ארויס־געבער וואלף צייטלין, שרייבט אין ערשטן נומער פון „דער פּויק" אז ער גייט באקעמפן ווערמאנטן, ווייל ער נעמט זיך אן די קריוודע פון די אנשטאלטן.

אין נומער 21 לאזט דער רעדאקטאר ארויס די קאץ פון זאק און מיר דערוויסן זיך אז דאס בלעטל איז אויסן געווען אומצובריינגען די „פּאלקס שטיממע" כדי אפּצוציען ווערמאנטס קליענטן. אין דער דרוי־קעריי וואו ווערמאנט האט געדרוקט „דיא פאלקס שטיממע" זיינען אויך געמאכט געווארן פארשידענע דרוק ארבעטן פאר סוחרים, און וואלף ציי־טלין, וועלכער האט אויך געהאט א דרוקעריי, קלאגט זיך דארט:

„טראָץ אלע אונזערע וואהרע איבערצייגונג, שטיצט מען דאך דעם געמיינעם לומפּ פון אלע זייטען מיט ראטה און טהאט, אלע אוויזעס און ארבעט פון פעראיינען זא איין נידעריגען שופט איבער גענעבען, עס ווערט איבערען שטאט געשנאָרעט און דעם וואגאבונד געגעבען, און פיעלע אנדערע שטיטצונגען, וועלכע עס ווירט דעם קופּלער משרת איבער גענעבען אים ער זאל איבער פאלען און בעליידיגען אנשטענ־דיגע פאמיליעס..."

ווי עס זעט אויס, האָבן זיך מענטשן אריינגעלעגט אין שלום און וו. צייטלין האָט אפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פון „דער פּויק".

צום ווידערדערשיינען פון „דעם פּויק", אין א יאר ארום, נומער 31, פון 6־טן סעפּטעמבער 1901, כ"ב אלול תרס"א, שרייבט וו. צייטלין א לייט־ארטיקל „צום נייעם יאר", וואס איך געפין פאר נויטיק איבערצו־



DER PAUK
EL TAMBOR
PERIODICO SEMANAL HUMORISTICO

Buenos Aires Jueves 9 de Noviembre 1899 | בוענאס איירעס [illegible]

[illegible] יעדען דאנערשטאג | א | רעדאקציאן [illegible]

א אפענער בריעף אן דער געמיינדע!

—(|)—

איכה היתה לזונה קריה נאמנה, מלאתי משפט, צדק ילין בה ועתה מרצחים.
(ישעיה א. כ"א)

שמעו נא זאת, עם סכל ואין לב, עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא ישמעו. איש מרעהו השמרו ועל כל אח אל תבטחו, כי כל אח עקב יעקב וכל רע רכיל יהלך, ואיש ברעהו יהתלו, ואמת לא ידברו, למדו לשונם דבר שקר [illegible]

[illegible] הנביא האט דיזע ווארטען געזאגט. קען מען זאגען דא אין בוענאס איירעס, און אזוי ווי ער האט דאמאלס געזאגט אין דער [illegible] שטונדע אידער [illegible] שווערד האט נאך געהאט אויף זיך איין פלעק פון בלוט. אזוי [illegible] איך אויך דא זיינע הייליגע ווערטער אן. [illegible] דיא געפאר [illegible] אין וועלכער א [illegible] געמיינער מענש [illegible] און פרוי, דאס ער זעהט אויף זיך [illegible] נאמען אידישער יוד [illegible] אומגליקליכע [illegible] דאס איהר [illegible] [illegible] קיין [illegible] אין [illegible] [illegible] אויגען [illegible] האלט איהר [illegible] אייערע אויגען [illegible] דאס איהר פילט [illegible] זעהט ניט אין הערט ניט ווי [illegible] [illegible] אז ער וועט [illegible] [illegible] דאס [illegible] מאכען, דאס [illegible] אין [illegible] דיא [illegible] שלאגען. ווי [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] [illegible] דאס בוענאס איירעס [illegible]

פאר אלע מאל וויסען, דאס [illegible] דא [illegible] און [illegible] אונטער שטיצט איהר און פרעהט זיך פונקט אזוי ווי ער זאגט „אידען" מיינט ער דאס ניט איך, נור [illegible] [illegible] א. ז. וו.

פערגעסט ניט אין דעם טאג וואס דער [illegible] איבער [illegible] אונז, [illegible] ניט [illegible] פון [illegible] א קינד א, זיינער [illegible] גלייך ווייא פון [illegible] פאטריאטישען [illegible] איז ניט [illegible] דער. [illegible] דאס [illegible] זאל ניט [illegible] [illegible] אלס [illegible] דיא [illegible] פרוי אלס [illegible] קינדער אלס [illegible] [illegible] טעכטער אלס דיא געמיינסטע [illegible] אויף [illegible] און [illegible] זיינע [illegible] פון [illegible] ביז [illegible] איך וועטען אויף זיכערען געווינס דאס [illegible] נאך קיינער דא, וועלכען ער האט ניט [illegible] אויף דעם [illegible] ארט, גענומען פון דעם [illegible] [illegible] ביז דעם [illegible] שווער [illegible] ארביימער און [illegible] [illegible] דאס ער דאס [illegible] [illegible] בית-הכנסת פון חברה תהלים דאס [illegible] א בית הקברות [illegible] [illegible] ער [illegible] ניט [illegible] אין כלל [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible] אין מען [illegible] אייך זאגען, דאס אין בוענאס איירעס איז קיין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] האט אייך איבעראלל [illegible] פאר (סרוב) אין וועלכער עס [illegible] ניט קיין [illegible] ארענטליכע [illegible]

פאקסימיל פון 3-טען נומער „דער פויק"

געבן אלס כאראקטעריסטישע אילוסטראציע פון די געזעלשאפטלעכע אינ־טערעסן וואס האָבן דער דעמאלסדיקער זשורנאליסטיק אינטערעסירט:

„דיא וועלט געשיכטע איז עלטער געווארען מיט איין יאהר אויך מיר אידען אין בוענאס איירעס זיינען מיט איין יאהר עלטער געוואָ־רען, וואס מיר האבען אויף געטאהן אין דעם יאהר? דאס ווייסט יע־דער בייא זיך יעדען פאלס האבען מיר ניט פיעל אויף געטאהן, בלויז מיט איינינגע אויסנאהמע דהיינו געמסורט איין ארעמען ציגארעטען מאכער ווייל ער האט געטאהן איין גרויסען פארברעכען זיין פרוי און קינדער צו געבען ברויט נאך איניגע מעהר אדער וויניגער געשאדעט אין פרנסה, אדער אמווייניגסטען געזוכט צו שאדען, ווייטער איז גע־גאנגען דיא קהילה אין איהר נארמאל גאנג וויא דיא וועלט פיהרט זיך, אין מאראל זיינען מיר אבער געזונקען יאהרען צוריק מענשען זיינען געווארען בעליידיגט פאן איין לומפ וואס דיא שטאט האלט איהם אלס כלב אום אן צו רייצען אויף דעם אדער יענעם, פיעלע פון די לעזער וועלען זיך עראינערען ווען מיר האבען מיט זייא געשפראכען וועגען דיא צייטונגען און זייא האבען בעהויפטעט אז שלאגען מוז ער זיך מעג זיין אפילו מיט דיא ווינטמיהלען נור ניט צו שטעלען אויף אונ־זער באהויפטונג האָבען מיר נאָך געגעבען און מיר האָבען אויף געהערט ארויס צו געבען „דעם פויק“ איין קיילעכדי־גען יאהר, דעם רעזולטאט וועד עס האט רעכט געהאט זעהט איהר יעצט ארויס, אז אין איין בלאט גייט ניט אריין דיא אלע שמוץ וואס ער האָט צוזאמען געקליבען גיט ער זיי 2 אין איין וואך, און די שולד איז ניט פון כלב וואס בילט זאנדערען פאן דעם מענשען וואס גיבט דעם כלב עסען און רייצט איהם אן אויף דעם אָדער יענעם, הגם ער איז שאהן אביסעל וואכענדיג געווארען ווייל אלע זעהען ארויס אז ער איז א גראבער יונג ער ציערט זיך אויס מיט פרעמדע פעדער, ער בעהרימט זיך אז ער האָט געשריבען אין „המליץ“ און אנדערע ציי־טונגען וויא איז דאס א מענש אזוי אומפערשעמט צו זאגען וועהרענד בייא מיר ליגט נאך די קאפיעס וואס איך האב איהם איבער געגעבען און ער האט דארויף זיין נאמען אונטער צייכענט. איך גיב 25 פעסעס אויף איין וואלטהעטיגען אנשטאלט וועלכען ער וועט מיר אן צייגען

אויב ער וועט קענען פארטייטצען דיא ארטיקלען וועלכע ער האָט געשריבען? אין המליץ, המגיד, העברי, א. ז. ווייטער דער מענש איז ניט פעהיג אויף קיין זאך מעהר וויא צו זידלען וויא איין מארק יודע־נע, ער פערשטייט גאר ניט זאגאר פיין צו זידלען און פיר בוענאס איי־רעסער אידען איז דאס אלעס גוט און וואהל מען ווינשט גאר ניט בעסער, ווען עס וואלט זיך געפינען אייניגע פערזאנען וואס זאלען זיך אינטערעסירען אז דער שמוץ זאל אויף הערען איז דא גענוג מי־טלען וויא אזוי אזא געמיינעם שופט דעם מונד צו פערמאכען, נור אלעס איז ביז א צייט דער קרוג גייט צום וואסער ביז דער אויער ברעכט, און עס וועט קומען דיא צייט און זאגאר גאנץ קורצליך וואס עס וועט אויף געהערט ווערען איינצעלנע פערזאנען באשמוצט צו ווערען מיט דעם אבזיכט איין מורא צו ווארפען אויף דיא איבעריגע אום אוים צו פרעסען געלד מיט דעם אוים רייד פון אבאנעמענט, אוויסאָ, און זא ווייטער ווייל עס וועט מוזען פלאצען דער געדולד פאן דעם פאלק, און דאן וועט זיין ווייא דעם יעניגען וואס וועט וועלען שווימען קעגען דעם שטראָם ער וועט פארניכטעט און פערגעסען ווערען אהנע איין שפור נאָך זיך צו לאזען, דאס איז דיא לעצטע ווארנונג וואס מיר גיבען דעם גרויסען געבילדעטען רעדאקטאר. און מעהר ווע־לען מיר אויף זיינע שמוצערייען ניט ענטפערען אין דיא ציילן פאן פויק אדער אין איין אנדער צייטונג וואס מיר רעכענען ארוים צו געבען מיט איין מאנאט שפעטער, וויא עס וועט אנגעצייגט ווערען צו דיא גינסטיגע צייט".

(וו. צייטלין)"

ווי שוין געזאגט איז דער נומער 31 אויך געווען דער לעצטער. די אנונסירטע אין דעם ארטיקל צייטונג, איז טאקע דערשינען אונטער דער זעלבער רעדאקציע. זי האט זיך גערופן „די בלום". ליידער איז מיר ניט געלונגען צו באקומען וועלכן עס איז עקזעמפלאר פון איר. נאר לויט דער עדות פונם ה' וו. צייטלין, אף וועלכן איך מוז זיך פארלאזן, האָט „די בלום" אנטהאלטן נייעס און פארשידענע ארטיקלען און איז מיט גארניט ענלעך געווען צו „דעם פויק". פון „דער בלום" זיינען דערשינען לויט דער

עדות פון דוד נאלדמאן אין זיין בוך „די יודען אין ארגענטינע", (ארויס־געבן אין 1914), 16 נומערן. מענטשן האבן זיך ארייננעלייגט אין שלום, ווערמאנט האט איבערגעפירט זיין „פאלקס שטיממע" אין צייטלינס דרוקעריי און די שונאים האבן זיך איבערגעבעטן.

פאר דעם יאר צייט וואס „דער פויק" איז ניט דערשינען, האט דאך ז. לעווין ווערמאנטן ניט צורוגעלאזט. ער האט געפונען אן אנדער מיטל, ווי ווערמאנטן צו „דערגיין די יארן". ער האט צוזאמענגעשטעלט א טעאטראלע „רעוויסטא", אונטערן נאמען „ווערמאנט אף דער קאטרע" (קאטרע־א שער־בעטל), און האט די דאזיקע „רעוויסטא" אויפגעפירט אין א סאלאן, אליין שפילנדיק די ראל פון ווערמאנטן, וועלכן ער האט, ווי מען דערציילט, פונקטלעך נאכגעקאפירט.

דאס איז אגב געווען דאס ערשטע מאל וואס מען האט געשפילט אידיש טעאטער אין בוענאס איירעס.

ווערמאנט איז דאן שארף ארויסגעטראטן אין „דיא פאלקס שטיממע" אקעגן דעם טעאטער, האט געדראעט צו פארמאסערן, און דער עולם האט ווירקלעך אויפגעהערט צו באזוכן דאס טעאטער.

דער געשיכטע שרייבער פון אידישן טעאטער אין ארגענטינע, וועט זיך מוזן רעכנען דערמיט אלס פאקט, אז דאס אידישע טעאטער האט זיך אין ארגענטינע אנהויבן אפן זשורנאליסטישן געביט.

„דער פאָלקסבלאַטט" — „יודיש-אַרגענטינישעס וואָכנבלאַטט"

(1913—1910)

פון דער עקזאַטישער „פאלקס שטיממע" און איר עקזאטישן רעדאק-טאָר („דער פויק", ווי איך האָב שוין אָנגעמערקט, דארף באַטראַכט ווערן ניט מער ווי א רעפּליק אין א מחלוקת, פון איינעם וואס איז אריין אין ווער-מאָנטס טאָן און אים איבערגעשריגן), טוען מיר א שפּרונג צו אן אויסגא-בע וואס האָט קיין שום פּנים ניט געהאַט און האָט דאָס אויך ניט געוואָלט האָבן: „דאָס פאלקסבלאַט", א וואָכנבלאָט, געגרינדעט אין 1908 פון יואל ראזנבליט (דער גרינדער פונם „אידישן פאנאגראף") בשותפות מיט ג. ב. איצקאָוויטש, אייגנטימער פון א שיפסקארטן קאָנטאָר. פאר רעדאקטאר האָט יואל ראזנבליט ווידער געשטעלט דעם באקאנטן פאביאן ש. הלוי, וועל-כער איז זיך אָנגעגאנגען זיין וועג מיט די כנסת ישראל־ארטיקלען, און אליין האָט ער זיך ארויסגעלאזט איבער די געשעפטס הייזער זוכן אנאנסן, וואס צוליב זיי האָט ער דעם „פאלקסבלאט" געגרינדעט.

דער אינטערעס פון ג. ב. איצקאָוויטש אין דער אויסגאבע איז באשטא-נען דערין וואס ער האָט נויטיק געהאט צוליב זיינע געשעפטן א מיטל פאר רעקלאמע. „דיא פאלקס שטיממע", וואו ער פלעגט אנאנסירן זיין שיפס-קארטן קאָנטאָר, האָט אים קיין נוצן ניט געקענט ברייננגען, זי פלעגט בלויז געלייענט ווערן פון די געציילטע קהלשע צאַפּעס און צאַפּעקלעך, פון די פארוואלטונגס מיטגלידער אין די צדקה פאריינען, שילן און תלמוד תורהים, צוליב א מודעה, א רכילות'ל. די ברייטע אידישע מאסע איינגעוואנ-

דערטע פאר די פאר יאר, וואס האָבן געשפארט געלט אף אהיימצופארן, אדער אריבערצוברענגען די קרובים, קויפנדיק שיפסקארטן אף אויסצאלן, האָבן זי ניט געלייענט. ווערמאָנט האָט אויך אט די מאסע ניט געהאט מיט וואס צו פאראינטערעסירן, ער איז געווען פרעמד צו איר.

אבער אויך דאָס „פאלקסבלאט" האָט ניט געקענט געפינען דעם וועג צו דער דאזיקער מאסע. פאַביאַן ש. הלוי'ס מאמרים און זיין דייטשמעריש, ווי די בשר כשר אינטערעסן, וואס זיינען דארט געקומען צום אויסדרוק דורך די שוחטים וואס האָבן גענומען די פען אין דער האנט, האָבן דאָס ניט באוויזן.

אזוי האָט זיך געצויגן ביז עס איז געשען אין נאוועמבער 1909 דער נקמה אקט פון שמוען ראַדאָוויצקי אף דעם פאליציי שעף פאלקאָן. די רע־דאקציע האָט זיך דערשראקן און איז ארויסגעקומען מיט א פארדאמונגס ארטיקל קעגן דעם אקט און ניט געזשאלעוועט קיין שארפע ווערטער:

„מהרסיך ומהריביך ממך יצאו" און ווייטער אין דעם זין, און דאָס האָט געשאט ניט נאָר דער „פאלקסבלאט" נאָר אויך ג. ב. איצקאָוויטשן אין זיינע געשעפטן. ס'איז קיין אנדער מיטל ניט געווען ווי אפצושטעלן דעם „פאלקסבלאט".

אין דעצעמבער 1910 הויבט ווידער אָן דערשיינען א צייטונג, ארויס־געגעבן פון יואל ראָזנבליט מיט איצקאָוויטשן, שוין אונטערן נאָמען „אי־דיש ארגענטינער וואכענבלאטט".

לויט דער נומעראציע האָט דער „אידיש־ארגענטינער וואכענבלאטט" געהייסן א פארטזעצונג פונם „פאלקסבלאט", אזוי אז דער ערשטער נומער זיינער איז געווען 54 און דער יארגאנג 2. געטון איז עס געווארן כדי לייב־טער צו קענען באקומען אנאנסן פאר דער צייטונג אין די ניט אידישע געשעפטן. צוליב דעם זעלבן צוועק איז אויך דער נאָמען פונם וואכענבלאט אין שפאניש "Semanario Israelita Argentino" געווען אפגעדרוקט מיט גרויסע אותיות, גרעסער ווי די אידישע, און איבער דעם אידישן נאָמען. אונטערן שפאנישן נאָמען איז געווען א סובטיטל:

Organo de los intereses Israelitas en la América del Sud, Sociales, Económicos, Comerciales y Políticos.

אין אידיש הייסט דאָס: אָרגאַן פון די אידישע אינטערעסן אין זיד אַמעריקע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, און קאָמערציעלע פּאָליטישע. אין אידיש איז דער סובטיטל ניט געווען. אויך קיין רעדאקטאר איז ניט אנגעוויזן. און מען האָט צו דעם דאָזיקן וואכנבלאט, 8 זייטן גרויסן צייטונגס פארמאט, קיין רעדאקטאר ניט באדארפט. פון אנהויב ביזן סוף איז דאָס געווען בלויז שער־ארבעט, וואס פלעגט געטון ווערן פון... זעצער. געשניטן האָט מען מערס־טנס פון די אמעריקאנער צייטונגען. פלעגט אמאָל אריינגעשיקט ווערן אן ארטיקל פון אן ארטיקן אדער פּראָווינציעלן אידן, פלעג עס שוין דער זעצער צורעכטמאכן.

געטראפן האָט מען דאָרט פון צייט צו צייט אן ארטיקל, אין דעם סטיל פון „הה ואבוי“, געשריבן פון משה רובין — אן אלטער משכיל און ציוניסט פון איזמאַיל (בעסאַראַביע) — און אויך א דערציילונג זיינע, אין וועלכער די זאהנע האָט אראפּגעקוקט פונם ליכטיקן היממעל...; א לייכטן פעליעטאָן אין המשכים איבער דעם ארטיקער אידישקייט, געשריבן פון בוקי בן אָגלי, דער פסעוודאָנים פון א ירושלימער משולח, וועלכער פלעגט זיך רופן רעווערענד עפשטיין; אן ארטיקל וועגן הויכע ענינים פון הרב דוד הכהן שוב גלאזערמאן, געשריבן אין אידיש פון בלויז הויכע ווער־טער מיט פארביטענע טייטשן און באגריפן, אונטער וועלכע עס האָט גע־שטעקט רבנישע געשעפט מאכעריי.

א סימן פון א רעדאקציע איז אפשר אָט דער מין ארטיקל:

אויפמערקזאַם

„מיר בעטען אלע אונזערע געעהרטע אַבאָנאַדען, זאָלען זאָ גוט זיין און באהאלטען די לעצטע רעסיוועס (קבלות. פּ. כ.) וואס זיי האָ־בען פון אונז, ווייל אזוי ווי עס איז פאר ניי־יאר, וועט געהן א מענטש פון דער רעדאקציאָן קאנטראליערען די רעסיוועס און אויך אין דער זעלבער צייט אטענדירען די רעקלאמעס (קלאגעס. פּ. כ.) וואס יעדער האָט.

מיט אכטונג

די רעדאקציאָן“

דערפאר אבער איז אנאנסירט א ספעציעלער רעדאקטאר אין שפאַ־
ניש:

R. MERLO

Redactor en Castellano

מען דארף דערפון ניט מיינען אז דער „אידיש־ארגענטינער וואכענ־
בלאטט" האָט געהאט אן אפטיילונג ארער א זייט אין שפאניש, ווי די ענגלי־
שע זייט אין די נאָרדאַמעריקאַנער אידישע צייטונגען. אין שפאניש פלעגט
זיין אף דער ערשטער זייט א מין אנאנס פון דער רעדאקציע, אין דער
פארם פון א לייט ארטיקל, וועגן די געשעפטן וואס איצקאוויטש האָט גע־
פירט און דער דאזיקער אנאנס איז געוועזן רעדאקטירט פון דעם ה' מערלאָ,
וועלכער איז אין דער אמת'ן געוועזן אן אנאנסן אגענט.

איינס פון אט די „לייטארטיקלען" פון דער שפאנישן רעדאקטאר
אין „אידיש־ארגענטינער וואכענבלאטט", וועל איך דאָ איבערזעצן אלס
מוסטער:

„צו די קאָלאָניסטן

אוןאימפאָרטהייזערפוןמאשינען

„ס'איז באקאנט דער וואוקס פון דער אידישער איינוואנדערונג
אין דעם לאנד, וועלכע געפינען אלערליי דערלייכטערונגען פאר ארבעט,
איבערהויפט אגריקולטור, ווי עס באווייזט דער פאקט אז עס זיינען
צעשפרייט אידער די פראווינצן בוענאָס איירעס, קאָרדאָבאָ און סאנטא
פע, טויזנטער לאנדסלייט, וועלכע האָבן געשאפן זייערע באדייטנדע
קאלאניעס, וואס גיבן זיך אפ צו אגריקולטור, צו וועלכער זיי זיינען פון
אנערקענטער קאמפעטענץ."

„ס'איז אפילו אמת אז די דאזיקע קאלאניסטן געלינגט אין א
קורצער צייט צו זען געקרוינט זייערע פארלאנגען, מיט גוטע פראָ־
דוקטן, אלס קאָנסעקווענץ פון דער ארבעט. ס'איז אויך אמת, אז דאָס
געשעעט ווען זיי האָבן א גוטן שניט, אבער אויך דאָס פארקערטע, ווען
זייערע פעלדער זיינען אפגעראמט דורך היישריק, טרוקעניש
אדער אנדערע פלאגעס."

„יערענפאלס, דער אידישער קאלאניסט וואס באזעצט זיך אפן פעלד מיט זיין פאמיליע, מיט דעם נאטירלעכן פארלאנג אויסצוקומען, איז שפארעוודיק, אן שלעכטע נויגונגען, ארנטלעך און צאלט זיינע חובות, ווי מען קען דאס זעען ווען זיי קומען אהער אין שטאט קויפן זייערע אגראר מאשינען, דעריבער מעלדעט דער וואכנבלאט אלע אידן פון די קאלאניעס, אז אויב זיי ווילן קויפן מאשינען, אין גרעסערן אדער קלענערן מאסשטאב, זאלן זיי זיך פריער זעען מיט דעם אדמיניסטראטאר פון דעם וואכענבלאט, הער ג. ב. איצקאוויטש, וועלכער וועט זיי פארשטעלן פאר פעסטע געשעפטסהייזער וואס אימפארטירן אלערליי מאשינען, אלס פארמיטלער פאר גוטע אפעראציעס, אן שום פראצענט, נאר בלויז כדי צו העלפן און נוצליך צו זיין זיינע גלויבנסגענאסן, ווי זיי טוען דאס ארויסגעבנדיק דעם וואכנבלאט."

„דאס זעלבע, די געשעפטס הייזער וואס וועלן ארייננעבן זייערע אנאנסן וועגן אגראר מאשינען אין דעם וואכנבלאט, קענען זיך ווענדן צום הער אדמיניסטראטאר אף דער גאס קאליאאָ נומער 689, וואו זיי וועלן באלד דערליידעקט ווערן, און מיר מאכן זיי אויפמערקזאם אז עס וועט זיי געמאכט ווערן א באדייטנדע הנחה אף די אנאנסן, כדי אזוי ארום פארלייכטערן אויך אונזערע אפעראציעס, צו וועלכע מיר וועלן זיך פון היינט אן אפגעבן."

נאך אלע מסחרים צוזאמען מיט דער צייטונגס מסחר, וואס איז בא איצקאוויטשן געווען א רעקלאמע מיטל פאר זיינע אנדערע פארשידענע געשעפטן, האט ער באנקראטירט און איז אריבער די אנדן בערג קיין טשילע, באגלייט מיט נאך א גרויסער צאל אידישע סוחרים, וועלכע שטעלן איצט פאר מיט זיך די פני פון טשילענער „יודנטום".

דעם „יודיש-ארגענטינער וואכנבלאטט", האט איבערגענומען וואלף צייטלין, וואס בא אים אין דרוקעריי האט ער זיך געדרוקט, פאר דעם חוב, וואס איצקאוויטש איז אים שולדיק געבליבן, און איז אליין געווארן דער רעדאקטאר, אדער בעסער געזאגט, האט געלאזט די רעדאקציע ווי פריער, אף די זעצער. צו די פריערדיקע „מיטארבטער" קומט צו דער זעצער עוזר בומאזשני (איצט אדמיניסטראטאר און איינער פון די גרינדער פון „די פרעסע"), וועלכער הויבט אן שניידן פאר דעם „יודיש-ארגענטינער

וואכענבלאטט“ פון דעם „פריינד“, אנשטאט וואס פריער האבן די זעצער געשניטן פון די אמעריקאנער צייטונגען. דער ביילים פּראָצעס האָט דע־מאלט געגעבן נענוג אינטערעסאנטן שטאָף. ער שרייבט א מאל אליין א פעליעטאן אונטערן פסעוודאנים ר׳ב עוזר׳ל, זעצט איבער א דערציילונג פון רוסישן און דער בלאט ווערט אנגעפילט.

אזוי ציט זיך עס, ביז נאוועמבער 1913, ווען וו. צייטלין פארטראכט צו פארוואנדלען דעם „יודיש־ארגענטינער וואכענבלאטט“ אין א טעגלע־כער צייטונג, וואס זאל אנהויבן דערשיינען פון 1־טן יאנואר 1914, אונ־טערן נאָמען „דער טאָג“, און ער נעמט צו באצייטנס אלס רעדאקטאר י. ש. ליאכאוויצקי.

ליאכאוויצקי פיגורירט נישט אלס רעדאקטאר, נאר דער „יודיש־אר־גענטינער וואכענבלאטט“ באקומט ליאכאוויצקיס טאן און פארב. עס באַ־וויזט זיך אף דער ערשטער זייט א מין נאטיץ וואס איז האלב כראניק, האלב לייט־ארטיקל. „נעזעלשאפטלעכעס“, וואס איז האלב כראניק און האלב אנגריף און אינטריגע אף פאריינען און פערזאָנען און באזונדערס די פאר ליאכאוויצקין כאראקטעריסטישע חכמהדיק־צוגעפּוצטע פאליציי כראניק און געריכטס כראניק ווענן באנקראטן, און א רובריק „איבערן לאנד“, וואס טראגט דעם זעלבן כאראקטער וואס „געזעלשאפטלעכעס“.

ס׳איז כדאי צו ברייננען א פּאר מוסטערן פון ליאכאוויצקיס שפּראך און זשורנאליסטישן סטיל. דערצו נעמען מיר א נומער „יודיש ארגענטי־נער וואכנבלאטט“ און מיר דרוקן פון אים איבער איי‌ניקע אויסצוגן פון די פארשידענע רובריקן.

דער לייטארטיקל

טעאָדאָר רוזוועלט

„מיטוואך, 10 אוהר אין דער פריה, איז אנגעקומען דער עקס־פּרעזידענט פון די פעראייניגטע נארד אמעריקאנער שטאאטען, מ׳ר רוזוועלט. איז אויפגענומען געווארען פון מעהרערע גדולים און פער־טרעטער פון עטליכע חברות.

דעם זעלבען טאג האט ער אויך אויפגענומען, אין דער אמערי־

קאנישער לעגאציאן, אלע די יעניגע, וואס האבען איהם בענריעבען געוואלט.

אין נאמען פון כל ישראל זיינען געגאנגען די הערדען ענריקע שוסטער, גערשטיין און ד"ר זשאבאטינסקי. אלס דאלמעטשער האט געדיענט דער ערשטער, וועלכער קען במהילה נאך זעהער ווענינ די ענגלישע שפראך. רוזוועלט האט זיי געזאגט, — אז ער האט שטארק ליעב אידען, א סימן: מ'ר אסקאר שטרוים איז א מיטגליעד אין זיין מיניסטער קאבינעט געוועזן, ער האט זיי א „שעק־העגד'ס" געגעבען. און זיי זיינען מלא שמחה א היים געגאנגען.

אלע אידען האט עס ווענינ עהרע געמאכט, וואס א פאאר יונגע־לייטלאך, זענען געשטאנען ווי די שאינו יודע לשאול'ס און אויסגע־גלאצט א פאאר גרויסע אויגען אויף רוזוועלט'ן. ניט שוין זשע זענען אין דער אידישער געזעלשאפט ניט געוועזן טיכטינערע און וועניגסטענס אימפאנעגטערע פערזאנען?

נור, מי שיש לו חוצפה — יבוא ויטול; — קינדער האבן גע־וואלט זיך שפיעלען האבען זיי דעם יודעשען נאמען פאר א צאצקאלע אויסגעקליבען...

דאס פאלק האט זיך, — ניט אכטענד אלע קאמבינאציעס און מיטלען, וואס דער רעסעפציאן קאמיטעט האט אונטערנומען, — קאלט פערהאלטען צו רוזוועלט'ן. אלע זעהן אין איהם דעם אימפעריאליסטי־שען פערטרעטער, וואס האט צערשפיצעלט דער עקוואדאר רעפובליק, וואס האט מיט זיינע נענעל אריינגעקראכען אין סאמע הארצען פון גוואטעמאלא, און אונטער וועמענס צייהן מעקסיקא ליגט.

א סברה, אז די סטודענטען פרעפארירען א ריעזען דעמאנסטרא־ציע דעם שריפטעלער מאנועל אונארטע, דעם קעמפפער פאר'ן עקזיס־טענץ פון די קליינע רעפובליקען. דאס זאל דיענען אלס אונדירעקטער פראטעסט געגען רוזוועלט'ס פאליטיק.

דיזער וועט פרייטאג און מאנטאג פארטרעגע האלטען אין קאלאן טעאטער.

רוזוועלט איז יעצט אלט ארום 55 יאהר; ער האלט זיך אבער פי־זיש, ווי אויך גייסטיג פיעל יונגערער און קרעפטיגער.

ניט איינע פון אלע היגע אויסלענדישע חברות, ניט די ארגענטי־נער אפילו, האבן טהייל גענומען אין רוזוועלט׳ס רעספּציאן. געטוהן האבען עס נור א פּאאר אידישע פעראיינען: די נארד־אמעריקאנער און די אנגעהעריגע צום סאציאל מוזעאום.

דאס האט פעראנלאסט, אז א פּאאר אבענד צייטונגען, זאלען זיך לוסטיג מאכען איבער דער אידישער שמחה מיט רוזוועלט׳ן.

זיי געפינען, אז די אידישע דעלעגאטען זענען אימפּעריאליסטען ווילען נארד אמעריקא זאל פארנעהמען די גאנצע וועלט, אפילו ציון אויך... מיר אבער האלטען דיזע נישט מעהר, ווי פאר מה־יפית׳ניקעס...

געזעלשאַפטליכעס

„דורשי ציון"

„די ציוניסטען האבען דעם ערשטען נאוועמבער א באל געגעבען, כדי אנצופיהלען די לעבערדיגע טאש פונ׳ם צענטראַל קאָמיטעט.

אום אבער דער עולם זאל ניט ערפארען צו וועלכען צוועק מען גיט די פּאאר סענט, האט מען עס געמאכט אויפן נאהמען פון א חברה; אבער די מתעסקים האבען דעם אמת ארויסגעוויזען.

דא זוכט מען ווידער אונטערשטיצען א פּאאר גוטע ברידער וועל־כע וואקלען זיך נעביך ארום ציוניסטישן צ. ק. און פארדינען נעבען איהם די חיונה בצמצום.

די ציוניסטען וואלטען נאָך געקענט אויסקומען אהנע בעלער ווען זיי זאלען האבען טיכטיגע ארבייטער און בעגרענצען די אויסגאבען, אבשאפען די אומזיסטע פרעסער, צוזאמען מיט׳ן צ. ק. וואס טוהט קיין אנדער זאך, אויסער וואס ער לאזט ניט די חברות אונהאבענגיג זיך צו ענטוויקלען, און נעמט ביי זיי צו יעדען לעבען און יעדע טעה־טיגקייט, פונקט ווי דעם לעצטן סענט אויף דירה געלד און אנדערע הצטרכות.

צייט די אמת׳ע ציוניסטען זאלען זיך בעפרייען פון די אפּטרופּוסן זאנסט וועט מען זיי אימער האלטען פאר מינדעריעהריגע קינדער מיט יונגעלשען שכל..."

איבערן לאַנד

ר'ב אברהם ווייניקאָוו

„דער גרויסער פּרעזידענט פון ת'ע ד'ר הערצל, ה' אברהם ווייני־קאוו, איז שטארק ברגז, וואס מיר האבען איבער זיין סארט ארבייט ארויסגעזאגט. דאס איז א'ן אלטער כלל: דעם אמת קען מען ניט ליידען!

„ס'איז איהם אבער א נייער איינפאל אויפ'ן זינען געקומען: ער וועט דעם „וואכענבלאטט“ דן זיין למיתה... דערצו האט ער א דריי זיטצונגען געמאכט, און ליידער האט מען זיך ניט געקענט איינ־פערשטעהען, וואס'ער מיתה איהם צו געבען... געבליעבען איז געהן אנצופרעגען א'ן עצה ביי א בעל דין...

„אונז הארט אבסאָלוט ניט דער הארבער פסק, וואס דער גרויסער ווייניקאוו וועט ארויסגעבען, אבער וואס ער בעריהרט אונז יאָ, איז פאלגענדעס:

„א עדה יודען דארפען זיך ניט לאזען פיהרען פון איינעם, וואס האלט זיי פאר שאף, פאר אונוויסענדע לעמער, און טרעט אויף זייערע קעפ, האלטענדיג אלע אנדערע פאר עמי הארצים, ווערענד ער אליין איז נאך זעהר ווייט פון בילדונג“.

„א פארשטעהער פון א חברה, דארף זיין מעורב בין הבריות, זיך קענען מאכען סימפאטיש און נוצליך, טוהן דעם ווילען פון פאלק, פון זיינע מיטגלידער, ניט רייטען אויף זיי“.

„אויסער דעם דארף א מנהיג האבען א געוויסען גראד שכל און דרך ארץ, זאכען וואס אונזער פריינד האט ניט אויף א קווינט...“

אין דער קאמיסיאן פון דער זעלבער חברה, אנהייבענדיג פון וויצע פרעזידענט ביז צום לעצטען וואקאל, זענען אלע פיעל פאסענ־דער ווי ווייניקאוו, פרעזידענטען צו זיין, ווענינגסטענס בעזיצען זיי אבשיי פאר'ן דעת הקהל און ווען רעספעקטירען זייערע מיטגליעדער.

מיר גלויבען אז די חברים פון תלמוד עברי זענען ווייט ניט קיינע עזלען און וועלען ניט לאזען, אז א פויער, — ווי גרויס ער זאל ניט זיין — זאל רייטען אויף זייערע רוקען.

פּאָליציי נייעס

א גלגול פון א שוסטער

„דער פּאָליציי אפיציר העקטאר איגלעסיאס האט זיין אינס־פּעקציאנ'ס רייזע געמאכט, רייטענדיג אויף זיין פערד אין דער 16־טער סעקציאן.

ביים עק פון די גאסען וויעיטעס און לימאַ, האט זיך דער פערד איבערגעשראקען און אנפאנגען ווילד לויפען איבער'ן גאס, אהנע דאס דער רייטער זאל איהם בעהערשען קענען.

אזוי איז ער געלאפען ביז בראזיל 1138, וואו פעליקס א. פאנא האט א שוכווארג געשעפט. אהין איז דער צובושעוועטער פערד אריין זיך דארט פערטשעפּעט אין די שאכטלען און סטויקעס און זיך איבער־געקעהרט מיט'ן רייטער צוזאמען, אנמאכענדיג א שאדען אויף מעהרע־רע פעזאס.

וואס האט דעם פערד געצויגן צום שוסטער?

דארויף וועט שווערליך פאר א פּשוט'ן בשר ודם מעגליך זיין צו ענטפערען. דערביי זענען זיכער פערבונדען די סתרי סודות פון פערדישע גילגולי נשמות..."

„דער טאָג"

(1916—1913)

דעם 1־טן יאנואר 1914, ווי ס'איז אנונסירט געווען, איז אנשטאט דעם „יודיש ארגענטינער וואכענבלאטט" דערשינען דער „טאָג" אונטער ש. י. ליאַכאָוויצקיס רעדאקציע.

די דערשיינונג פון א טעגלעכער צייטונג האָט צוגעצויגן די אויפ־מערקזאמקייט און דעם אינטערעס פון א גרויסער טייל אידישע „קולטור טוער". א צייטונג איז שטארק נויטיק געווען. אמת — האָט מען זיך גע־טראכט — דער ארויסגעבער איז דער אלטער דרוקער צייטלין, אן אלט־מאָדישער איד וואס האָט בלויז אינטערעס פאר בית עולם און תלמוד תורה, און דער רעדאקטאר איז ליאַכאָוויצקי, אן עם הארץ אין דער נייער אידישער ליטעראטור און מיט א קוידערוועלשן אידיש, מיט א פארגאנגענהייט וואס וואלט אים באדארפט שטעלן מחוץ למחנה, אבער... דער חשק צו א טעג־לעכער צייטונג איז אזוי גרויס און דרוקן זיך ווילט זיך אויך... און אפשר וועלן מיר מיט אונזער אינטערעס און מיטארבעט ווירקן צום בעסערן....

די דערשיינונג פון „טאָג" האָט אויך ארויסגערופן בא אייניקע א מין בלינדע פארערונג צו דעם פאקט גופאָ; „פאַטריאָטן", ווי מען רופט די פארערער פון טעאטער אין אמעריקע. צווישן זיי לייבוש ווייסבלאָט, קול־טורעל א גאנץ אנטוויקלטער ארבעטער, א העפטער, וועלכער האָט אוועקגע־ווארפן די ארבעט און ארומגעלאפן פארשפרייטן די צייטונג, מאכן אבאָנענ־טן פאר איר, זוכן פארקויפער. אגב, האָט ער אלס פארקויפער געפונען בלויז אַלטע אידן אדער קאליקעס, וואס פלעגן פריער ארומגיין פארקויפן שוועבע־לעך, און די אלטע אידן און אידענעס וואס זיצן בא די ציגארעטן קעסטלעך,

זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג די מערסטע אידישע צייטונגס פאַרקויפער. דער לייבוש ווייסבלאַט האָט אויך געאַרבעט צווישן די יונגע פען־האַלטער אף צוצוציען זיי אלס מיטאַרבעטער אין „טאָג".

עס איז אים געלונגען צוציען אבא קליגער, משה פינטשעווסקי, לאַזער לעווין (א בונדישער טוער פון וואַרשא, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין בוענאָס איירעס) און אלס אינווייניקסטן מיטאַרבעטער מיט א חודשלעכן געהאַלט, דעם שרייבער פון די שורהס. אבא קליגער האָט דאַרט געשריבן אינדיווידואַליסטישע שטימונגען, דערציילונגען, לידער, איינדרוקן; משה פינטשעווסקי האָט דאַרט אנגעהויבן שרייבן אונטערן פסעוודאָנים „דער טעלענעשטער קאַבאַזשערא" פליסיקע פעליעטאָנען אין פערזן; לאַזער לעווין האָט געשריבן פּאָליטישע איבערבליקן, באַזונדערס איבער די פּויליש־אידישע פאַרהעלטענישן; איך האָב דאַרט איבערגע־זעצט טעלעגראַמען און כראָניק פון די אוונט צייטונגען, א סענסאַציא־נעלן ראָמאַן „דער שפּיאָן" און א גאַנצע רייע דערציילונגען פון דעם שפּאַניער דעל וואַליע אינקלאַן; אזוי אז פאַר ליאַכאָוויצקין איז בלויז געבליבן דער לייט־אַרטיקל און זיין באַליבט געוואָרענע רובריק וועגן באַנקראָטן.

לאַנג האָט אָבער אָט די מיטאַרבעט ניט געקענט אָנהאַלטן. ליאַ־כאָוויצקי, וועלכער איז געוואוינט געווען אליין אנצופילן א צייטונג, פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן אות, און אפילו די קאָרעקטור מאַכן אליין, האָט פלוצים „פאַרשטרייקט". א פּאָר טעג האָט די רעדאַקציע געאַרבעט אָן ליאַכאָוויצקין, מיר האָבן גערעכנט, אז ער איז קראַנק און מעלדעט ניט, מחמת ער וואוינט ווייט, אין א שטעטל וואָס ליגט א שעה רייזע מיט דעם טראַמוויי פון בוענאָס איירעס. דערנאָך זיינען מיר געוואָר געוואָרן, דורך די זעצער, אז ער שטרייקט און האָט באַפוילן אז אויב די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע און די זעצער וועלן אַרויס אין שטרייק וועט ער זיי שטיצן...

שטרייקן איז באמת געווען פאַרוואָס. סיי די זעצער, סיי די מיט־אַרבעטער אין דער רעדאַקציע, האָבן קיין מאָל קיין געלט ניט באַקומען צו דער צייט. סוף וואָך, גראַד צו דער שעה ווען ער פלעגט דאַרפן צאָלן, פלעגט דער באַלעבאָס, וו. צייטלין, נעלם ווערן. ערשט שפּעט אין דער

נאכט פלעגט ער קומען, אז דעמאלט, און מען פלעגט אים גוט אויסזי־דלען און אנסטראשען, פלעגט ער, א קליינינקער, א דערשלאגענער, אפשיקן די מאַנער צו זיין פרוי, — א דיקע אידענע, וואס ליאַכאָוויצקי האָט איר א שם געמאכט דורך אפטע אינסינואציעס אף איר חשבון צווישן די שורהס פון זיינע פאליציי כראָניקעס — און זי, די צייטלינקע, פלעגט דעמאלט נאָך א סצענע מיטן מאן, ארויסשלעפן פון צווישן דעם צעגאסע־נעם בוזים דאָס קניפל און אויסטיילן יעדן איינעם א פאר פעזאס עד לחשבון... דער איינציקער וואס פלעגט אפנעמען דעם געהאלט נאָך פאר דער וואָך, איז געווען דער מאשיניסט פון דער דרוק־מאשין. פונקט צום ארייג־שטעלן די פארמעס, פלעגט ער ניט קומען. צייטלין האָט שוין געוואוסט אז ער זיצט אין א דערבייאיקן קאפע־הויז און ווארט מען זאל אים רופן. צייטלין פלעגט אים שוין אהין צוטראגן די פאר פעזעס און ס'איז געווען א צייטונג אף מארגן. די איבעריקע האָבן דאָס ניט געקענט; אלס זעצער האָט געארבעט זיינער א זון, וואס איז געשטאנען טאג ווי נאכט באם קאסטן, אין רעדאקציע קען מען פארבייטן די מיטארבעטער מיט דער שער, קאָ־רעקטור פלעגט וו. צייטלין אליין מאכן און אז ניט קארעקטירט, האָט אים אויך ניט אויסגעמאכט...

מיר זיינען ארויס אין שטרייק און... ווי מיר זיינען נאר ארויס, איז ליאַכאָוויצקי אריין.

פארשטייט זיך, אז נאָך אָט דעם שפיצל, זיינען מיר מער אין „טאָג" ניט געקומען, און ליאַכאָוויצקי איז געווארן דער איינציקער אין רע־דאקציע.

שפעטער האָט אויסגעבראכן א סקאנדאל ארום „טאָג" און עס איז אונדז אביסל קלאר געווארן די סבה פארוואס ליאַכאָוויצקי האָט ניט געליטן נאָך עמיצן צו זיך אין רעדאקציע:

פון דער קאלאניע בערנאסקאני, דעמאלט נאָך א יונגע קאלאניע, איז ארויסגעלאזט געווארן א הילפסגעשריי. די קאלאניסטן האָבן דורכגעמאכט א ריי שווארצע יארן און עס איז דערגאנגען דערצו אז מען איז דארט פשוט געשטארבן פאר הונגער. דער „טאָג" האָט געעפנט אף זיינע שפאלטן א זאמלונג. עס זיינען געשאפן געווארן 1.200 פעזאס. קיין בערנאסקאָני איז אָבער פון זיי קיין איין סענט ניט אָנגעקומען.

פאר אונדז, וואס מיר זיינען באקאנט געווען מיט דעם אופן ווי עס האָט זיך געפירט די באַלעבאַטישקייט אין „טאָג“, איז די זאך געווען א גאנץ פארשטענדלעכע. די קארעספאנדענץ פלעגט, געוויינלעך, עפענען ליאַכאָוויצקי; האָט די קארעספאנדענץ אנטהאַלטן מזומן געלט, פלעגט ער עס נעמען פאר זיך, ער וועט שוין האָבן א חשבון מיט צייטלינען... און אזוי מיט יעדער אנדער געלט, פאר אבאָנענטן אָדער אַנאָנסן, וואס פלעגט אריינפאלן צו ליאַכאָוויצקין אין די הענט. און מיט אן אמת, צייטלין פלעגט אים קיין געלט ניט געבן, פונקט ווי ער פלעגט ניט געבן יעדן אנדערן. די באקומענע סומע האָט ליאַכאָוויצקי פונדעסטוועגן אויסגעוויזן. ארויסגעקומען איז דערפון אז צייטלין האָט דאָס געלט ניט געהאַט צום אפשיקן און ליאַכאָוויצקי איז דאָך אויך ניט שולדיק... ער האָט א חשבון מיט צייטלינען...

צי ליאַכאָוויצקי האָט זיך בכלל גערעכנט מיט צייטלינען און צי האָט ער געהאַט א באשטימטן געהאַלט אלס רעדאקטאר, איז מיר ניט באַקאנט. עס גערענקט זיך מיר א מעשה מיט אן אנאָנס פון דער פארטיי „אוניאָן סיוויקא ראדיקאַל“ ערב וואַלן, אין באטרעף פון 300 פעזעס, וואס איז אנגענומען געווארן פון צייטלינס א זון, א מיטגליד פון יענער פארטיי, און ליאַכאָוויצקי, וועלכער איז אויך ניט פרעמד געווען אין יענעם פארטיי קאָמיטעט, האָט זיך געפעדערט און צוגענומען פאר זיך די דריי הונדערטער. פון דער מעשה איז צו זען, אז ליאַכאָוויצקי האָט קיין באשטימטן געהאַלט אין „טאָג“ ניט געהאַט.

לאנג האָט אויך ליאַכאָוויצקי ניט אָנגעהאַלטן אלס רעדאקטאר פון „טאָג“. אין א שיינעם פרילינג טאג, ווען איך האָב מיך געפונען אין מאַנטעווידעאָ ארבעטנדיק בא מיין פאך, אינגאנצן אראפּגעווארפן פון קאָפּ די זשורנאליסטיק און זיך פאראינטערעסירט מיט דער אָרטיקער ארבעטער באוועגונג און מיט דער אורוגוואייער פּאָליטיק בכלל, איז צו מיר געקומען מיט א שליחות לייבוש ווייסבלאַט, דער „פּאַטריאָט“ פונם „טאָג“ און דערציילט מיר, אז ליאַכאָוויצקי איז אוועק פון דער צייטונג, אז ס'איז פאראן א מעגליכקייט צו מאכן פונם „טאג“ א לייטיש בלאט מיט מאָדערנע מיטארבעטער און אז ער איז עקסטרע געקומען מיך איינלאַדן איך זאל ווערן דער רעדאקטאר. עס האָט מיך אפילו געלאקט דער טיטל און די פערספּעקטיוו צו קענען ווירקן לטובת דער אידישער קולטור אין ארגענטינע האָ־

בנדיק אין די הענט אזא אינסטרומענט ווי א טעגלעכע צייטונג, אבער צופיל האָב איך געקענט די ווירטשאפט פון „טאָג", צופיל איז מיר געלעגן אין טעם דער סקאנדאל מיט די געזאמלטע געלטער פאר בערנאסקאָני, אז איך זאל ווען נעמען אף זיך וועלכע ס'איז אחריות, וועלכע וואלט אף מיר געפאלן אלס רעדאקטאר, פאר דער דאזיקער צייטונג, און לייבוש וויים־בלאַט איז צוריקגעפארן מיט מיין אָפּזאָג. אף ליאָכאָוויצקים פּלאַץ איז דאן אויפגענומען געווארן אלס רעדאקטאר דער אלטבאקאנטער פאביאַן ש. הלוי.

די ארבעט פונ'ם אלטן פאביאַן הלוי אין „טאג" איז באשטאנען אין איבערזעצן און פאריינענען פון „דויטשער לא פּלאַטא צייטונג" א פּאָ־ליטישן ארטיקל און די „מלחמה איבערזיכט", וואס האָט שטארק אויסגע־נומען באם אידישן לעזער, וועלכער איז מערסטנס געווען דייטשפריינט־לעך געשטימט. די „דויטשע לא פלאטא צייטונג" פלעגט שרייבן אירע איבערזיכטן אלס צד אין דער מלחמה און האט גערעדט בלשון „מיר", און אז דער רעדאקטאר פון „טאג" פלעגט זיך פארגעסן, אז ער זעצט איבער די איבערזיכטן פאר א אידישער צייטונג, פלעגן „מיר" אוואנסירן, זיך שלאגן ווי די לייבן, פארנעמען פראנצויזישע און רוסישע פאזיציעס, אויסהארגענען אין די טויזנטער און פארנעמען נאכאמאל אזוי פיל גע־פאנגענע. א גליק איז געווען וואס די איבערזיכטן פון „דויטשע לא פלאטא צייטונג" האבן זיך ניט בארימט מיט די אונטערגעצונדענע שטעט און דערפער און מיט די אכזריותן איבער די פרויען און קינדער אין די פארנו־מענע ערטער; מיר וואלטן אפשר אויך געהאַט א אידישע צייטונג וואס וואלט דערציילט אז „מיר האבן אונטערגעצונדן, צערויבט, פארפייניקט און געמארדעט"... זעלטן ווען, צו א יום טוב פלעגט דער אלטער פאַ־ביאַן ש. הלוי אנשרייבן אן אייגן לייט ארטיקל, וואס האט געהאַט דעם אומבאדינגטן מאטא אין דעם ערך פון „נמשלה כנסת ישראל לקנה, מה קנה עומד במים וכו'"... „מעניני דיומא" הייסט עס, און לצים פלעגן דאס בכיון פארטייטשן: אקטועל... אף א ברענענדיקע טעמע...

דעם „טאג" איז נאך פונדעסטוועגן אויסגעקומען צו שפּילן א ראָל אינם קולטור קאמף פון די יונגע זשורנאַליסטן און שרייבער און קעגן ליאָכאָוויצקין.

געוועזן איז עס אנהויב 1915. ליאכאוויצקי, וועלכער האט פארלאזט דעם „טאג“, האט געגרינדעט צוזאמען מיט אייניקע דרוקער ארבעטער אין חודש נאָוועמבער 1914 די „יידישע צייטונג“, וועלכע איז באלד איבערגענאנגען אלס אייגנטום צו מ. סטאליאר, צוזאמען מיט ליאכא־וויצקין, אלס רעדאקטאר. דער נאמען פון מ. סטאליאר, א געוועזענער עס־עסאוועץ און ערשטער בוכהענדלער וואס האט אימפארטירט די מא־דערנע אידישע ליטעראטור קיין ארגענטינע, אף „דו“ מיט די יונגע זשור־נאליסטן, האט זיי צוגעצויגן צו דער „יידישער צייטונג“, עס האבן מיט־געארבעט: י. העלפמאן, נח וויטאל, אהרן בראדסקי, מ. פינטשעווסקי, אבא קליגער, ב. שעכטער, וועלכער האט זיך דעמאלט צוריקגעקערט פון פאריז אלס סטודענט פון אגראנאמיע און אויך איך האב צוגעשיקט א פאר ארטיקלען און קארעספאנדענצן פון מאנטעווידעא, פאר וועלכע איך האב באקומען צוגעשיקט פון מ. סטאליאר האנאראר, צוזאמען מיט אן איינלאדונג צו ווערן אן אינוויייניקסטער מיטארבעטער פון „די אידישע צייטונג“. איך האב די איינלאדונג אנגענומען און בין געקומען. אבער, נאך א פאר וואכן ווי איך האב געארבעט אין „די יידישע צייטונג“, האט ליאכאוויצקי געשטעלט א פאדערונג צו מ. סטאליאר מיך אפצוזאגן, אז ניט, וועט ער אוועקגיין. די מאטיוון וועלכע ליאכאוויצקי האט אנגעגעבן צו זיין פאדערונג זיינען מיר ניט באקאנט; איך געדענק בלויז, אז א טאג פריער האָב איך אים געהאט אויפמערקזאם געמאכט, אז א סכסוך צווישן צוויי סוחרים קען ניט זיין קיין ענין פאר א לייט ארטיקל, און דאָס איז אפנים געווען גענוג ער זאל זעען אין מיר א געפאר פאר זיין הערשאפט אין דער צייטונג.

בא מ. סטאליאר האבן ליאכאוויצקיס בארימטע פעיקייטן אנצופילן אליין א צייטונג, איבערגעוואויגן און איך בין אפגעזאגט געווארן. אלס פראָטעסט, און בכלל זעענדיק אינם אפזאגן מיך, א פאטש אין פנים דער יונגער זשורנאליסטיק און קולטור לטובת דער עם הארצות, געשמאק־לאַ־זיקייט און אומפאראנטווארטלעכקייט, האבן זיך אפגעזאגט פון מיט־ארבעט אין דער „יידישער צייטונג“ אלע פריער אויסגערעכנטע חברים שרייבער און מיר האָבן גענומען דעם „טאָג“ אלס אונדזער טריבונע, פון וועלכער מיר האבן באקעמפט ליאכאוויצקין. דער „טאג“ האט פאר

אונדז ברייט געעפנט זיינע שפּאַלטן. ער איז באַלעבט און פאַריונגערט געוואָרן מיט דער מיטאַרבעט פון אַזוי פיל יונגע פרישע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפלייסט צו געבן פון זיך דאָס בעסטע און מאַכן דעם „טאָג“ אינטערעסאַנט. אין אַ פּאָר וואָכן איז אונדז געלונגען אַריבערצו־ציען די סימפּאַטיע פון דער יוגנט פון שטאָט ווי פון פּראָווינץ, צום „טאָג“, און לאָזן פילן דער „יידישער צייטונג“ די עולה וואָס זי איז באַגאַנגען.

דער סאָלידאַרישער אַקט פון די חברים יונגע שרייבער, האָט ניט נאָר געווירקט אַף דעם באַלעבאָס פון דער „יידישער צייטונג“, און אים געצוואונגען ער זאָל דעם חבר צוריקשטעלן צו דער אַרבעט, נאָר האָט אויך געהאַט אַ גרויסער קולטור באַדייטונג, אַנווייזנדיק אַף וואָס עס זיי־נען פעאיק יונגע שרייבער ווען זיי זיינען סאָלידאַריש.

מיט דעם אַליין האָט דער „טאָג“ אַנגעשריבן אַ שיין בלעטל אין דער אַרגענטינער אידישער זשורנאַליסטיק.

געשטאָרבן איז „דער טאָג“ סוף 1916, צוליב אַ מיאוסער מעשה, ווידער אַ סקאַנדאַל מיט געזעלשאַפטלעכע געלטער, וואָס איז געשען אַ דאַנק ווו. צייטלינס אומווירטשאַפט. דאָס איז געווען אַ סומע פון 116 פעזאָס אַריינגעשיקטע אין „טאָג“ לטובת די מלחמה און פּאָגראָם נע־ליטענע אידן, פאַר וועלכע עס האָט דאָ אַקטואירט אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, און זיינען צום קאָמיטעט ניט אַריינגעקומען.

אָט די באַשולדיקונג פון קאָמיטעט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געווען אין „די יידישע צייטונג“ האָט דערענדיקט דעם „טאָג“, וועלכער האָט סאַי ווי געגוסט פון אומווירטשאַפט.

סאיז בכלל כדאי צו פאַרצייכענען פאַר דער געשיכטע די ווירט־שאַפטלעכע זייט פון דעם אידישן צייטונגס וועזן אין אַרגענטינע.

ניט אַריינרעכענענדיק „דיא פאָלקס שטיממע“, וואָס ווערמאַנט האָט אויסגעהאַלטן אַף זיין אייגענעם אופן, זיינען כמעט אַלע אַנדערע אומ־פּאַרטייאישע בלעטער ניט געגרינדעט געוואָרן אַלס ספּעציעלע אונטער־נעמונגען. אַ אידישער דרוקער וואָס האָט געוואָלט פּאָפּולער מאַכן זיין

דרוקעריי, האט געפונען אלס דאס בעסטע מיטל דערצו, ארויסגעבן א צייטונג אדער א וואָכנבלאַט.

דער ביורזשעט פאר דער צייטונג פלעגט געמאכט ווערן אזוי:

א דרוק מאשין איז פאראן (צוליב דרוקן גרויסע אידישע טעאטער אנאנסן האבן אידישע דרוקער געמוזט זיך באזארגן מיט א גרעסערער דרוק־מאשין), צו וואס זאל זי שטיין ליידיק? זעצער זיינען פאראן, ווען זיי צוארבעטן אביסל, פאר א נויט נעמט מען צו א פאר לערנאינגלעך... א רעדאקציע — די קלענסטע זארג; פאראן אזוי פיל אידן וואס קהלן זיך און ווילן ארויסווייזן קענטעניש, יונגעלייט וואס ווילן זעען זייער נאמען געדרוקט, אליין איז מען אויך ניט קיין עם הארץ, הייסט די שער! נישקאשע, מען ווייסט שוין פון דעם סוד... און ס'וועט זיך שוין מסתמא געפינען עמיצער וואס וועט נעמען אף זיך דעם ערן טיטל רעדאקטאר אָן געלט, און וועט איבערזעצן כראניק פון די אוונט צייטונגען און שרייבן לייט ארטיקלען. און אט ווייזט דאך ליאכאוויצקי א קונץ און שרייבט אן א צייטונג איינער אליין... געהאלט איז דאך ניט שייך; בא א צייטונג, נישקאשע, פאלט שוין עפעס צו דעם רעדאקטאר, א בוררות, א לא יחרץ... מער ניט; פאפיר דארף קאסטן אף א 500 ביז 1000 עקזעמפליארן, האט עם די ווערט פאר רעקלאמע; וואס האָט דען ניט די ווערט, אז סוועט זיין צום סוף פון דער צייטונג צוגעשריבן: די איינציקע און גרעסטע אידישע דרוקעריי אין זיד אמעריקא, איז וואלף צייטלינס, אדער זאב אייזנבערגס, אף דער און דער גאס... און טאקע אף דער ערשטער זייט מיט שווארצע אותיות אף אידיש און אף שפאניש: דירעקטאר און ארויסגעבער א. א. וו. און א צייטונג ברענגט דאָך אויך אריין: אבאָנעמענט, גאסן פארקויף, אנאנסן...

און, ווי מען האָט זיך באצויגן צו דער הוצאה, אזוי האָט מען זיך אויך באצויגן צו דער הכנסה:

בא אנאנסן האט מען זיך ניט געשטעלט אף דער פרייז; וואס ס'פאלט אריין איז ווי געוואונען... האט א סוחר אריינגעשטעלט אן אנאנס, באַצאלנדיק פאר אים א שבוש, האט מען אים ניט געקארגט קיין פלאץ; האָט ער באצאלט פאר א חודש, איז דער אנאנס געגאנגען אייביק... ווארום אויספילן דאס ליידיקע פלאץ מיט טעקסט, קאסט דאך ארבעט

פון די זעצער. פאר אבאנעמענט איז אין ארגענטינע ניט איינגעפירט צו צאלן פארויס און מאנען האָט מען ניט געשיקט, מחמת מען וואלט באדארפט אנשטעלן דערצו א מענטשן, און ווי גרויס איז אינגאנצן גע־ווען די צאל אבאָנענטן אז עס זאל זיך לוינען צוליב זיי האלטן א מענטשן! דער פארקויף אין גאס דורך די אלטע אידן און אידענעס פון די ציגארעטן שטעלעכלעך איז איינגעפירט געווארן ערשט פונם „טאָג“.

די היינטיקע אידישע צייטונגען ליידן נאך אין א געוויסער מאס פון דער ירושה וואס יענע צייטונגס ווירטשאפט און דער צוגאנג פון די ערש־טע צייטונגס ארויסגעבער צו דער צייטונגס־זאך, האט איבערגעלאזן. די דאזיקע ירושה איז ביז היינטיקן טאג אפגעשטעמפלט אף זייער הוצאה ווי אף זייער הכנסה. די איצטיקע צוויי טעגלעכע אידישע צייטונגען, „די אידישע צייטונג“ און „די פרעסע“, נעמען שוין אפילו זייט א פאר יאר זייערע טעלעגראפישע ידיעות בא טעלעגראפישע אגענטורן, אידישע נייס און א טייל אויסלענדישע קארעספאנדענץ בא דער אידישער טעלעגראפן אגענטור „איטא“, האָבן א רעדאקציע שטאב וואס גרייכט ביז אכט מענ־טשן, לאזן גלאנצן אף די שפאלטן מיטארבעט פון אנגעזעענע ליטערא־רישע נעמען; אבער, זיי מוזן נאָך אנקומען צו דער שער, אפגערעדט דער־פון וואס די מיטארבעט ווערט ניט ווי געהעריק באצאלט, מחמת עס ליגט אף זיי די קללה פון דעם ביליקן אנאנס, וועלכער פארנעמט א סאך פלאץ, רייסט זיך אריין אין טעקסט, און די צייטונג מאכט אפט דעם איינדרוק פון אן אנאנסן זאמלונג. דאס איז אויך די סבה וואס די אידי־שע צייטונגען אין ארגענטינע ווערן ארויסגעגעבן אין א גרעסערער צאל זייטן און עס פעלט זיי די קאנצעקטרירטקייט פון די אייראפעאישע.

„דער יודישער קאָלאָניסט“

(1912—1909)

„דער יודישער קאלאניסט“ איז ניט די ערשטע אידישע אויסגאבע פאר קאלאניסטישע אינטערעסן אין ארגענטינע. בא דוד גאלדמאן אין זיין בוך „די יודען אין ארגענטינע“ איז דערמאנט אן אויסגאבע „דער קאלאניסט“, א וואכנבלאט אונטער דער רעדאקציע פון רפאל גרינבערג, וואס איז דערשינען אין משך פון צוויי חדשים. קיין צייט און ארט פון דערשיינען און אויך קיין שום אנדייטונג וועגן כאראקטער פון דער אויסגאבע ווערט דארט ניט אנגעגעבן. אויך איז מיר ניט געלונגען צו באקומען וועלכן עס איז עקזעמפליאר פון דער דאזיקער אויסגאבע. פון געשפרעכן מיט עלטערע כלל טוער און מיט דעם ה׳ דוד גאלדמאן גופא, איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן, אז דער נאמען פון דער רעדאקטאר איז געווען ניט גרינבערג, נאר גרינבלאט, דער זעלבער גרינבלאט וואס פיגור־ירט אלס אדמיניסטראטאר אף די ערשטע נומערן פון „דיא פאלקס שטיממע“, אדאנק דעם וואס ער האָט אלס זעצער פארנומען מיט זיך דעם שריפט פון דעם „אידישען פאנאגראף“. דעם „קאלאניסט“ האט ער ארויסגעגעבן באלד ווי ער איז ארויסגעטרעטן פון „דיא פאלקס שטימ־מע“, סוף 1898 אדער אנהויב 1899. דער כאראקטער פון דער „קאלא־ניסט“, לויט די זעלבע עדות, איז געווען א שארף־אנטיאיקאאישער, געצילט צוצוציען די קאלאניסטן אלס לעזער.

די דאזיקע אויסגאבע קען אלנפאלס ניט באטראכט ווערן אלס קא־לאניסטישע און אלס ערשטע מוז באטראכט ווערן „דער יודישער קאלא־ניסט“, א צוויי־וואכנטלעכע אויסגאבע וואס האט אנגעהויבן דערשיינען

אין דער קאלאניע קלאַרא (פּראווינץ ענטרע ריאָס) דעם 15־טן נאוועמבער 1909 און האָט זיך אָפּגעשטעלט באם נומער פון 1־טן אָקטובער 1912. פאר דער דאזיקער צייט האט די אויסגאבע דורכגעמאכט א ריי גלגולים, איבערגייענדיק פון איין קאלאניסטישער ארגאניזאציע צו א צווייטער און פון איין רעדאקציע צו א צווייטער.

דער ערשטער נומער שטעלט זיך ניט ארויס אלס ארגאן פון וועלכער עס איז קאָלאָניסטישער אָרגאַניזאַציע; אונטערן הויפּט טיטל „דער יודישער קאלאניסט אין ארגענטינא" און אף שפּאניש "El colono Israelita Argentino" איז פאראן א אונטערטיטל: „פיר אלע יודישע קאלאניסטען אינטערעסען און פון יודענטהום איבערהאל ערשיינט אלע 15 טעג.

אינם ארייַנפיר מאמר, וועלכער איז אנגעשפּיקעוועט מיט תורה, כדי צו באווייזן די ברידער קאָלאָניסטן, אז דער רעדאקטאר, ישראל פינגערמאן, איז ניט קיין שפעטנער איד, אז ער ווייסט א פסוק אין משלי, א מאמר חז"ל און א מדרש, אז ער קען מאכן א „בגמטריה" און א „נוטריקון" און דערצו קען ער לשון קודש מיט סכנת נפשות — נאָך פארשידענע פסוקים און פילסופיהס, צווישן וועלכע ער קלערט אויף, אז „די אויפגאבע פון א צייטונג אין אלגעמיין איז צו פארטרעטען דאָס גאנצע פובליקום פון א לאנד אהנע אונטערשיעד פון יעטוועדער ראסא אדער פארטיי..." זאגט ער:

„אלזאָ מיר יודישע קאלאניסטען אלס א בעזאָנדער ראסא און פארטיי א. א. וו. און ווען אויך יעצט אז מיר זענען ארגאניזירט אין בעזונדערע סאָסיעדאדען ווי „פאָנדאָ קאָמונאַל, צענטראָ אַגריקאָלאָ און מוטואָ אַגריקאָלאָ און דער גלייכן, מוזן מיר שוין אויך האָבן אונזער פארטרעטער וועלכער זאל אונז באפרידיגען אונזערע אינטערעסען בעזאָנדער..."

און ערשט צום סוף פונם מאמר נאכדעם ווי ער טייטשט אוים א בינטל פסוקים: נעשה אדם, הקב"ה נמלך בפמליה שלו (מדרש רבה) האדם הוא עולם קטן, מה הקב"ה מלא כל העולם אף הנשמה מלאה כל גוף מס, ברכות דף"), ווערן מיט געוואָר אז:

„אזוי אויך די נשמה פון אונזערע צוויי קליינע וועלטלעך: די

קאנסעחאָס דירעקטיוואָס פון פּאָנדראָ קאָמונאַל" און סאסיעדאד אגרי־קאָלאָ איזראַעליטאַ", באם בעשאפען זייער פראיעקטירטן אָרגאַן וועג־דען זיי זיך אויך צו אלע זייערע קרעפטען און אברים פון גוף א. א. וו.

ד. ה. אז דער „יודישער קאלאניסט" ווערט ארויסגעגעבן פון די צוויי דערמאנטע קאלאניסטישע ארגאניזאציעס (אייגנטלעך קאלאניסטישע קאָאָ־פּעראטיוון).

אפן צווייטן נומער איז שוין דער פעלער פארריכט און דער אונטער־טיטל שרייבט זיך שוין:

„אָרגאַן פון די סאָסיעדאַדען „פּאָנדראָ קאָמונאַל" פון קלאַראַ און „סאָסיעדאַד אגריקולאַ איזראַעליטאַ" פון קאָלאָניע „לוסיען ווילע" פיר אלע קאלאניסטען אינטערעסען אין פון יודענטהום איבעראַל, ערשיינט אלע 15 טאָג". (פונם 5־טן נומער: „אלע 15טאָגע").

דאָס פּראָגראַם פון דעם אָרגאַן ווערט געמעלדעט פונם רעדאקטאר שוין מיט א ביסל ווייניקער פסוקים „זיין ערשטע אויפגאבע איז שטרעבן צו פערשפּרייטען די ליעבע צו אקערבוי און הויזווירטשאפט אונטער זיינע חברים די קאלאניסטען און זייערע קינדער". דאָ גייט אוועק א פשט און א דרוש איבער דעם פסוק „עובד אדמתו ישבע לחם" וואס דער ארגאַן טראגט אלס מאטא, אדער ווי דער רעדאקטאר זאגט: עפּיגראַף. און ווייטער: „דער יודישער קאלאניסט" וועט זיין וויא מיר האָבען פריער געזאגט דער פארטרייטער פון אונזער פארטיי..." (אז קאלאניסטן זיינען א באַזונדער ראסע מעגען זיי דאָך זיין א באזונדער פארטיי אודאי. פ. כ.). און ווייטער: „דער יודישער קאלאניסט" וועט שטרעבן צו פארשפּרייטען ביל־דונג, וויסענשאפט און מאָראַל אונטער זיינע חברים קאלאניסטן און זייע־רע קינדער.... און ווידער קומען פסוקים: אשפוך את רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם, ער וועט אונז ברייגנען שרייבער, פּאָעטן און פריידיגער „משלנו", פון די אונזערעגע, ניט זוכן פון דער פרעמד, ואז יבוש יעקב...." (געצילט קעגן ל. כאזאנאָוויטש, וועלכער האָט אַגיטירט צווישן די קאלא־ניסטן פאר א קאלאניסטישער ארגאניזאציע. פ. כ.).

דערנאָך קומט דעם רעדאקטארס א פאעזיע, וואס רופט זיך „עסקודראָ ארגענטינאָ" (דער ארגענטינישער הערב. פ. כ.) און כדי מען זאל אים גלויבן קומט איבערן ליד א קלישע פון אן ארגענטינער הערב.

אונטער דער ליד קומט אן אנמערקונג:

„די ערשטע און לעצטע שטראָפן פון דיזע פּאָעזיע זענען צו 7 זילבען. די צווייטע אין 5־טע צו 9. די דריטע אין 6־טע צו 11 זילבען.

מיט אזעלצע לשון קודשדיק־דייטשמערישע מאמרים און לידער זייגען פול 15 נומערן פונם אידישן קאלאניסט, ד. ה. די גאנצע צייט וואס ישראל פינגערמאן איז רעדאקטאר.

בלעטערנדיק די נומערן קומט זעלטן אויס אפצורוען אף א גלאט געשריבן ארטיקל אין אידיש פון ב. בענדערסקי, חיים שמואל שניידער, צבי שניידער אדער יצחק קאַפּלאן.

דאָס מערקווירדיקסטע אין די אלע נומערן איז דאָס וואס עס ווערט אין זיי געשריבן פון אלץ, פון טערקיי און פון אסתר המלכה, איין קאלאניסט פּאקט דעם צווייטן אין.... ליטעראַרישע גנבהס, מען גנבעט בא פּראָפעסאָר געציל זעליקאָוויטש און בא נאָך אזעלכע פּראָפּעסוירים ארטיקלען וועגן חנוכה צי וועגן פּורים, נאָר וועגן איין זאך ווערט אין זיי געשוויגן, וועגן די באציונגען צווישן די קאלאניסטן מיט דער יק"א.

צווישן די קאָרעספּאָנדענצן פון די קאלאניעס רייסט זיך פונדעסטוועגן אמאל דורך א קלאָגע. אין ריווערא, למשל, נאָך א שלעכט יאָר, ווען די קאלאניסטן זיינען געבליבן אן זריעה און אן לעבנסמיטל און אודאי ניט געהאַט צו צאלן דער יק"א זייער יערלעכע ראַטע, האָט זי זיי דערקלערט פאר שלעכטע צאלער, ניט געקוקט אף דעם באריכט פון א ספּעציעלער קאָמיסיע, און ניט נאָר האָט זי זיי אפּגעזאָגט די בקשה צו לייען אף זריעה און אף אויסהאלט, נאָר זי שטייט נאָך צו מיטן מאָנען און דרעגט מיט אראָפּוואַרפן פונם פעלד. דעמאלט קומט פון דער רעדאקציע אן ארטיקל, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט און ווידער דערקלערט, אז „דער יודישער קאלאניסט" איז „אומפּארטייאיש", ער איז ניט פאר דער יק"א און ניט קעגן דער יק"א.

אדער אזא מין פאל:

א קאלאניסט, ב. י. (בן ישראל, פּסעוודאָנים פון מ. אלפּערסאָן) פרעגט זיך אָן פאר וואס „דער יודישער קאלאניסט" שטיצט ניט די באוועגונג וואס איז אויפגעהויבן געווארן אין אויסלאנד דורך לעאָן כאַזאַנאַ־

וויטש צו שיקן א קאמיסיע פון אנגעזעענע כלל טוער אויסצופארשן דעם אמת וועגן די באציונגען צווישן יק״א און אירע קאלאניסטן. און פאר־וואס ער דרוקט ניט איבער דעם אינטערוויו וואס איז געדרוקט אין די אויסלענדישע צייטונגען, מיט ל. כאזאנאוויטש. און דערויף קומט אן ענטפער אין „בריף קאסטען“, אין וועלכן עס ווערט אויסגעזאגט א שעפל אומריינקייט אף די אלע וואס אינטערעסירן זיך מיט די באציונגען צווי־שן יק״א און די קאלאניסטן. די קאלאניסטן — ווערט דארט געזאגט — האבן נאר איין ציל פארייניקן זייערע לאנדווירטשאפטלעכע פאריינען אין א פעדעראציע, און זי וועט זיי שוין באשיצן אן קיינעמס זייטיקער הילף.

אויגוסט 1910 האבן זיך די קאלאניסטישע קאאפעראטיוועס אנ־געהויבן גרייטן צו א קאנגרעס, אף וועלכן עס זאל געשאפן ווערן א פע־דעראציע, און דא האבן זיך די פירער פון די קאאפעראטיוועס ארומגע־זעען, אז דער יק״א איז די פעדעראציע גארניט ניחה און כדי די פעדע־ראציע זאל ניט געשאפן ווערן, האט זי אנגעהויבן צודריקן די קאאפע־ראטיוועס, מאנענדיק בא זיי פלוצים די הלואות וואס זי האט זיי געגעבן צוערשט. און דעמאלט ווערט דער רעדאקטאר ישראל פינגערמאן באזיי־טיקט, און אף זיין ארט קומט א רעדאקציאנס קאלעגע. עס פארשווינדן די לשון קודשדיק דייטשמערישע לייט ארטיקלען, און זייער פלאץ איז פארנומען מיט ארטיקלען פון שמעון און משה פוסטילניק און אנדערע. אין א ארטיקל פון ש. הורוויץ (היינט א באקאנטער יק״א פארטיידיקער) רעדט ער שארפע דבורים קעגן די הונפים און שנארערס וואס שטערן דער זאך פון דער קאלאניסטישער פארייניקונג. אין א ווייטערדיקן נומער, אין נומער 17, פון 1־טן סעפטעמבער, איז דער פראנט פארנומען מיט א גרויס ארטיקל „דער אלקאלאניסטן פארבאנד“, אין וועלכן עס ווערט געפירט א פאלעמיק מיט די יק״א פארטיידיקער און עס ווערט דארט אנגעוויזן אז די יק״א האט געקוקט אף דער גרינדונג פון די קאלאניסטי־שע פאריינען מיט סימפאטיע, כל זמן זיי זיינען געשטאנען אונטער איר אויפזיכט און אלס פרעזידענטן געשטעלט איבער זיך אירע אדמיניס־טראטארן און אויך דעמאלט איז איר הילף שטענדיק געווען א פאר־שפעטיקטע. עס הויבן זיך אן ווייזן אפטער קלאגעס פון די קאלאניעס. אין איינעם פון די נומערן איז געדרוקט דעם רעוואלוציאנערן מרדכי

אלפערסאנס ארטיקל „קאזשאַ 216“, אין וועלכן ער כאראקטעריזירט די באציונג פון דער יק"א דירעקציע צו די קאלאניסטן.

דאס איז אבער בלויז געווען א מין צווישן־צייט. דער קאנגרעס איז אפגעהאלטן געווארן דעם 17־טן נאוועמבער אין בוענאס איירעס. עס איז דארט געגרינדעט געווארן די אידישע קאלאניסטישע קאנפעדע־ראציע און די קאלעגיע איז אוועק אף די וועגן פון דעם פריערדיקן רע־דאקטאר. קעגן די דערוואראנטונגען פון די פירער, איז די יק"א דירעקציע געקומען אף זייער איינלאדונג צום קאנגרעס און געוויזן א שיין פנים און דאס איז גענוג געווען אפצוקויפן די דעה פון דער רעדאקציע. דער „יודישער קאלאניסט“ איז דעמאלט פארנומען מער ווי אלץ מיט דער פראגע וועגן קינדער דערציונג, מיט ארטיקלען וועגן נאציאנאליטעט און אסימילאציע, וועגן חנוכה און פורים, מיט לעקציעס וועגן דער פרשה בראשית און כי תצא און אויך וועגן אגריקולטור און קאאפעראטיווע אינ־טערעסן. און אז עס זיינען פארט געקומען קארעספאנדענצן פון די קא־לאניעס, וואס האָבן דערציילט וועגן עוולהס מצד דער יק"א דירעקציע און מצד די אדמיניסטראטארן, האט מען ניט געדרוקט, און אז מען האט דאס ניט געקענט פארמיידן, האט מען אונטערגעשריבן, אז „די רעדאק־ציע איז אומפארטייאיש“, אכוץ וואס אף יעדן נומער, אדער כמעט אף יעדער זייט, איז געווען אן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות:

„די רעדאקציאן איז ניט פאראנטווארטליך פאר די אידייען און מיינונגען וואס ווערן אויסגעשפראכן דורך אירע מיטארבעטער און קא־רעספאנדענצען“.

אינמיטן יולי 1911, פארשטארקן זיך די ידיעות וועגן א קאמיסיע פון אויסלענדישע אידישע כלל טוער, אויסצופארשן די באציונגען צווי־שן דער יק"א און די קאלאניסטן און דער רעדאקטאר שרייבט איין אר־טיקל נאכן צווייטן אין וועלכע ער באזינגט דעם דערפאלג פון דער יק"א קאלאניזאציע און פארזיכערט דער אידישער וועלט, אז די באציונגען צווישן דער יק"א מיט די קאלאניסטן זיינען ממש אידילישע; די איינ־ציקע טענה וואס מען קען האבן צו דער יק"א איז דאס וואס „זי איז ניט גענוג אקטיוו מיט איר קאלאניזאציאָן“... „עס איז וואהר — זאגט ער אף איין ארט — אז עס הערשט א אומצופרידנהייט אין די קאלאניעס

וועגן די אייגנטהום שיינען. דער איד נאך מעהר ווי י ע ד ע ר אנדע־רער וואלט וועלן מיט דער גרעסטער אומגעדולד האבען זיין אייגענע שטיקל ערד, דען ער האט דאס שוין לאנג ניט געהאט, טויזנטער יארן איז דאס איהם געווען פאר באטן, און יעצט אז ער בעזיצט דאס שוין יא, וואלט ער וועלן זי שוין האבן מיט אלע פארמאליטעטן, ווייל אייגנ־טליך פעהלט טאקי נישט מעהר ווי דאָס."

די קאלאניסטן האָבן זיך דערום באצויגן סאי צו דער קאנפעדעראציע, סאי צום ארגאן אירן, מיט אומצוטרוי; באזונדערס צום „יודישען קאלא־ניסט", און ווי אנדערש האבן זיי זיך געקענט באציען צו אים, ווען אלע זייערע קלאגעס זיינען אונטערדריקט געווארן כדי ארויסצושטעלן פאר דער וועלט, אז די קאלאניסטן פעלט ניט מער ווי די קויפשיינען אף זייער ערד, וואס די יק"א וויל זיי ניט ארויסגעבן צוליב גערעכטע מאטיוון!..

אף ארויסצושרייען צו דער וועלט וועגן זייער אמתער לאגע האבן די קאלאניסטן זיך באנוצט מיט ווערמאנטס „פאלקס שטיממע" אדער מיט אויסלענדישע אידישע צייטונגען, באזונדערס די ניויארקער „אידי־שע גאזעטטען" (א וואכנטלעכע אויסגאבע פון „יודישען טאגעבלאט", מיט וועלכע דער „יודישער קאלאניסט" פלעגט דערנאך פירן א פאלע־מיק און טאדלען פארוואס ער נעמט אויף ידיעות פון ניט אפיציעלע קוועלן.

אף דעם פריער דערמאנטן ארטיקל, למשל, וואס פארענדיקט זיך מיט די ווערטער: „ווייל אייגענטליך פעלט טאקע ניט מער ווי דאס", גע־פינען מיר אין דער „פאלקס שטיממע" פון 14־טן יולי 1911, אזא מין בריוול:

„הער א. ווערמאנט!

„אין מיין און אין נאמען פון מעהרערע קאלאניסטען, בעטען מיר פון אייך ווי אין די אלע 20 יאהר וואס מיר זיינען אין ארגענטי־ניען, אזוי אויך ווייטער זאלט איהר אונפארטייאיש זיין און דאָס פאל־גענדע ארטיקל דרוקען, ווייל וויסענדיג דאָס אונזער קאלאניסטישער אָרגאן וועט זיך ענטזאָגען עס צו דרוקען טראָץ דעם איז עס אין דעם אינטערעס פון די קאלאניסטען".

אייער פריינד אברהם ראזענפעלד

אין זיין ארטיקל זאגט דער קאלאניסט ראזענפעלד, אז דער לייט־ארטיקל פון „יודישן קאָלאָניסט“ האָט בא אים ארויסגערופן א טרויערדיקן שמייכל און טיפן קרעכץ, עס האָט אף אים געמאכט דעם איינדרוק ווי הונגעריקע, אפגעריסענע ארימעלייט וואלטן זיך צעטאנצט און צעזונגען אין מיטן גאס, אז ס'איז א וועלט פון הוילע גוטס. און אפשר זאגט ער איז עס דערפאר וואס דער „רבי האט געהייסן פרייליך זיין“, וואס „די יק“א, הייסט עס, האט א וואונק געטון אז מען זאל שרייען אין אלע גאסן אז אלעס איז גוט און וואויל און די עקספּעדיציע מעג זיצען אין דער היים, ווייל מיר זיינען שוין דאנקען גאט פערזארגט מיט אלעם.“

און ערשט ווייל אזוי — זאגט ער ווייטער — ווייל אזא אומנארמאַלע דערשיינונג, וואס א קאלאניסטישער ארגאַן זינגט לויבגעזאַנגען שטייענדיק אף הורבות, איז ערשט נויטיק אז א קאמיסיע זאל קומען און, זאל זי „קלייבן נחת“...

דאָ גייט א גאַנץ צעטל פון וואס די קאמיסיע וועט דאָ „קלייבן נחת“: פון די אָראָפּגעטריבענע קאָלאָניסטן, פון די קאלאניסטישע יתומים, וואס די יק“אַ וויל ניט אנערקענען זייער ירושה רעכט, פון די קאלאניסטישע יונגעלייט וואס ווערן הויזירער אין בוענאָס איירעס, פון די פראנצויזישע, טערקישע און מאראָקאנישע אינגלעך וואס געוועלטיקן איבער די קאלאניעס אלס אדמיניסטראטארן און לערער, פון די הונגער געשרייען וואס קומען פון דער פּאמפּאַ א. א. וו.

די בערנאַסקאָניער קאָלאָניסטן, געוועזענע פעלדארבעטער אין די ענטרעריאָסער קאלאניעס, האָבן זיך אף אנדער אופן געקליגט אז זייער ווייגעשריי זאל קומען צו דער עפנטלעכקייט און דוקא דורך דעם „יודישן קאלאניסט“ גופא. זיי האָבן געשיקט זייער בריוו ניט דירעקט צו דער רעדאקציע נאָר צו זייערן א באקאנטן קאלאניסט אין באַסאַווילבאַסאָ און געבעטן ער זאל אים איבערגעבן אין די הענט דעם הער מיגעל סאכאראָוו, פּרעזידענט פון דער קאָאָפּעראטיווע „פּאָנדראָ קאָמונאַל“ אין קאלאניע קלאַרא, וואס אין זיין ארנטליכקייט האָבן זיי ניט געצווייפלט. און אזוי ארום איז זייער בריוו אפגעדרוקט אין נומער פון 15־טן דעצעמבער 1910.

אָנהויב 1912 קומט א געוויסע ענדערונג אין „יודישן קאָלאָניסט".

א יק"א לערער פון די מאַראָקאַנער האָט געהאַט א קאָנפליקט מיט א קאָלאָניסט און די יק"א דירעקציע האָט זיך מטריח געווען אַזש פון בוענאָס איירעס אַריינצושיקן א באַליידיקנדיקע באַמערקונג דער קאָלאָניסטישער קאָאָפּעראַטיווע „פאָנדאָ קאָמונאַל". אַף אָט דער באַליידיקונג, וואָס האָט שוין איבערגעפילט די מאָס, האָט די פאַרוואַלטונג אַריינגעשיקט דער יק"א דירעקציע א „רעוואָלוציאָנערן" בריוו, געדרוקט אין שפּאַניש אין נומער פון 1־טן יאַנואַר און אין אידיש אין נומער פון 15־טן דעם זעלבן חודש. צווישן פאַרשידענע התנצלותן און פאַרזיכערונגען אין דער דאַנקבאַרקייט צו דער יק"א און אין ליבע צו שלום, ווערט אין דער בריוו אַרויסגעזאָגט די שטוינונג אַף דער אומזיסטער באַליידיקונג, אַף דעם וואָס די דירעקציע האָט אפילו ניט אויסגעהערט דעם צווייטן צד, און אַז „פאָנדאָ קאָמונאַל" וואָלט אויך איצט פאַרקוקט, ווי בא פיל אַנדערע געלעגענהייטן, ווען זיי זאָלן ניט דערין א סיסטעמאַטישע באַציונג פון דער דירעקציע, וואָס איז אויסן, צו דערנידעריקן די קאָלאָניסטישע אינסטיטוציע. אַגב ווערט אין בריוו אויך אינסינואירט אַף פאַרפּלאָנטערטע עסקים פון די דירעקטאָרן.

אינם לייטאַרטיקל פון 15־טן יאַנואַר 1912, לייענען מיר שוין:

„פיעל מאָל האָט די קאָלאָניא פאַרשוויגען אין אַזעלכע מאָמענטען ווען זי האָט בעדאַרפט רעדען, פיעל מאָל האָט זי אַראָפּגעשלונגען ביטערע פּילען און האָט קיין מינע געמאַכט פון אונצופרידענהייט, ווען זי האָט זיך אונצאָלבאַרע מאָל געפונען שלעכט, בעליידיגט, געטראָטען איהרע העכסטע מענטשליכע רעכט מיט די פיס האָט זי געשוויגען, אָבער דער שווייגען געהערט ניט צו דעם וואָס שווייגען הייסט זאָגען א ליגען. די קאָלאָניע האָט ניט געקענט רעדען, שולדיג אין דעם איז די סביבה, די פערהעלטניסע, דורך וועלכע זיי זיינען ניט ווילענד פערשלעפּערט און פערזונקען געוואָרען אין א זומף פון עצבות, אַפּגעלאָזענהייט, אונטערטעהניגקייט צו הערען וועלכע האָבען זיי פערשלעפּערט, פּאַראַליזירט זייער אַקטיוויטעט, זייער ענערגיע, האָבן זיי אהנ־

מעכטיג געמאכט און געשאפן א פערדומפענע אטמאָספערע וועלכע האָט געשטיקט און פון וועלכע ס'איז אהנמעגליך זיך צו בעפרייען..."

דער בריוו האָט געהאַט זיינע קאנסעקוועגצן; אין נומער פון 1־טן פעברואר לייענען מיר שוין, אז די אדמיניסטראַטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן באציען מיט די קאלאניסטן „ערגער ווי אין די בארבארישע לענדער פון וואנען מיר זיינען געקומען", אז „די הערן ערלויבען זיך איבערצוטרעטן די ערשטע פונדאמענטאלע פ ר י נ צ י פ ע ן פון געזעלשאפטליכער בירגערליכער פרייהייט", אז „זיי מישן זיך אריין אין די פערזענלעכע ענינים צונעהמענדיג דאָס רעכט בא יענעם און טוהען אויף זאכן, וועלכע זיינען געגען יעדען פרינציפ פון פרייהייט". אין וואס די דאזיקע אלע מעשים פון די אדמיניסטראטארן האָט זיך אויסגעדריקט זאגט זיך ניט. עס ווערט בלויז געזאגט, אז ווען ס'וועט נויטיק זיין, וועלן זיי פובליקירט ווערן און צום סוף ווערט מיט דער שוין צוגעוואוינטער הכנעה צוגעגעבן: „מיר ווינשען, אז די אַדמיניסטראַטאָרן זאלען ענדערען זייער ארט הנהגה אויף א מעהר דעמאקראטישען אופן און אנפאנגען בעטראכטען די קאלאניסטען אלס פרייוויליגע מענשען, וועלכע ווען זיי פארלאנגען ניט קיין אפוטרו־פסים איבער זיך, איז ניט נויטיג דאָס זעלבע אונגעפרעגט אליין צו נעה־מען".

א חוץ דעם האָבן די אדמיניסטראטארן פארשפרייט צווישן די קאלא־ניסטן די מיינונג פון די דירעקטארן, (מאָסס און ווענעציאַני. פ. כ.) אז דער בריוו פון „פאָנדאָ קאָמונאַל" האָט באוואויגן צו שרייבן דער אַגראָ־נאָם עטינגער, וועלכער האָט דאַן פארוויילט דא אלס יק"אַ אינספעקטאר, ווייל בא דער פארוואלטונג פון פ. ק. וואלט קיין מוט דערויף ניט געוועזן (דאָס איז אפילו ניט ווייט פון אמת פ. כ.) און געגעבן אנצוהערן, אז ווען ניט דער בריוו, וואלטן די קאלאניסטן באקומען פון דער יק"אַ א קרעדיט אפן שניט.

אף אָט די אינסינואציעס ענטפערט דער „יודישער קאלאניסט" גאַנץ מוטיק; ער זאגט אז די דירעקטארן זיינען דערמיט אויסן צו באליידיקן און פארשקלאפן די קאלאניסטן, וועלכע זיי באטראכטן פאר שנאָרער, און ווילן זיי מאכן פאר געהארכזאמע פי, און דער מוט זיינער דערגייט ביז

דערקלערן אז „דיזע צוויי יעצטיגע דירעקטארען זיינען א אומגליק פאר דער קאלאניזאציאן“ און זיינען „דער קאנטראסט פיר דער יק„א, און פיר דעם יודענטהום“ און כדי צו איבערציינגן די קאלאניסטן, אז מער ווי איינצו־שרעקן זיי זיינען די דירעקטארן ניט אויסן, ברענגט די רעדאקציע ביי־שפילן ווי אזוי, זיי האָבן זיי שוין ניט איינמאָל, בא די „בעסטע באציונ־גען“ און בא די ערגסטע אומשטאנדן אין קאלאניע, אפגעזאגט צו קרעדי־טירן די קאלאניע מיט זריעה און עס האָט זיי ניט געקימערט צו לאזן 50.000 געאַקערטע העקטארן ניט פארזייעט.

אין דעם זעלבן רעוואלוציאנערן נומער, דערציילט דער געשעפטפי־דער פון פאָנדאָ קאָמונאַל, ה' א. קאַפּלאַן, וועלכער איז ערשט אנגעקומען פון בוענאָס איירעס, אזא פאקט וועגן דער באציונג פון דער יק"אַ דירעקציע צו דער קאלאניזאציע:

„לעצטענס האָבען די דירעקטארען געדארפט קויפען פלוגעס פאר די נייע קאלאניסטען פון פראווינץ סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, אין א באַ־וואוסטער הויז פון בוענאָס איירעס האָבן זיי זיך ניט געקענט אויס־גלייכען מיט'ן פּרייז זאגענדיג אז די פלוגעס קענען געקויפט ווערען ביליגער אויף א אנדער פּלאַץ. דער כערענטע פון הויז האָט זיי געזאגט, אז דאָס איז געווים זעהר מעגליך, אבער מען דארף זעהען דעם „קלאס“ פלוגעס וואס מען קויפט. אויף וואס די דירעקטארען האָבען געענטפערט: אונז געהט ווינציג וואס אן דער קלאס פון די פלוגעס צי זיי וועלען ארבייטען גוט און געדויערען א סך, אדער זיי טויגען צו גארניט און וועלען זיך באלד צו ברעכען, מיר דארפען קויפען איין געוויסער צאהל „פלוגעס“ לויט די ארדנונג וואס מיר האָבען באקומען און מער געהט אונז ניט אן! — אָט דאָס האָט מיר געזאגט דער חערענטע פון א הויז אין ב. איירעס, זיך וואונדערנדיג ווי אזוי דירעקטארען פון קאלאניעס זאלען זיך אזוי בענעהמען, ניט פארשטעהענדיג זייער מיסיאָן אלס קאָ־לאָניזאדאָרעס“.

ווייטער ווערט דערציילט, אז א געשעפט הויז וואס האָט אומעטום באקומען גוטע אויסקינפטן וועגן „פאָנדאָ קאָמונאַל“, האָט באַ דער יק"אַ דירעקציע באקומען אן ענטפער „מיר גאראנטירן ניט“, אז באַם איינמאָ־

גען די ראטעס רעכנען זיי זיך ניט מיט דעם קריטישן צושטאנד פון די קאלאניעס און דער איינציקער סיסטעם זייערער איז „ארויסרייסן“, אז וועגן דער קאנפעדעראציע האָבן זיי אינפארמירט קיין פאריז ווי וועגן א רעוואלוציאנערער געזעלשאפט א. א.

רעדאקטאר איז דעמאלט געווען מ. פוסטילניק.

די קאלאניסטן האָבן אנגעהויבן שרייבן אָ פ ע נ ע ר ע קארעס־פאנדענצן, די שרייבער — אפענערע ארטיקלען, ביז עס האָט זיך ווידער באוויזן די פריערדיקע באוואָרעניש אז, פאר די מיינונגען וואס ווערן ארויסגעזאגט פון די מיטארבעטער פון קארעספאנדענטן איז די רעדאקציע ניט פאראנטווארטלעך און דאָס איז גענוג געווען אז די דאזיקע מיטאר־בעטער און קארעספאנדענטן זאלן אויך אַף זיך ניט וועלן נעמען די פאַ־ראַנטוואָרטלעכקייט.

ווידער באווייזן זיך די מיטארבעטונגען איבער נאציאנאליזם, חנוכה און פורים.

עס שטאַרבט דר. ירחי, אן אלטער דאָקטאָר אין די ענטרע ריאָ־סער קאלאניעס, וועלכער האָט מיטגעמאכט אלע שוועריקייטן פון דער קאלאניסטישער איינארדנונג אין די ערשטע צייטן און איז שטארק באַ־ליבט געווען בא די קאלאניסטן אלס גוטער מענטש, אלס היילער און טרייסטער, און זיין אנדענק זיינען געווידמעט פיר נומערן פון „יודישן קאלאניסט“, די לעצטע נומערן פון דעם קאלאניסטישן ארגאַן.

אין לעצטן נומער ווערט איבערגעגעבן א באשלוס לויט וועלכן „דער יודישער קאלאניסט“ ווערט איבערגעפירט קיין בוענאָס איירעס און אפּגעשטעלט אַף א געוויסע צייט ביז די רעדאקציע וועט זיך דארט איינ־ארדענען. די איינאָרדענונג האָט געזאלט פארקומען צוזאמען מיט דער איינאָרדענונג פון א ביוראָ פון דער קאנפעדעראציע צוליב קויף און פאר־קויף פון פּראדוקטן פאר די קאָאָפּעראטיוועס.

אָנשטאָט דעם אָבער איז די קאנפעדעראציע זיך צעפאלן און דער־מיט איז אויך אונטערגעגאנגען „דער יודישער קאלאניסט“.

בכלל, איז „דער יודישער קאלאניסט“ געווען דער ארגאן פון די רייכערע אידישע קאלאניסטן אין ענטרע ריאָס, וועלכע זיינען אויך געווען די כלל טוער און פירער פון די „קאָאָפעראַטיוועס“ „פאָנדאָ קאָמונאַל“ אין קלארא און „סאָסיעדאַד אגריקאלא איזראַעליטאַ“ אין לוסיעווילע. די דאזיקע ענטרעריאָסער קאלאניסטן האָבן צו דער יק״אַ קיין טענות ניט געהאט און האָבן אפגעווענדט דעם אינטערעס פון די איבעריקע קאלאניסטן אף די קאאפעראטיוועס, וואס זיי האָבן אפט אויסגענוצט צו אייגענע מסחרים און כדי צו באקומען פאר זיך פריווילעגיעס בא דער יק״אַ, ווי דאָס איז צו זען פון קאלאניסטישע קארעספאנדענצן אין די דאַמאָלסדיקע אנדערע אויסגאבעס.

„דער פערטהיידיגער“

(1913—1912)

„דער יודישער קאלאניסט“ מיט זיין „אומפארטייאישער“ אדער „נייטראלער“ שטעלונג צו דער יק״אַ, ווי ער אליין האָט זיין שטעלונג אנגערופן, און אפילו זיין ארויסגיין פון דער דאזיקער „נייטראליטעט“ אין א געוויסן מאמענט, וואס איז געצילט געווען אז די הויפט דירעקציע פון יק״אַ אין פאריז זאל בייטן די דאמאָלסדיקע בוענאָס איירעסער יק״אַ דירעקציע, האָט ניט געקענט זיין דער ארגאן פון די מאָוריציער קאלא־ניסטן, וואס זייער הויפט פאדערונג איז געווען אינגאנצן צו באפרייען זיך פון דער יק״אַ, ארויסצאלנדיק איר דעם חוב אף זייער ערד.

די מאוריציער ערד האָט שוין דעמאלט שמַארק געשטייגן אין פרייז און די קאלאניסטן האָבן זי געוואלט האָבן אלס אייגנטום. דער געדאנק וועגן א קאאפעראטיווע האָט צו זיי ניט אפעלירט און איז זיי פרעמד געווען. א טייל פון זיי האָט זיך שוין באטראכט אלס רייכע גוטבאזיצער

און טייל האָבן שוין געחלומט מיט רייכע געשעפטן אין שטאָט אדער אין שטעטל, און די ארימע האָבן דאָך קיין דעה ניט געהאט, ניט קיין דעה און ניט קיין איניציאַטיוו.

די מאָוריצער הויפּט פאָדערונג, אייגנטום רעכט אף דער ערד, האָט דעריבער ארויסגערוקט די נויטווענדיקייט פון אַן אָרגאַן און דאָס איז געווען דער „פערטהיידיגער“, וועלכער האָט אנגעהויבן דערשיינען דעם 2-טן אפּריל 1912 אין גרויסן צייטונגס פארמאט, אין שטעטל קארלאָס קאסארעס, בא דער קאלאניע מאָוריציא, אונטער דער רעדאקציע פון א פרעס-קאָמיטעט און איז געווען דאָס אייגנטום פון די ברידער יהודה און

ה. קראַסילאָווסקי



מ. אַלפּערכאָן

הערמאַן קראַסילאָווסקי, צוויי ברידער דרוקער און אויך שרייבער, באַזונדערס דער לעצטער, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד אין דעם פרעס-קאמיטעט.

אינם פרעס-קאמיטעט זיינען געווען: מרדכי אַלפּערכאָן, דער שוחט דוד גלאַזערמאַן, א. ראזנפעלד און די ברידער הערמאַן און ראובן קראסילאָווסקי. שפּעטער איז צוגעקומען ה. שקאָלניק, וועלכער איז געוואָרן דער טעכנישער רעדאקטאר פונם „פערטהיידיגער“.

אויף דער „פערטהיידיגער" האָט געהאט א פסוק אלס מאָטאָ: „לא הניה לאיש לעשקם" (ער האָט קיינעם ניט דערלאזן זיי צו בארויבן). נאכן 15־טן נומער איז דער מאָטאָ אראפּגענומען.

דאָס דערשיינען פונם „פּערטהיידיגער" פאלט צונויף מיט א ציר־קולאר וואס איז פאנאנדערגעשיקט געווארן צו די קאלאניסטן פון דער קאלאניע מאוריציא, לויט וועלכן, אלע קאלאניסטן וואס זיצן אף זייערע פעלדער זייט 22 יאר און האבן שוין איינגעצאלט ביז דעם דאטום 12 יערליכע ראטעס, האבן דאס רעכט איינצוצאלן די 8 ראטעס וואס פעלן און באקומען זייערע קויפשיינען אף דער ערד. גראָד איז דאָס אויסגעפאלן ערב פסח און דער ערשטער נומער איז א פסחדיקער. די ארטיקלען רופן זיך „עבדים היינו", פּסח שנת תרע"ב, זמן חרותנו תרנ"ב - תרע"ב",„בן חורין", „דער סדר", אלץ אָבער איז איינגעפלאכטן מיט דער באַ־פרייונג פון אונטער דער יק"א־ממשלה, מיט זכרונות פון קאלאניסטי־שער פּיין, מיט רשעותן פון די באַאמטע, אף וועלכע עס זיינען צוגעפּאסט די פּסוקים פון דער הגדה. וועגן צירקוליאר ווערט דא בלויז דערמאנט בזה הלשון:

„די שיף מאגאזשאנעס האט דעם 27 טען (מאַרץ פּ. כ.) איבער־געגעבען אין דירעקציאן פון דער יק"א איין בריעף פון פאריז, בע־שליסע פון דער קאנסעבא, וועגען דער ארגענטינער קאלאניזאציאן. אונטער אנדערס איז צו מערקען: אז די גדולים סימפּאטיזירען מעהר מיט די קאלאניעס, וועלכע פאדערען זייער רעכט און טיטול אויף זייער לאנד, וואו מיט איינינע וואס זוכען שטירצען די דירעקטאָ־ריום שטוהל און פערוויקלען די קאלאניסטען אין שווערע חובות.

אויך ענטהאלט דער צירקוליאר ניט מאכען קיין שום שוועריג־קייטען די קאלאניסטען נאך צו קומען דעם אנולידאד (אנואלידאד - יערליכע ראטע. פּ. כ.) און דיעזען ניט גערעכנטעם יאהר.

אין די ערשטע טייג פון קומענדיגען מאנהייט וועט אויסקינפטע איבער מאוריציער קאלאניסטן פערעפענטליך ווערען צום גינסטען פיר איינינע..."

אין צווייטן נומער איז שוין איבערגעגעבן דער צירקוליאר טעקס־טועל, אפן ערשטן פּלאַץ און אונטער אים אן אנמערקונג פון דער רעדאקציע:

„נאך אין דעם 27־טען מארטש האבען מיר געהאט די נאכריכט פון די טיטולאס, נאר מיר האבען אבגעהאלטען צו פערעפענטליכען ביז עס איז געקומען דער אפיסיעלער צירקוליאר און יעצט אז די צייט, די גליקליכע מינוט איז געקומען, ווי איהר זעהט האט די הויכ־געשעצטע יק״א אויף א פריעדליכען אופן איינגעשטימט צו געבען די קאָלאָניסטען טיטולאָס דורך וועלכע זיי ווערען נאָך דעם 1־טען אַבריל 1913 פּראָפּיעטאַריאָס, אייגענטהומערס פון זייערע לענ־דער.

און יעצט קומט די צייט אָנפאַנגען אויסאַרבייטען אַ פּראָגראַם, ווי אזוי צו געניסען דיעזע פרייהייט, צו בעלויכטען און צייגען דעם ריכ־טיגען וועג צו דער נויטיגער אויפלעזונג, וועל־כע עס פאדערט דער יעצטיגער מאָמענט בכדי עס זאָל ניט פער־פרעמט ווערען די קאָלאָניסטישע ערד אין ניט קיין געוואונשטע הענד.

„דער פערטהיי־דיגער“ נעמט אויף זיך די נאָ־בעלע ארבייט.

די דירעקסיאָן.“

ה. שקאָלניק

דאס „פּראגראם“, וואס ווערט אין דער פריערדיקער מעלדונג דער־מאנט, געפינען מיר ניט אינם „פערטהיידיגער“. בכלל, זיינען די ארטי־קלען וואס האבן א שייכות מיט די קאלאניסטישע אינטערעסן זייער זעלטן צווישן אלע אנדערע ציוניסטישע און פרום אידישע מאמרים און ליטעראַטור. די קאלאניסטישע ארטיקלען, געשריבן פון מ. אַלפּערסאָן, זיינען האלבע בעלעטריסטיק און מען שטויסט זיך פון זיי אן, אז דאס רעכט

וואס די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען אויסצוקויפן בא דער יק"א זייער ערד, האָבן אויסגענוצט די פּראַצענטניקעס, וועלכע האָבן אויסגעליען די קאָלאָניסטן די נויטיקע סומע, אפשרייבנדיק זי אף זיך, און זי איז שוין בא די פּראַצענטניקעס פאַרבליבן, אדער מען האָט זי פאַרקויפט צו אַנדערע (ניט אידן), כדי צו קענען ליקווידירן די חובות און די שווע־רע פּראַצענטן. ערשט ווען איינער פון אָט די פּראַצענטניקעס, א איד וואָס איז פון אָט די און ענלעכע געשעפטן געוואָרן א מיליאָנער, האָט דערצו נאָך געמאַכט א שווינדלערישן באַנקראָט, איז אינם „פּער־טהיידיגער" איבערגעדרוקט געוועזן וואָס עס האָבן וועגן דעם באַנקראָט געשריבן די שטאָטישע צייטונגען, אליין, חלילה, ניט מוסיף געווען גאָר־ניט. אָבער אויך אָט די געוואַגטקייט האָט געקאָסט דעם דרוקער ה' הער־מאַן קראַסילאָווסקי, וועלכער האָט גענומען דעם חטא אף זיך, א פּאָר חדשים טורמע. דער קולאַק־מיליאָנער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט, ניט נאָר די קאָלאָניסטן מיט זייער ערד, נאָר אויך די קרייז־יוסטיץ. די דאָזיקע יוסטיץ האָט פאַרמישפּעט ה. קראַסלאָווסקין צו צוויי יאָר טור־מע, ניט אפילו פאַר שרייבן וועגן באַנקראָט, נאָר פאַר ניט קומען צום געריכט... דורך גרויס שתדלנות אין די הויכע פענצטער, איז קראַסי־לאָווסקין געלונגען צו דערווייזן, אַז מען האָט אים צום געריכט ניט גערופן און ער איז באַפרייט געוואָרן.

דער סטיל אין „פּערטהיידיגער" איז פון אָנהויב א געמישטער. א חוץ מ. אַלפּערסאָנס האַלב בעלעטריסטישע אַרטיקלען מיט די משכילישע אויסרוף־צייכנס, זעען מיר דאָרט דעם שוחט גלאַזערמאַנס פאַראַרגענ־טינישטע תורה אין אידישע הויכע ווערטער, וואָס פּלאָנטערן זיך איינס פאַרן צווייטן:

„מיר זעען אין דער שרייבערס טאַלאַנט אַזוי פיעל פעהיגקייט אַז די גייסט געפיהלען ווען זיי שוועבען איבער דעם שרייבערס מח ציהען זיי מאַגנעטיש צו זיינע געדאַנקען און שענקען איהם דעם גע־טליכען אמת."

מיר זעען דאָרט פּשוטע ווערטער פון א פּשוטן אידן, א שמיד, וואָס לייענען זיך אַזוי גלאַט און לאָגיש, אַז נאָכדעם, ווען דער בליק פאַלט ווידער אף דער ליטעראַטור פון די למדנים, פרעגט זיך צי זענען אָט די

למדנים באם קלארן פארשטאנד. שפּעטער ווערט שוין דער סטיל איינ־
הייטלעכער, נענטער צום פאלקסטימלעכן אידיש. דאס האט ה. שקאל־
ניק איבערגענומען די טעכנישע ארבעט פון דער רעדאקציע און רייניקט
און קארעקטירט די ארטיקלען.

סוף 1913 האט דער „פערטהיידיגער" צוזאמען מיט דער דרוקעריי
פון זיין באלעבאָס זיך איבערגעצויגן פון קארלאָס קאסארעס קיין בוע־
נאָס איירעס און נאָכן דערשיינען פון עטלעכע נומערן אונטערגעגאנגען.

צו די ליטעראַרישע פארדינסטן פונם „פערטהיידיגער" דארף צוגע־
רעכנט געווארן דער ערשטער זאמלבוך אין ארגענטינע, וואס שטעלט מיט
זיך פאר א מין מוסטער פון די ארטיקלען און ליטעראטור פונם „פער־
טהיידיגער" און זיינע מיטארבעטער.

י. ש. ליאַכאָוויצקי

אין מיינע פריערדיקע קאפיטלען האב איך פיל מאל שוין דערמאנט דעם נאמען י. ש. ליאכאוויצקי אין צוזאמענהאנג מיט די פריאדישע אויסגאבן, וועלכע איך האב פארצייכנט. ליאכאוויצקי אבער, ווי ווער־מאנט, פארדינט א באזונדערער קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע. באגלייך מיט אברהם ווערמאנט איז ער איינער פון אירע הויפטזיילן. ער איז געשטאנען בא איר געבורט און איז פארבונדן מיר איר, ווי מיט דעם אידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין ארגענטינע ביז אנהויב 1915, ווען ער האט כמעט אין איין צייט מיט א. ווערמאנט אפגעטראטן דעם פלאץ אין דער ארגענטינישער אידישער זשורנאליסטיק פאר נייערע כוחות.

דערמאנענדיק ליאַכאָוויצקין לעבן ווערמאַנטן און אלס צוויי הויפט זיילן פון דער היגער אידישער זשורנאליסטיק, געפין איך פאר נויטיק, נאכדעם ווי איך האָב געצייכנט ווערמאנטס פארטרעט, וואס האָט א שייכות צו זיין אקטואציע, צו צייכנען, אפילו מיט גאנץ קורצע שטריכן, אויך דעם פארטרעט פון יעקב שלום ליאַכאָוועצקי.

צוערשט לאמיך געבן דאס ווארט אים אליין, ווי ער רעדט וועגן זיך. צווישן דער אפענער בארימעריי און כלומרשדיקער באשיינקייט פון זיין אויטאָביאָגראפיע אדער ווי ער זאגט, אויטאָטענטלעריי, קוקט דאָך ארויס זיין פערזאן און סטיל.

„איך אליין...“

„זאל דאָ קומען מיין אויטאָ־טענטלעריי.

זינט ווען איך שרייב? געדענק איך שוין ניט. צו פערצעהן יאהר

האָב איך צוזאמען מיט חבר בליאכער, — שוין געטינטעלט און בריוו געשריבען פאר אלטע און יונגע. פונ'ם זיבעצעהנטן יאהרעס־עלטער, איז שוין די פען מיין שטענדיגע פריינדין געווארען. אין די מעהרסטע אידישע צייטשריפטען פון אייראָפּע און אמעריקא, זיינען מיינע ארטיק־לען צושפרייט. אין העברעאיש, רוסיש, פויליש, דייטש און שפאניש, זיינען זיי געדרוקט געווען.

גאנצע קאלומס פון „ארבעטער צייטונג“, „אָבענד פאסט“, „זשור־נאל“, „טאגעבלאַט“ א. א. פון ניו יארק, האָבן אין די יאהרען 1897 — 1900, מיינע סקיצען פון קאָלאָניסטי־שען לעבן פארנו־מען. ה' מ. קאַטץ האָט מיר א בכבוד־דיקן פּלאַץ אָפּגע־געבען אין די „יאהרביכער“.

דאָ גופא, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן מיטן העק־טאָגראַפישען (לי־טאָגראַפירטען. פ. כ.) בלעטעל, וואס פריינד מיכל הכהן סיני, האָט הערויס־געגעבען, אונטערן נאָמען „דער וויע־דערקול“. האָב שפּעטער געגרינ־דעט וואכנבלעטער, זשורנאלען, און די ערשטע טאָגבלע־טער געשאפען. געשריבען האָב איך כמעט אין אלעם וואס איז אין אר־גענטינא געדרוקט געווארען, אויספיה־לענדיג גאנץ אָפט איינער אליין גאנ־צע נומערן, באנו־צנדיק אלע אותיות פונ'ם אלף־בית און פונם אלפאבעט, מיט א זעקס מאל יתרו'ס נעמען, — אלס פסעוודאָנים.

י. ש. ליאַכאָוויצקי

בין אויך היבש פארטראטען אין דער שפאנישער פרעסע און די ערשטע אידישע־שפאנישע צייטשריפט ארויסגעגעבען, ניאנטשענ־זיך דערמיט גאנצע דריי־יאהר.

וואס נאך? כ'האָב געלד געהאט — געלד געשפענדעט. דאָס לע־בן גענאסען און גרינדליך דערקאנט. האָב ציגעל געקנאטען, מיט וואפנע

באשמירט, הייזער געבויעט, — און ווי דער מזל פון יעדער ארבייטער, — אום אנדערע זאלן אין זיי וואוינען.

יעווזעראוו און מאסליאנסקי האָבען מיר געהאלפען אויפצושטע־לען פאנטאסטישע לופט שלעסער נעבען די פון דער ראמאנאוו־משפחה אין יאלטא; ביז כ'בין נאָך ארץ ישראל געגאנגען אום דארט מגולגל צו ווערען נאָך ארגענטינא.

שונאים האָב איך א מאסע, — דער גורל אפשר פון אלע גרויסע לייט. איינינגע פון קנאה, אנדערע סתם אזוי. די מעהרסטע צוליעב זייער אייגענער שוואכקייט און קליינקייט; כ'בין צו שטארק, צופיעל ענער־גיש און ווייס מער פון זיי. פון אונבאהאלפענקייט האָבען זיי אגב קיין אנדער ברירה ניט, ווי אויף דער לבנה צו האווקען...

טאַקע. כ'וואלט אפשר געקענט א גביר זיין, האָב איך א שרעק־לעכען חסרון: כ'קען קיינעם ניט חנפ'ענען, פאר קיינעם זיך ניט בייגען און ניט טוהן דאָס וואס יענער פאדערט. כ'האלט פון דער שטה: „זיך ברעכן אבער נישט בייגן"! (אַ מאָטאָ פון דער אמאָל רעוואלוציאָנערער ארגענטינעשער פארטיי „וניאָן סיוויקאַ ראַדיקאַל". פ. כ.).

נאָך א חסרון: כ'בין געבוירען אין דער ליטע, געגעסען קרופניק, בולבעס און קארזשעס; אבער אויך געלעהרענט. דערויף בין איך זעהר שטאָלץ.

פאר היינטיגס־מאל, — גענוג.

ל ש י [1])

כאַן מארטין, אויגוסט 1919.

("ביכלעך פאר יעדן" נומער 6)

צו די פאר שטריכן פון זיין אויטאָ פאָרטרעט, מוז צוגעגעבען ווערן אז געבוירן איז ער אין פּרוזשאַני, גראָדנער גובערניע. געקומען איז ער קיין ארגענטינע און רעקרוטן עלטער מיט דער שיף „פּאַמפּאַ" אין דעצעמבער 1891. צוזאמען מיט א גרופּע רוסיש אידישע עמיגראנטן פון אן ערך 200 משפחות, וועלכע זיינען אויפגענומען געווארן דורך פארשטייער פון

1) ראשי תיבות פון יעקב שלום ליאַכאָוויצקי.

דער אליאנץ איזראעליט אין קאנסטאנטינאָפּאָל, נאָך דעם ווי זיי זיינען ניט אריינגעלאזט געווארן קיין פּאלעסטינע, און אפּגעשיקט געווארן קיין ארגענטינע פאר קאלאניסטן אויף דער ערד פונם באראָן הירש. ער איז, הייסט עס א „פּאמפּיסט", ווי עס שטרייכן זיך אין דעם יחוס די אהערגע־קומענע מיט דער שיף פּאמפּא, וועלכע זיינען געווען די ערשטע קאלא־ניסטן אין דער פּראווינץ ענטרע ריאָס (די קאלאניעס קלארא און סאַ־אַנטאָניאָ) און אויך אנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער; די סאציאליסטי־שע דעפּוטאטן, ברידער ענריקע און אדאָלפאָ דיקמאַן און די פאמיליע טשערטקאוו, וועלכע זיינען צוזאמען מיט די איינגעוואנדערטע דייטשע סאָציאליסטן נאָך ביסמארקס „סאציאליסטן געזעץ", די פארפלאנצער פונם סאָציאַליזם אין ארגענטינע; יוסף קארימאן, גרינדער פון ערשטן אידישן ארבעטער פאריין (1896) און אנדערע.

צי איז ער, ווי ער זאגט אליין, אזוי געלערנט מיט סכנת נפשות, איז א ספק, ווארום לויט דעם אידישן פאלקס ווארט „אז גאט וויל שטראפן אן עם הארץ, שטראפט ער אים מיט א לשון קודש ווארט", איז ליאכאָ־וויצקי זייער שטארק געשטראפט דערמיט. זיין שרייבעכץ איז אנגעשפּיקע־וועט מיט לשון קודש ווערטער און מיט דייטשמעריש וואס זעען אויס ווי אריינגעשטעלטע גאלדענע ציין אין מויל פון אן אמעריקאנער אָלרייט־ניק, וואס בארימט זיך מיט זיי. ער האָט זיכער אויך געלייענט אמאל א רוסישע כרעסטאמאטיע און שטעלט אמאל ארויס, אויף צו פלייסן, א פאר שורות פון קרילאָווס א משל.

וואס אמת איז אמת, ער האָט א סאך געלייענט. פּראפעסאר געציל זעליקאָוויטשעס וויסנשאפט פון די אמעריקאנישע אידישע צייטונגען. זיין שפּראך און סטיל איז דעריבער אויך גאנץ נאנט צו דער שפּראך און צום סטיל פון דעם הערמאלין — זעליקאָוויטש פּעריאָד אין דער אמעריקאני־שער אידישער זשורנאליסטיק.

אמת איז אויך זיין בייישפּיללאזע ארבעטזאמקייט, וועגן וועלכער ער טרייבט ניט איבער א האָר אין זיין ווארט וועגן זיך אליין, א דאנק וועלכער עס פלעגט אליין אויספילן א צייטונג פון אָנהויב ביזן סוף.

ניט ווייניקער אמת איז זיין פארשווענדערישקייט, מיט וועלכער ער בארימט זיך. ער איז געווען א לעביונג, א גאַלאַנטאָן. אָט דער פאר־

שווענדערישקייט זיינער, איז צו פאררדאנקען די גרויסע צאל וואכנבלעטער און זשורנאלן און אפילו טאג־צייטונגען וואס ער האָט געגרינדעט און — אומגעבראכט.

עס בעט זיך צו מאכן דא א פארגלייך אין דער הינזיכט צווישן אים און ווערמאנטן: בעת ווערמאנט פלעגט ניט דערעסן, ניט קליידן זיך, און שפארן א סענט, אדער שנארן און טון כל דבר אסור פאר א פאר פע־זאס אף אויסצוהאלטן זיין „פאלקס שטיממע", מיט וועלכער ער האט זיך ניט צעשיידט אין משך פון 16 יאר, האָט אים, ליאָכאָוויצקי, קיינ־מאל די עקזיסטענץ פון זיין ארגאן, וואס ער האט אליין געגרינדעט אדער וואו ער איז געווען זיין הויפט רעדאקטאר, ניט געקימערט. דער עיקר איז געווען אויסנוצן, כאפן א געלעגנטלעכע פאר פעזאס און א לעב טון, אליין אדער מיט גוטע ברידער.

עס מוז דאָ געזאגט ווערן, אז בכלל איז ליאָכאָוויצקי קיין מאל ניט געווען קיין אונטערנעמער פון א וועלכער עס איז צייטשריפט. די צייט־שריפטן האָבן דאָ מערסטנס ארויסגעגעבן די דרוקער, וועלכע האָבן אזוי ארום געזוכט ארבעט פאר זייער דרוקעריי. די פראגע פון רעדאקציע, וואס די טייטש דערפון בא די דרוקער האָט געהייסן אנפולן די צייטונג אָדער די וואכנשריפט, איז געווען אפן לעצטן פּלאן; מען וועט רופן ליאָכאָוויצ־קין...

דוד גאלדמאן, אין זיין בוך „די יודען אין ארגענטינע" (1914) גיט אן די צאל אידישע צייטשריפטן וואס זיינען ביז יענעם דאטום דערשינען אין ארגענטינע, אין ערך פון 40, פון וועלכע ער רעכנט אויס 27. וועגן די אנדערע זאגט ער דארט:

„די מעהרסטען פון דיזע צייטונגען זענען אוועקגעשטארבען נאך יונג. איינינגע האבען ניט דערלעבט צו זעהן די שיין מעהר ווי איין מאל, גאר אנדערע דריי מאל, יונגענקע עופה'לאך זיינען זיי אוועקגע־שטארבען און על פי רוב צוקריפעלטע, קארליקעס, וועלכע האבן אפילו קיין זכר ניט איבערגעלאזען הינטער זיך, אפילו זייערע נעמען זענען פארגעסען געווארען"...

אט די אלע דורכגעפאלענע אנהויבן האבן א שייכות מיט ליאכא־וויצקין.

צו ליאַכאָוויצקי האָט שונאים, ווי ער זאָגט אין זיין אויטאָביאָגראַ־
פיע, און דערצו נאָך „ווי אַלע גרויסע ליַיט", איז אויך אַ ספק; אפשר
האָט ער זיי אַמאָל געהאַט, דאַן ווען ער איז געווען אַ „גרויסער מענטש"
אין אַרגענטינע; היינט הערשט צו אים אין אַלע קרייזן אַ גלייכגילטיקייט
ווי צו אַ פּערזאָן וואָס האָט מער קיין פּוס ניט אין דער אידישער געזעל־
שאַפט, אָדער גאָר אַ וואָרים געפּיל ווי צו איינעם מיט וועלכן עס זיינען
פאַרבונדן די ערשטע טריט פון דער היגער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט,
ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק.

אין זיינע גוטע יאָרן האָט ליאַכאָוויצקי געהאַט אַ סאַך פאַרערער,
וועלכע האָבן געהאַט פאַר אים גרויס התפעלות ווי פאַר אַ געלערנטן און
קלוגן מענטשן און אַן אַלצווייסער, און האָט נאָך אפשר אויך היינט אַזעל־
כע פאַרערער; נאָך ביז היינטיקן טאָג קען מען לייענען אַ נאָטיץ אין אַ צייַ־
טונג אַז אין דעם אָדער יענעם פאַרשטעטל האָט ליאַכאָוויצקי געהאַלטן אַ
פאָרטראַג איבער „מאַקס נאָרדוי אָדער צעזאַר לאָמבראָזאָ" (געווען אַ צייט
ווען די טעמא איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע, ווען מאַקס נאָרדויס
„פּאַראַדאָקסן" און זיין בוך „די דעגענערירטע" זיינען דערשינען), אָדער
„וועגן נאַציאָנאַליזמוס", צי ער האָט ערגעץ אַ שתדלנות דורכגעפירט.

בכלל איז ליאַכאָוויצקיס פיגור אַן אימפּאָנירנדיקע, ער איז אַ פּאַר־
שוין, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדין מיט געפּוצטע וואָנצעס און
שטאָלענע אויגן, עלעגאַנט געקליידט און מיט אַ שטענדיקן בלימל אין
לאַץ און אַז ער רעדט, זיינען זיינע ווערטער געציילט און געצילט.

וועגן ש. י. ליאַכאָוויצקיס ערשטע געזעלשאַפטלעכע טריט, געפינען
מיר אין נומער 2 פונם „וויעדער קול" (מאַרץ 1898), אַז ער איז געווען
אַ מיטגליד אינם „אידישן אַרבעטער פאַריין" (איצטיקער „בקור חולים"
און בכלל זייער אַ כאַראַקטעריסטישער פאַריין וואָס מיט זיינע עוואָלו־
ציעס, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע פון צייט צו צייט רעפאָרמירטע
סטאַטוטן, וואָלט מען געקענט מעסטן די עוואָלוציע פון אַ גרויסן שיכט
איינגעוואַנדערטע אידן, וועלכע זיינען אין יענע ערשטע יאָרן געווען אַר־

בעטער, און אפילו אנגעשמעקט מיט כאציאליזם און היינט זיינען זיי, אויב ניט באלעבאטים פון דער ערשטער מדרגה, איז זיכער ניט פון דער לעצ־טער, און צוזאמען מיט זייער פאריין זיינען זיי פארוואנדלט געווארן אין „וואוילטעטער“).

אין יענער צייט, צוויי יאר ערשט נאך דער גרינדונג, האט דער פאריין, לויט זיין כאראקטער א קענגזייטיקער הילפס פאריין, געהאט אין זיינע סטאטוטן א פונקט, אז מיטגלידער אין אים קענען זיין בלויז עקס־פלואטירטע פראלעטאריער (א קאפיע פון יענע סטאטוטן געפינט זיך בא מיר פ. כ.) אף דער וואנט פונם פאריינס לאקאל איז געווען אן אויפשריפט מיט גרויסע רויטע אותיות, וואס האט פארנומען די גאנצע לענג פון דער וואנט: „די באפרייאונג פון די ארבעטער איז די זאך פון די ארבעטער זעלבסט“, און אף א צווייטער וואנט איז געהאנגען דאס בילד פון קארל מארקס (דאס בילד און די אויפשריפט האב איך נאך געטראפן אין יענעם פאריין אין אפריל פון 1906, בעת איך בין אנגעקומען קיין בוענאס איי־רעס און בין געגאנגען אנקוקן דעם פאריין אלס קוריאז, אלס פאריין פון קליינע באלעבאטימלעך, סוחרים און קוענטעניקעס וואס טראגן אף זיך א שילד פון ארבעט און סאציאליזם). דער איצטיקער סאציאליסטישער דעפוטאט ענריקע דיקמאן, דעמאלט אן ארימער סטודענט פון מעדיצין האט אין דעם פאריין אין יענער צייט (1898) געהאלטן אסימיליאנטיש סאציאליסטישע רעדעס. ווי עס פארצייכנט דוד גאלדמאן אין זיין בוך “די יודען אין ארגענטינע” (1914) איז י. ש. ליאכאוויצקי געווען אין דעם פאריין סעקרעטאר זייט אנהויב מאי 1898 ביז ענדע אקטאבער פון דעם זעלבן יאר.

ניט באגנוגנט האט זיך אבער ש. י. ליאכאוויצקי מיט זיין סאציא־ליסטישער טעטיקייט אין „אידישן ארבעטער פאריין“ און איז אויך גע־ווען א מיטגליד אין אנארכיסטישן פאריין „פרייע געזעלשאפט“ און אין דער סאציאליסטישער גרופע „פראלעטאריאט“. אין דער פריער דערמאנ־טער נאטיץ אין „וויעדער קול“, ווערט אים אויסגעדריקט א דאנק אינם נאמען פונם „ארבעטער פאריין“ פאר ביכער, וואס זיינען דורך אים גע־שענקט געווארן פון „פרייע געזעלשאפט“ און „פראלעטאריאט“ פאר דער ביבליאטעק פונם פאריין.

אין דער זעלבער צייט טרעפן מיר שוין אבער ליאכאוויצקין אלס סעקרעטאר פון דער אגודה „ציון", געגרינדעט ענדע 1897 (זע ד. גאלד־מאנס בוך „די יודען אין ארגענטינע" און יאר־בוך פון מושב זקנים ובית יתומים תרפ"א) מרדכי אלפערסאן אין 2־טן באנד פון זיינע מעמוארן „30 יאר אין ארגענטינע" רעכנט צו ליאכאוויצקין צו די גרינדער פון דעם פאריין.

אַט די ערשטע געזעלשאפטלעכע טריט פון י. ש. ליאַכאָוויצקי זיי־נען פארצייכנט אויך אין אברהם ווערמאנטס „פאלקס שטיממע" נומער 2 (18 אויגוסט 1898). אין דעם נומער איז אפגעדרוקט א ווענדונג צו די ברידער ציוניסטן אונטערגעשריבן פון י. ש. ליאַכאָוויצקי אונטערן טיטל „אַ וואָרט וועגן ציון", אין וועלכן ער רופט צו אחדות צווישן רב סיניס פאריין „זכרון שמואל" און דער אגודה „ציון", אינ'ם נאמען פונם פאלק ישראל וואס לעבט נאר א דאנק דער אחדות און שלום. און ווער־מאנט מאכט דערצו פאלגנדיקע אנמערקונג:

„מיר האבען צו פליים דעם ארטיקעל פון דעם שרייבער וואס וויינט מיט קאקאדריל טרערן געדרוקט. דער לעזער וועט, געוויס מיי־נען דאס א צווייטער משה בן עמרם געפינט זיך אין ארגענטינע, וואס זוכט קיין כבוד און וויל זיין א קרבן פאר זיין פאלק.

מען נארט זיך אבער, דער העלד איז א שבתי צביניק נומערא איינס, אין היהודי (פון לאָנדאָן פ. כ.) נומעראָ 35 פאלט ער איבער די קאָ־לאניסטן פון מאזעסוויל. דעם וואהל בעוויסטען און אלגעמיין בעליעב־טען רבי און מגיד ר' מרדכי ראובן הכהן סיני און באשולדיגט אים מיט שקרים וואס געפונען זיך נאר אין מויל פון א שבתי צבי. דעם אפגע־שטארבענעם „וויעדער קול" מאכט ער פאר א פאשקעוועל ווארום ער האט געדרוקט זיינע געגנבעטע ארטיקלען „לא פראנס" פון דעם וואכענ־בלאט. לעצטען זונטאג איז ער געוועזן 6 אזייגער א סאציאליסט פער־דאמט נאציאנאליזמוס, אכט אזייגער איז ער געוועזן א נאציאנאליסט — און צען אזייגער האט ער אונז געבראכט א ארטיקעל מיט דער אויפשריפט „פאפאגאי" וויא ער לאכט פון א קינד, וואס האט פאר־געטראטען א העברעאיש ליד. אין דער זעלבער צייט איז ער בעצאהלט פון די הובבי ציון און פון סאציאליסטען און א אינטריגאנט צווישען

אלע פּארטייען. אידען איז עס ליגען? ווי מיר שעצען און אכטען יעדע פּארטיי, אזוי פּעראכטען מיר יעדען אינטריגאנט און צביעק, און ווע־לען דעמאסקירן ווייל מיר האָבן דעם פּנקס. קאלאניסטן זייט פּאר־זיכטיג מיט אייערע בריעף — צו וועמען איר שרייבט, מיר פון אונ־זער זייט האבען אנגעצייגט די אייראפּעאישע צייטונגען".

ווילאנג ליאכאוויצקי האט זיך געהאלטן באם אנארכיזם און סאָ־ציאליזם, איז מיר ניט באקאנט; אלנפאלס האט ער זיך בא אזעלכע זיך ניט צאלנדיקע ארטיקלען לאנג האלטן ניט געקענט. דער סוף פון ליאכאָ־וויצקיס ציוניסטישער טעטיקייט איז געווען אין 1907, ווען דער פאריין „תפארת ציון" (יונגע און דעמאקראטישע ציוניסטן) האָט באקומען פונם ציוניסטישן אקציאָנס קאָמיטעט די פולמאכט צו רעאָרגאניזירן דעם ציו־ניזם אין ארגענטינע.

כאראקטעריסטיש איז דער סוף מיט א בריוו פון ליאכאוויצקין צום ציוניסטישן א. ק. אין קעלן, געשריבן אלס ענטפער אף די אויפפאדערונ־גען אפּצוגעבן חשבון פון די געזאמלטע געלטער, שקלים אקציעס, נאַ־ציאנאל פאנד•וכדומה, לויט וועלכע עס איז צו זעען, אז צען יאר צייט פון 1897 ביז 1907, האט דער א. ק. אין קעלן קיין סענט ניט באקומען פון ארגענטינע.

אין דעם בריוו, וואס א קאפּיע פון אים געפינט זיך אין דער ציו־ניסטישער פעדעראציע פון בוענאס איירעס, דאטירט דעם 19־טן מארץ 1909, ווארפט ער ארויף די שולד דערפון אף די קאסירער, אז פאר דער צייט פון די צען יאר האט יעדער פון זיי געוויסע סומען פארנומען. דעם בריוו ציטירט אויך ד. גאלדמאן אין זיין בוך (די יודען אין ארגענטינע" און ב. זעליקאוויטש (פסעוודאנים פון ה. שקאלניק) אין דער געשיכטע פונם ארגענטינישן ציוניזם (יאר בוך פון בית יתומים ומושב זקנים תרפ'א).

ליאכאוויצקיס געזעלשאפטלעכע טעטיקייט ענדיקט זיך אבער ניט דערביי. ער האט זיך גאנץ שנעל אקלימאטיזירט מיט דער פּאליטיק פון די אלטע ארגענטינישע פּארטייען, האָט געשלאסן קאנטשאפט מיט אירע פירער און דורך זיי באקומען א שטעלע אין דער בוע־נאָס איירעסער מוניציפּאַליטעט. שוין אין 1906, פילענדיק ווי זיין ציוניסטישע פּאזיציע ווערט שוואכער אדאנק די נייע ציוניסטישע יונגע־

לייט, אנגעקומענע מיטן עמיגראציאנס שטראם פון 1905, וועלכע האבן אים באקעמפט, הויבט ער אן פירן א פראפאגאנדע פאר נאטוראליזא־ציע. „ווילאנג וועלן מיר זיצן אף דער פור?" — האט ער געטענעט און געשריבן וואו נאר ער האט געקענט. אינטערעסאנט איז צו וויסן, אז דער זעלבער ליאכאוויצקי האט אלס ציוניסט געפאדערט מען זאל די ארגענ־טינער אידישע קאלאניסטן איבערפירן קיין ארץ ישראל, און אויסנוצנ־דיק די דאמאלסדיקע אומצופרידענהייט פון די קאלאניסטן מיט דער יק"א ארמיניסטראציע, האט ער צוגעזאגט דאס צו פאדערן באם ציוניסטישן קאנגרעס, אויב מען וועט אים שיקן אלס דעלעגאט.

ליאכאוויצקיס נאטוראליזאציע פראפאגאנדע האט געהאט צוויי אויסגעשפראכן „געזעלשאפטלעכע" צילן; ערשטנס דארף אן אימיגראנט באם נאטוראליזירן זיך, איבערזעצן פאפירן, שטעלן עדות און אנדערע פראצעדורעס דורכמאכן אין פאליציי דעפארטאמענט און אין געריכט, וואס דאס איז א טייערע פרנסה, און צווייטנס: וועלן נאר זיין די שטי־מען, וועט שוין ווידער זיין פרנסה בא די פאליטישע פארטייען, וועלכע זיינען בעלנים געוועזן די שטימען צו קויפן.

א דריטער געביט פון געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, אף וועלכן ליא־כאוויצקי האט זיך בארימט געמאכט, איז דער קאמף קעגן פרויענהעדל.

אנהויב 1908 האט זיך געגרינדעט א פאריין „יוגנט", צוזאמענגע־שטעלט פון פארשטייער פון פראלעטארישע ארגאניזאציעס, מיט דעם ציל צו ריייניקן די אידישע גאס און באזונדערס דאס אידישע טעאטער פון דער ווירקונג פון די פרויענהענדלער. דער קאמף האט געהאט גרויס דער־פאלג. אפ'ן סמך פון דעם קאמף מיט וועלכן עס האט זיך פאראינטערע־סירט דער סאציאליסטישער דעפוטאט און טריבון דר. אלפרעדא ל. פאלאסיאס, איז דורכגעגאנגען אין פארלאמענט א געזעץ, וואס באשטראפט פרויענהענדלער, באקאנט אונטערן נאמען דער פאלאסיאס־געזעץ; די קאַ־פּען אף דער אידישער גאס, וואו די פרויענהענדלער פלעגן זיך צעשפריי־טן זיצנדיק פאר די טירן און פירן פרהסיה זייער האנדל און זייערע נבול־פה געשפרעכן, האבן זיך געשלאסן; אין אידישן טעאטער האט מען זיי ניט אריינגעלאזט...

איז אט אינמיטן דער דאזיקער דערפאלגרייכער טעטיקייט, פלוצים

געגרינדעט געווארן א „קאָמיטעט קעגן פּרויענהאַנדל“ (קאָמיטע קאָנטראַ לאַ טראַטאַ דע בלאַנקאַס), וועלכער איז פינאנסירט געווארן פון אן אלטן עובר בטל'דיקן פּאָליטיקער, דר. אלבאראסין. דער פּרעזידענט פון דער ארגענטינער חברה צער בעלי חיים, און סעקרעטאר איז ניט קיין אנדערער ווי ליאַכאָוויצקי.

קיין דאטן וועגן דעם, וואס דער קאמיטעט האָט אויפגעטון קעגן דעם פרויענהאנדל האָב איך ניט, נאָר לעגענדעס גייען ארום געגוג אזעלכע וואס רעדן ניט צום גונסטן פון דעם קאמיטעט, אייגנטלעך פון ליאַכאָ־וויצקי'ן.

דער סוף פון דעם קאמיטעט איז אז ער איז אויסגענוצט געווארן פאר א קלוב צו שפּילן קארטן. פּאָליציי איז אים איבערגעפאלן און ער איז פארמאכט געווארן.

דאָס איז געווען אין זעלבן יאר. א שטיק צייט איז ליאַכאָוויצקי פון דעמאָלט אן טויט געווען פאר דער אידישער געזעלשאפט ביז דער דרוקער וואלף צייטלין האָט נויטיק געהאַט אַ רעדאקטאר און ער איז צוריק אויפ־געשוואומען. און עס הויבט זיך אן זיין אייגנטלעכע אינטענסיווע זשור־נאליסטישע ארבעט.

געשריבן האָט ליאַכאָוויצקי אויך דערציילונגען אין דעם זעלביקן לשון ווי ער האָט געשריבן זיינע ארטיקלען און כראָניקעס.

...אַ פּאָליציסט האָט אכטונג געגעבען דאָס מען זאל געהן אין ארדנונג, און דאָס הוצאת־והכנסת זאל נאר פון איין זייט געמאכט ווע־רען... (מיינען מיינט ער אז דורכגיין הין און צוריק זאל מען נאָר דורך די אנגעוויזענע דורכגענג. פּ. כ.).

(פון זיין דערציילונג „פערד און ווייבער“. דאָס 10־טע ביכל פון דער אויסגאבע „ביכלעך פאר יעדן“, וואס ער האָט ארויסגעגעבן צוזאמען מיט דעם דרוקער פּאָדגאיעצקי, אין 1919 און 1920).

מיט אזעלכע „סתרי סודות“ און „הוצאת־והכנסת“, איז אנגעשפּי־קעוועט אליץ וואס ער האָט געשריבן. און דאָך, טראָץ אָט די בוילעטע

גראַפאָמאַנישע סמנים אין זיין סטיל, קען איך ניט זאגן אז ליאַכאָוויצקי איז א גראַפאָמאַן; ער איז צו ערנסט דערפאר; אייגנטלעך צו ערנסט גע־ווארן, ווייל אין די ערשטע יארן פון זיין זשורנאַליסטישער קאריערע האָט ער פשוט פלאגירט און „צוגעפיקסט" זאכן אבי צו דרוקן עפעס, אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען אדער מיט איינעם פון זיינע פיל פסעוו־דאָנימען, וואס זיינען אלע באקאנט געווען.

ווי איך האָב מיך שוין אויסגעדריקט וועגן י. ש. ליאַכאָוויצקי, איז אלץ וואס ער רעדט און שרייבט געציילט און געציילט. אט עס ווענדעט זיך נאָר דערין וואס ער ציילט און צו וואס ער ציילט. אט ליגט פאר מיר זיין ערשט דערמאנטע דערציילונג „פערד און ווייבער", איז זי פול מיט שפּראַך־גראַפאָמאַניע, פול מיט פראזן וואס זיינען אויסן צו ווייזן אז דער מחבר יכולט, אז ער קען לשון קודש און דייטש און אפילו פראַנצויזיש. א חוץ דעם איז זי פול מיט אומבאשיידנקייטן; די דערציילונג אָבער פאר זיך, איז א וויכטיגער בייטראַג צום שטודיום פון א שטיק בוענאָס איירעסער לעבן, די סביבה פונם הי־פּאָדראָם, וואו די ארגענטינישע אריסטאקראַטיע מישט זיך צוזאמען מיט די ארויפגעארבעטע פרויענהענדלער, צווישן וועלכע אידן פארנעמען אן אָנגעזעען פּלאַץ. און איבערלייענענדיק די דערציילונג, זיינען מיר אים מוחל פאר זיין שענדלעכער באציאונג צו דער אידישער שפּראַך, צוליב דעם ווינ־קעל אינם בוענאָס איירעסער לעבן וואס ער האָט אונדז געוויזן. אזוי מוזן מיר זיך אויך באציען צו זיין דערציילונג „געשטארבן אלס הייליגער" (נומער 1 פון די „ביכלאך פאר יעדן"), אין וועלכע עס ווערן באוויזן די שפּורן פון אידן אין בוענאָס איירעס אין דער קאלאניאלער עפּאכע, דאָס הייסט פאר דער אומאפהענגיקייט רעוואלוציע פון 1810. צו דעם זעלבן דארפן אויך צוגערעכנט ווערן זיינע זכרונות און שטריכן פון די ערשטע גרינדער פון דער היגער אידישער קהלה, די עלזאסער אידן הענרי יאזעף (ראבינער פון דער טעמפל קאנגרעגאַציע) לואיז ברי (ערשטער פרעזי־דענט פונם טעמפּל) און אנדערע קוריאזע און טראגישע פארשוינען פון דער מערב אייראפּעאישער און ארגענטינישער אסימילירטער סביבה, וועל־כע האבן זייערע קינדער אינגאנצן אפּגעפרעמדט פון אידן, זיי חתונה געמאכט אין קלויסטער און אליין זיך געצאפּלט ווי געפאנגענע פויגעלעך

אין דער טראַדיציע פֿון אידישקייט, שלאָגנדיק זיך יום כּפּור על חטא אין זייער טעמפּל.

די נייע אידישע ליטעראַטור איז אים געווען פֿרעמד; ער האָט געפּילט אַ ביטול צו איר פּונקט ווי זיינע גייסטיקע רביים פּראָפֿעסאָר געציל זעלי־קאָוויטש, פּיטער ווערניק און זייער גלייכן פֿון דעם „אַמעריקאַנער“ און פֿון די „אידישע גאַזעטטען“; דאָך האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿון ריידן און שרייבן אַלס רעדאַקטאָר פֿון „די אידישע צייטונג“ אין 1915 וועגן פּרץ'ן און וועגן אַנדערע אידישע שרייבער.

זיין באַציונג, איבערהויפּט, צו די יונגע, צו די אַנוואַקסנדיקע אידישע שרייבער אין אַרגענטינע, וועלכע האָבן דאָ גענומען קולטיווירן די אידישע שפּראַך, איז געווען אַ פֿאַראַכטלעכע: גערופֿן האָט ער אונז, די יונגע זשור־נאַליסטן און ליטעראַטן, — ליטעראַטוטן.

די אַרויסגעבער פֿון „די אידישע צייטונג“, אָדער ווי זי האָט זיך גע־רופֿן אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ש. ליאַכאָוויצקי „די יידישע צייטונג“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן ענדע 1914, זיינען געווען מענטשן פֿון דער נייער איינוואַנדערונג, מ. סטאָליאַר (אַ געוועזענער עס־עס־אָוועץ) און ל. מאָס (אַ געוועזענער בונדאָוועץ) און דער קרייז וואָס האָט זיך אַרום דער צייטונג געשאַפֿן, איז געווען אַ פּאַרטגעשריטענער, פֿון דער אַרבעטער אינטעליגענץ, און בכלל איז שוין דאַן געווען אין בוענאָס איירעס אַ באַדייטנדיקע אידישע יוגנט, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט דער נייער אידישער ליטעראַטור, האָט געפֿירט אַ אינטענסיווו קולטור לעבן און ליאַכאָוויצקיס אַ רעדע און אַן אַרטיקל וועגן „נאַציאָנאַליזמוס“ אָדער די טיפֿע וויסנשאַפֿט פֿון וואַנען מען נעמט לולבים, האָט זיי ניט באַגייסטערט, און ווען ער איז געקומען אַלס רעדאַק־טאָר פֿון „די אידישע צייטונג“ ריידן פֿאַר אַט דעם עולם וועגן י. ל. פּרץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער אַנאַכראָניזם דערפֿון וואָס אַזאַ איגנאָ־ראַנט אין דער אידישער ליטעראַטור איז אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ אידישע צייַ־טונג אין יאָר 1915.

אַט דער אַנאַכראַניזם פֿון איין זייט און אַ געוויסע השפּעה אויף דער „אידישער צייטונג“ מצד די ציוניסטן, וועלכע האָבן דאָס געשטעלט אַלס

א פאדערונג די אייגענטימער, האָט י. ש. ליאַכאָוויצקין באזייטיקט פון דער דערמאנטער אויסגאבע. ער האָט נאָך געמאַכט איי‍ניקע פּרוּוון צו באווייזן זיך אױף דעם איבערפלאך פון דער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע; האָט באלד דערויף אנגעהויבן רעדאקטירן א וואכנטלעכע אויסגאבע „די וואָך“, שפּעטער מיט א פּאר יאר גענומען מיטארבעטען אין הומאריסטישן בלעטל דער „פּיפּערנאָטער“, וואס איז געריכט געווען קעגן די ציוניסטן און קעגן די נייע זשורנאליסטן; נאָר דאָס ארויסהויבן זיך איז אים ניט געלונגען.

אידעאַליסטן

די ווירקונג פון דער אידישער אַרבעטער איינוואַנדערונג

כדי פארשטענדלעכער צו מאכן א סאך ווייטערדיקע דערשיינונגען אין דער ארגענטינער אידישער זשורנאליסטיק, געפין איך פאר נויטיק אפּצו־שטעלן זיך מיט א באמערקונג וועגן דעם אידישן אימיגראנטן שטראָם וואס האָט אריינגעפלאָסן קיין ארגענטינע זייט 1905 און ווייטער.

1905, דאָס יאר פון דער דורכגעפאלענער רוסישער רעוואלוציע, וואס איז באגלייט געווען מיט פּאגראמען, האָט צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון ארגענטינע א נייעם שטראָם עמיגראַנטן, — די רוסיש אידישע יוגנט.

צוליב דעם אמת פון דער געשיכטע, מוז געזאגט ווערן, אז א גרויסן חלק אין דעם וואס דער שטראָם האָט זיך פארטראגן קיין ארגענטינע, האָט אויך די חברה כל ישראל חברים (אַליאַנס איזראעליט), אדער בעסער גע־זאגט, די אידישע קאלאניזאציאנס געזעלשאפט (יק'א), וועלכע האָט אונ־טער דעם נאָמען פון איר שותפטע, די אליאנס, געווענדט די גרויסע רו־סיש־אידישע בהלה־עמיגראציע פון 1905־1906 קיין ארגענטינע, שטעלנ־דיק דערצו אין די גרעניץ לענדער, באזונדערס אין גאליציע און עסטרייך, ספּעציעלע קאמיטעטן, וועלכע האָבן פאר גאנץ ביליק אָדער אומזיסט איבערגעשיקט אהער טויזנטער אידישע פּליטים פון רוסלאנד און פּוילן, אויפזעצנדיק זיי מחנות־ווייז אַף אלטע פראנצויזישע לאדונגס שיפן; מאַ־טעריאל פאר קאלאניזאציאנס סעלעקציע און ארבעטס הענט פארן פעלד.

די רוסישע רעגירונג האָט דאן פּשוט באפוילן דער גרעניץ וואך צו האלטן פארמאכט די אויגן אַף דער גרעניץ־שווארצעריי און מיט דער

בלויזער געפֿאר פֿון בארויבט צו ווערן פֿון די באצאלטע שווארצער און פֿון אביסל באנאכטיקער שרעק אויף דער אקצידענטאלער גרעניץ, פֿלעגט מען אפּטרייסלען פֿון זיך יארן לאנגע פֿון צארישן יאָך, פֿון פּאָגראָם־שרעק, פֿון פּאליציייאישער פֿארפֿאלגונג, און זיך דערפֿילן אלס פֿרייער מענטש אויף א פֿרייער וועלט, מיט שיינע חלומות וועגן א פֿרייען שיינעם לעבן.

ארגענטינע, וועלכע איז פֿאר די רוסישע אידן געווען דער סינאָנים פֿון קאלאניזאציע, פֿון דער שיין־געטרוימטער ערד ארבעט, האָט געלאָקט. און וויפֿיל מחנות אידישע עמיגראנטן, נאָך זייענדיק אין די „קאמיטעטן" (די אַליאַנס־שטעלעס אפֿן וועג פֿון די גרעניץ שטעט אָדער האַפֿן שטעט) נאָך פֿארנדיק אויף די באנען און אויף די שיפֿן, האָבן זיך ארגאניזירט אלס פֿארטיקע קאלאניעס, אלס קאאפּעראטיווע ערד ארבעטער, איינטיילנדיק אפילו צווישן זיך די פֿונקציעס, די מענער באם אקער און די ווייבער בא די קי...

אָט דער היפּנאָז פֿון קאלאניזאציע און די ביליקייט אדער אומזיסט־קייט פֿון דער רייזע, האָט אויך געפֿירט אהער א גרויסע צאל אידישע אר־בעטער, וועלכע זיינען ארויסגעפֿארן פֿון דער היים אפֿשר גאר מיט אנדערע חלומות, אנצוקומען, למשל, קיין ניו יארק און פֿילאדעלפֿיע, וואו מען קען דינען פֿריי דער ארבעטער באוועגונג, וואו עס זיינען פֿאראן די „יוניאנס", אָט דער „טרייד יוניאניזם", וועלכער איז דאָרט אזוי שטאַרק און מעכטיק און אין דער זעלביקער צייט אזוי שעדלעך פֿאר דעם סאציאליסטישן בא־וואוסטזיין פֿון די מאסן... און וואו מען דארף ארייננברענגען דעם סאציא־ליסטישן ברען... עס זיינען געפֿארן אהער מחנות יונגע ציוניסטן, אָט די וואס האָבן אפֿשר פֿארן אריבער די רוסישע גרעניץ געחלומט וועגן בינדן די גארבן אויף די פֿעלדער פֿון גליל און פֿלאנצן וויינגערטנער אויף די בערג פֿון יהודה מיט דעם געזאנג פֿון ציונס לידער. עס זיינען פֿארפֿארן אהער פּועלי ציוניסטן, טראָץ דער טעאריע פֿון פּאלעסטינעם נאנטקייט פֿאר דער עמיגראציע. אין דער פּראקטיק האָט זיך דאָס געאָגראפֿיש ווייטע ארגענטי־נע ארויסגעוויזן פֿיל נענטער ווי דאָס געאגראפֿיש נאָנטע פּאַלעסטינע, און די רייזע אויך ביליקער. געקומען זיינען די „עס־עס־אָווצעס" (סאָציאליסטן טעריטאריאליסטן), ניט אפילו מיט דעם געדאנק צו געפֿינען דאָ די טעריטא־ריע פֿארן אידישן פֿאלק, נאָר מיט דעם טעאָרעטישן פּלפּול אין מוח. געקומען

זיינען אויך אידישע אנארכיסטן קאָמוניסטן, דורכמאכנדיק דעם וועג אהער דורך לאָנדאָן, מיטברענגנדיק אהער צוזאמען מיט דעם דארטיקן „שוויץ סיסטעם“ אויך דעם קאמף קעגן דעם „סיסטעם“, מיט וועלכן זיי האָבן באטיטלט די קאפיטאליסטישע ארדנונג, צוזאמען מיט די דיסקוסיעס וועגן גאָט.

ס'האָבן זיך צוזאמענגעטראפן עטלעכע חברים פון איין פאר־טיי און באלד איז געגרונדעט געווארן א פארטיי־אָר־גאניזאציע, אַן אגודה, אַ ביבליאָטעק, עס האָבן זיך קלאסיפיצירט פועלי ציון צו פועלי ציון; עס־עסאָווצעס צו עסאָווצעס, בונדיסטן צו בונדיסטן, רוסיש־ריידנדיקע, (אָדער ווי עס האָט דאן געהייסן, לויט דער טערמינאָ־לאָגיע פון די לאָנדאָנער אנארכיסטן קאמוניסטן, „רוסיש־שפּרעכנדע“, אפּן משקל פון „אידיש שפּרעכנדע“ ווי זיי האָבן זיך אליין גערופן, כדי חלילה ניט צו זינדיקן מיט נאציאנאליזם), צו רוסיש ריידנדיקע „איסקראָווצעס“ און „עסעראָווצעס“; יעדער קרייז האָט זיך געדונגען זיין לאָקאַל, צונויפגעבראכט די פּארטיי־ליטעראַטור, וואס יעדער האָט מיט זיך געהאַט, אויסגעשריבן פּאר־טיי־צייטונגען און פארפירט א אינטענסיווע פּארטיי ארבעט פון פּראָפּאגאנ־דע, מיטינגען, רעפעראטן מיט דיסקוסיעס, פונקט ווי אין רוסלאנד פריער אין די וועלדלעך אדער ניט לעגאַלע קווארטירן און שפּעטער, אין די „פריי־הייטס טעג“, אף די בירזשעס. מען האָט געגרינדעט ביבליאָטעקלעך, בא יע־דן קרייז א ביבליאָטעק, מען האָט געשטעלט ליבהאָבערשע ספּעקטאקלען, גע־פייערט ארבעטער יום־טובים, יעדער אונטער זיין פאן אין די אלגעמיינע ארויסטרעטונגען פון די ארבעטער. מ'האָט אויסגעשריבן פּארטיי ליטעראטור צום פארשפּרייטן, ארויסגעלאזט פּראקלאמאציעס. א שטיק לעבן, א מיניא־טורע פון דער רוסיש־אידישער און פּויליש־אידישער ארבעטערשאפט און יוגנט מיט זייער צעזונגענער נשמה און צעפליגלטן מח, האָט זיך באזעצט אין בוענאָס איירעס, אינם צענטער פון דעם „אידישן פערטל“, ווי מען האָט כמעט אפיציעל אנגעהויבן רופן די טייל שטאָט וואס ציט זיך פון דער גאס ליבערטאַד ביז פּועירעדאָן, אין דער לענג, און פון קאָרדאָבאַ ביז סאַרמיענ־טאָ, אין דער ברייט.

ווי ליכטיקע פינטלען אין דער פינצטער פון עמיגראנטישן ארבעטער לעבן אין די הושכדיקע צימערלאך אן סטעליעס פון די „קאָנווענטיזשאָס“,

לאָקאַלן פֿון דער אַרבעטער יוגנט; דער לאָקאַל אין שמאָלן געסל לאַ פּאַס נומער 43, וואו עס האָט זיך געפֿונען די „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" (רוסישע ביבליאָטעק) די היים פֿון די „רוסיש ריידנדיקע", „איסקראָווצעס" און „עס־עראָווצעס", און פֿון די פּרינציפּיעל אידיש ריידנדיקע בונדיסטן; דער לאָקאַל אויף קאַריענטעס 1182, אין הויף פֿון וואָלף אייזנבערגס דרוקעריי, די היים פֿון די עס־עס־אָווצעס, דער לאָקאַל אויף לאַוואַזשע 1519 פֿון דער ציוניסטישער אגודה „תפארת ציון", יונגע הערלעכע האָרעפּאַשניקעס, ציון טרוימער, וואו עס איז אויך געווען דער ערשטער לאָקאַל פֿון די פּועלי ציון, די פּועלי ציוניסטישע לאָקאַלן אויף לאַוואַזשע 1980 און 2109, דער לאָקאַל פֿון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „אַרבעטער פֿריינט" אויף לאַוואַזשע 2192. אברהם רייזען וואָלט דעמאָלט געקענט אַנציילן דאָ אַ פּאָר צענדליק פֿון זיינע „מאָדערנע ישיבה בחורים", וואָס האָבן פֿאַרבראַכט זייערע טעג און נעכט אויף דער האַרטער באַנק פֿון אַט די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע בית מדרש'לעך...

נאָך אַ טאָג אַרבעט, אַפֿט בײַ שווערע אַרבעט, אין פֿאַבריק, בײַ הייזער בוי און בײַם ברוקירן די גאַסן, האָבן זיך צעזונדן די פֿייערן אין די לאָקאַלן און צעזונדן האָט זיך אויך דאָס אינטענסיווע אַרבעטערשע קולטור לעבן; אָט רייסנדיק זיך איינער מיטן צווייטן אויף טויט און לעבן, בעת די טעאָרעטישע דיסקוסיעס איבער די פּאַרטיי פּראָגראַמען, און אָט גייענדיק צוזאַמען בײַ אַלגעמיינע אַרויסטרעטונגען און אַרבעטן; בײַ פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזיר אַרבעט, בעת דעם ריזיקן שטרייק קעגן דער דירה־טײַערקייט, בײַם קאַמף קעגן דער ווירקונג פֿון די פּרויענהענדלער אין אידישן טעאַטער א. א.

באַזונדערס פֿלעגט פֿאַרייניקן און צונויפֿטוליען די טעאָרעטישע קעגנער יעדער קלאַפּ פֿון דער רעאַקציע אויף דער אַרבעטערשאַפֿט, וועלכער פֿלעגט זיך מיט אַ באַזונדערער קראַפֿט אַראָפּלאָזן אויף די קעפּ פֿון די אידישע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין מוח די שחיטות אויף די מאַסן מאַניפֿעסטאַציעס פֿון די אַרבעטער אין 1908, אויף פּלאַסאַ לאָריאַ (ריוואַדאַוויאַ און פּאַראַנאַ) וואו די אַנאַרכיסטן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, און אויף אַווענידאַ דע מאַזשאָ, בעת די סאָציאַליסטישע מאַניפֿעסטאַציע איז פֿאַרבייגעגאַנגען ניט ווייט פֿון דאָרט. אין דעם אַלגעמיינעם שטרייק וואָס

די ארגענטינישע ארבעטערשאפט האָט דערקלערט אלס פּראטעסט און פּאַ־דערונג צו באשטראפן די שולדיקע, א שטרייק וואס האָט אנגעהאלטן מיט זעלטענער סאלידאריטעט אכט טאָג צייט איבערן גאנצן לאנד, האָבן אלע אידישע ארבעטער ארגאניזאציעס צוזאמען ארויסגעלאזט א פלוג־בלאט מיט ידיעות וועגן גאנג פון דעם שטרייק.

ווען דער שולדיקער פון די שחיטות, דער פּאָליציי־שעף ראַמאָן פאַל־קאָן, איז פון אַן אַנאַרכיסטישער באָמבע דערהארגעט געווארן, געווארפן אין יאר 1909 דורך שמעון ראדאָוויצקי, איז דער צארן פון דער רעגירונג אויס־געגאנגען צום קאפּ פון א גרויסער צאָל ארבעטער טוער פון אלע אידישע אר־גאניזאציעס, עס איז ארויסגעשיקט געווארן פון לאנד דער פּועלי ציוניסט זלמן סאָרקין, פּונקט ווי דער איסקראָוועץ מאַשעוויטש און די אנארכיסטן שויז, סאמבורסקי און אנדערע.

ווען די רעגירונג פון פּרעזידענט פיגעראָא אַלקאָרטא האט אין 1910 געפייערט דאס הונדערטסטע יאר פון דער ארגענטינישער באַ־פרייונג, מיט א פּאָגראָם אויף די פרייהייטס קעמפער, האָבן זיינע אנ־געהעצטע מחנות פּאטריאטישע סטודענטן געבראכן די מאשינען פון דער סאציאליסטישער „לאַ וואנגוארדיאַ“ פּונקט ווי פון דער אנארכיסטישער „לא פּראטעסטא“ און אויף דער אידישער גאס צעריסן די ביכער פון דער „ביבליאטעקא רוסא“ מיט דער זעלבער ווילדקייט ווי זיי האבן אויס־געהאקט די שויבן אין די לאקאלן פון פּועלי ציון און גרופּע „ארבעטער פריינד“.

און אין 1919, ווען די רעגירונג פון דאקטאר היפּאליטא איריגאַ־זשען האט סימולירט א באלשעוויסטישן אויפשטאנד אין בוענאס איי־רעס האָט זי פּאָגראָמירט די לאקאלן פון די אידישע ארבעטער ארגאניזאַ־ציעס, „אַוואנגארד“ (בונדיסטן) און פּועלי ציון, און די אמווילדסטן גע־פייניקטע צווישן די טויזנטער ארעסטירטע און געשלאָגענע אידן, זיינען געווען חברים פון די דערמאנטע ארגאניזאציעס, ניט קוקנדיק דערויף, וואס די צוויי ארגאניזאציעס זיינען דאן געווען קעגן דעם באָלשעוויזם.

צו די סאָציאַלע פאקטארן, וואס האָבן געהאלטן איניק די טעאָרעטיש צעריסענע און פּראקטיש גאנצע אידישע ארבעטער משפּחה אין בוענאָס איי־רעס, איז באלד אין די ערשטע יארן פון דער איינוואנדערונג צוגעקומען נאָך

איינער — די אידישע ליטעראַטור. די זעלבע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס וועל־כע האָבן פריער אויסגעשריבן צום פאַרשפּרייטן פּאַרטיי צייטונגען און פּאַר־טיי בראָשורן, זיינען געוואָרן די אַגענטן פון די פּאַרטיי־פאַרלאַגן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דרוקן בעלעטריסטיק.

די ווירקונג פון דער רעאַקציע נאָך 1905 אין רוסלאַנד און פּוילן, האָט זיך אָפּגערופן גאַנץ שנעל אויף די אידישע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס אין אַר־גענטינע. די דאָרטיקע פּאַרטיי טוער זיינען פּלוצים געוואָרן נאָוועלן־שריי־בער, לידער־שרייבער, עסעאיסטן, ליטעראַטור־קריטיקער, דראַמאַטורגן און טעאַטער טוער: די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן" מיט דעם ס־עס־אָווער ש. ניגער, דעם בונדאָוועץ א. ווייטער און דער ציוניסט ש. גאָרעליק אַלס רע־דאַקציאָנס קאָלעגיע, איז דאָ באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מין סימוואָל פון דער פאַראייניקנדיקער קראַפט פון דער אידישער ליטעראַטור. עס איז אונטער־געקומען א. ליטווין מיט זיין זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט", וועלכער איז געווען אַ מין פאַראייניקנדיקע קולטור אינסטיטוציע פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן און אַלס ליטעראַרישער אונטערפירער פאַר איר אינטעליגענץ, און די דאָזיקע באַדייטונג זיינע איז אויך פאַר אונדז ניט פאַרלוירן געגאַנגען אָן ווירקונג.

אויך אונדזערע היימישע פּאַרטיי־טוער דאָ אין בוענאָס איירעס, וועל־כע האָבן ביז דעמאָלט געשריבן בלויז פון צייט צו צייט אַ פּראָקלאַמאַציע, האָבן זיך געכאַפּט צו דער פּען און גענומען שרייבן דערציילונגען, דערי־נערונגען, לידער, שטימונגען, און אויף דעם געביט איז ממש געוואָרן אַ שלום בית, ניט נאָר צווישן די פּאַרטיי־טוער, נאָר אפילו צווישן די פּאַרטייען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מין אינטערפּאַרטייאישער קרייז פון פּען האַלטער און ליטעראַטור מבינים. פּ. וואַלד, אַרטור עפּשטיין (גרינגלאָז), ש. קאַפּ־לאַנסקי (בונדאָווצעס); י. העלפמאַן, זלמן סאָרקין און דער שרייבער פון די שורות (פּועלי ציוניסטן) נח וויטאַל (ס־עס־עווויץ) און דער אומפּאַר־טייאישער בראָדסקי, פלעגן צוזאַמענקומען זיך, לייענען אָנגעשריבענע זאַכן און קאָמענטירן, און אָט די און אַנדערע צו זיי, האָבן גענומען אַריינברייננגען אַ נייעם טאָן אויך אין דער אַרגענטינישער זשורנאַליסטיק.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן פּאַרטיי־זשורנאַלן, וועלכע האָבן אויך אָפּגעגעבן פּלאַץ פאַר בעלעטריסטיק: „דער אַוואַנגאַרד" אָרגאַן פון די

בונדאָווצעס, וואס זייער ארגאניזאציע האָט דאַ געטראגן דעם דערמאנטן נאָמען; „די שטימע פון אַוואַנגאַרד“, אָרגאַן פון די „איסקראָווצעס“, וועלכע האָבן געזאלט ארייננגיין אלס באזונדער סעקציע אין דער היגער סאציאליס־טישער פארטיי, און צוציען צו זיך די אידישע ארבעטער דורך א אידישער שריפט; „נאַכריכטן“ א קליין בלעטל אין פערטל פארמאט, מיט קאָמענטיר־טע נייעס, וואס איז דערשינען א טאג איבער א טאג, באַ צוואנציקן נומערן, אונטער דער רעדאקציע פון מ. פאליאַק; „אונדזער לעבן“, א פרואוו פון א טעגלעכער צייטונג אין קליינעם פארמאט, ארויסגעגעבן פון די ס. ס., באַ דרייסיק נומערן, אונטער דער רעדאקציע פון מ. פאליאַק; „לעבן און פריי־הייט“, אַן אילוסטרירטער חודש זשורנאל מיט אַן אנארכיסטישער טענדענץ, אונטער דער רעדאקציע פון יצחק איידלשטיין און פּ. שפּרינגבערג, א טעגלע־כע אידישע זייט באַ דער אנארכיסטישער „לאַ פּראָטעסטאַ“; דער זשורנאל „ברויט און ערע“, וואס האָט געזאלט דערשיינען אונטער דער רעדאקציע פון דעם פועלי ציון טוער לעאָן כאזאנאָוויטש, וועלכער האָט אויפגערודערט די יק'אַ קאלאניעס צו ארגאניזאציע, און איז אף א מסירה אין אנארכיזם, ארויסגעשיקט געווארן פון לאנד, און דער זשורנאל איז דאָ דערשינען אונ־טער דער רעדאקציע פון ז. סאָרקין און דעם שרייבער פון שורות; „די אידי־שע האָפנונג“, אָרגאַן פון די ציוניסטן, אונטער דער רעדאקציע פון יעקב יאָסעלעוויטש, וואס מוז צוגערעכנט ווערן צו די אויבנדערמאנטע צוליב זיין באציונג צו אידיש און צו דער אידישער ליטעראַטור; „דאָס ארבעטער לעבן“, אנארכיסטישער ארגאַן אונטער דער רעדאקציע פון שאפּירא; „אונ־דזער ווארט“, א וואכן צייטונג אונטער דער רעדאקציע פון פּ. וואלד; „שטרא־לן“, אילוסטרירטער חודש זשורנאל, אונטער דער רעדאקציע פון פּ. שפּרינ־בערג און דעם שרייבער פון שורות.

אָט דער נייער שטראם פון דער אידישער איינוואנדערונג קיין ארגענ־טינע, די אידעאליסטישע אידישע ארבעטער פון רוסלאנד און פוילן, וועלכע האָט פון אָנהויב זיך קאָנצענטרירט אין איינספּעציפישער סביבה, שאַ־פנדיק מיט זיך א געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן אָאזיס אין דעם דאמאַ־לסטיקן שטאטישן אידישן לעבן, אין וועלכן עס האבן דעמאלט דאמי־נירט אזעלכע פּרנסות ווי „קאמבאלאטש“ (אלטווארג האנדל) און די „קוענטע“ (פּארקויף פון שטוב זאכן אף אויסצאָלן) אין איר ערגסטער

פארם און אין שכנות מיט די פרויענהענדלער, און די קולטור פון בית עולם, בשר כשר און תלמוד תורה — אט דער נייער שטראם האט זיך שפעטער אריינגעגאסן אינם ארגענטינער אידישן לעבן. און ניט נאר האט ער געענדערט דעם סאציאלן באשטאנד פון דער אידישער באפעל־קערונג אין ארגענטינע אריינברענגנדיק אין אים א גאר אנגעזעענעם פראָצענט ארבעטער און באלמעלאָכעס, נאר האָט אויך באווירדיקט די באפעלקערונג און אפילו א טייל פרנסות אירע. די קווענטע, למשל, האט זיך אונטער דער ווירקונג פון די נייע כלל טוער ארגאניזירט אין אירע קאָאָפעראטיוועס. עס האָבן זיך געגרינדעט אנשטאלטן פון קעגנזייטיקן קרע־דיט אויך אונטער דער ווירקונג פון די אידייען וואס זיינען פון דעם נייעם אי־מיגראנטן שטראם אריינגעבראכט געווארן. די אינטעליגענץ, דורכוים אן אר־בעטער אינטעליגענץ, וואס דער שטראָם האָט מיט זיך געבראכט, האָט מיט דער צייט באהערשט דאָס אידישע געזעלשאפטלעכע לעבן, באזונדערס דורך דער אידישער פרעסע ארויסשטויסנדיק פון איר ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען די אלטע אידישקייט־באגריפן מיט אירע כלל טוער און זשורנאליסטן.

„נאכריכטען״ — „דאָס אידישע לעבן״

(1907—1906)

דער נאמען „נאכריכטען״ פון א אידישער אויסגאבע, קען פארפירן; א פילאלאג וואס שטודירט געשיכטע דורך דער שפראך און סטיל וואלט זיכער אנגענומען דעם רעדאקטאר פון „נאכריכטען״ פאר א קעניגסבערגער משכיל, וואס האָט אין 17־טן יאר הונדערט געוואלט שאפן א צייטונג פאר אידן. און דוקא איז „נאכריכטען״ אן אויסגאבע פון 20־טן יאר הונדערט און איר רעדאקטאר — א פירער פון א אידישער סאָציאַליסטישער ארגאניזאציע, ס. ס. אין בוענאָס איירעס, דער בעסאראביש־אדעסער עס־עסאָוועץ מיגעל (מאיר) פאָלאק, וועלכער האָט, ווי עס זעט אויס, משכיליש בלוט אין די אדערן. איצט — א פארמאצעווט און טיכטיקער טוער פאר די אידישע איבערוואנדערער אין ראטנפארבאנד.

זאל דער פאקט דינען פאר א ווארנונג אונדזערע שפראך־פארשער זיי זאלן פארזיכטיקער זיין מיטן דעפינירן די דאטומס פון געפונענע ניט דאטירטע מאנוסקריפטן און ספרים לויט אָט דעם פארפירערישן סימן. באשטעטיקן דאך די פאקטן אויך אין דער ארגאנישער וועלט, אז אן אור־אור־אייניקל פון א שווארצן אין א לאנג שוין ווייסגעווארענער משפחה, קומט ארויס מיט געקרייזלטע האר אדער מיט גראבע ליפן, אויב ניט איננאנצן א שווארצער. אין דער קולטור וועלט, ווי איר זעט, קאן דאס אייגנע געמאלט זיין.

מ. פאלאק איז געקומען קיין בוענאס איירעס פון אדעס, אין 1905, צוזאמען מיט דעם גרויסן שטראָם פון דער אידישער עמיגראציע נאך די

פאגראמען אין די פרייהייטס טעג, בעת וועלכע עס איז דערהארגעט געווארן זיינער א ברודער, א מיטגליד פון דער זעלבשוץ.

עס איז קיין חידוש ניט אז צווישן דער עמיגראציע איז געווען א גרויסע צאל עס־עסאווצעס, די אידעאלאגן פון דער עמיגראציע. עס איז אויך קיין חידוש ניט וואס קומענדיק קיין ארגענטינע, האבן די עס־עסאווצעס געגרינדעט זייערן א פאריין מיט א גרויסע צאל מיטגלידער, וואס האט זיך פארנומען מיט גרויס חשק און איבערגעגעבנקייט טון געזעלשאפטלעכע ארבעט צווישן דער עמיגראנטישער מאסע, קנעטן פון דעם רויען געזעלשאפטלעכן טייג די צוקונפטיקע אידישע געזעלשאפט אין ארגענטינע, וועלכע, ווער ווייסט, צי זי וועט ניט זיין די שפעטערדיקע אידישע „טעריטאריע"...

די ארבעט פון דער עס־עסישער ארגאניזאציע, ווי עס האט געפאסט פאר פראקטישע טעריטאריאליסטן, איז געווען א פראקטישע ביז גאר. עס זיינען אפילו געפירט געווארן טעארעטישע דיסקוסיעס אין לאקאל פון די ס. ס. מיט די אנהענגער פון אנדערע אידישע פארטייען, מיט די ציוניסטן און פועלי ציון, אבער ניט דאס איז געווען דער עיקר; דער עיקר איז געווען די פראקטיק. די פראקטיק האט זיך אויסגעדריקט אין „פראפעסיאנעלער טעטיקייט" און אין אויפקלערונג".

פון דער עס־עסישער פראפעסיאנעלער פראקטיק געדענק איך א פאר פאלן:

א לערן אינגל בא א קאלטשאנערא (מאטראצן מאכער), א פארטיי חבר וואס האט זיך גענומען אין ארגענטינע „פראלעטאריזירן" (פון דער ס. סישער פארטיי־טערמינאלאגיע), האט פארקלאגט זיין באלעבאס אין ס.־סישן פאריין, אז ער לאזט אים ניט גיין באנאכט אין פאריין אריין. די ארגאניזאציע איז אונטערגעקומען מיט איר גאנצער מאכט און געצוואונגען דעם באלעבאס נאכצוקומען די פאדערונג.

די „אויפקלערונג" האט זיך אויסגעדריקט צוערשט אין לערנען די מיטגלידער די לאנד־שפראך, נאר באלד האט זיך די ארגאניזאציע ארומגעזען, אז ביז די מאסן וועלן זיך אויסלערנען די לאנד־שפראך, גייען זיי דערוויל אום אין דער פינצטער און ווייסן ניט וואס ס'טוט זיך אף דער וועלט, מחמת זיי קענען ניט לייענען די שפאנישע צייטונגען, און די

אידישע צייטונג וואס איז פאראן, ווערמאנטס „פאלקס־שטיממע", איז דערצו ניט ראוי, ווארום ניט זי ברייגגט נייסן (זי פלעגט שוין דעמאלט איננאנצן זיין אויסגעפילט מיט ווערמאנטס פלוידערישער געשיכטע פונם אַטאַמאַנען־רייך און מיט קהל'שע אינטריגעס) און ניט מען זעט זי גאר, אף דער גאס (זי פלעגט געשיקט ווערן נאָר צו אבאָנענטן). מען מוז דער־רום האָבן א אידישע צייטונג פאר דער עמיגראנטישער מאסע.

די עס־עסישע ארגאניזאציע האָט אָבער ניט געוואלט נעמען אף זיך אזא ריזיקאלישע ארבעט און עס האָט זי גענומען אף זיין פריוואטער אחריות דער פירער פון דער ארגאניזאציע, מ. פּאָלאק, דער שטארקסטער ענטוזיאזט פון דער אויפקלערונגס ארבעט.

מ. פאלאקס חשבון איז געווען א גאנץ קלארער: ער וועט איבערזעצן פון די שפאנישע טעגלעכע צייטונגען די וויכטיקסטע טעלעגראמען, די וויכטיקסטע שטאט נייעס און אביסל פאליציי געשעענישן, דאס לאזן אפדרוקן אף א בלעטל און ווי א ביולעטין פארקויפן אף 5 סענט אן עק־זעמפלאר. דער דרוקער, וואלף אייזנבערג, וואס בא אים אפן הויף, אין אן עקסטן צימער, איז געווען דער ס.־סישער לאקאל, האט צוגעזאגט דרוקן די ערשטע טעג אן געלט. אזעלכע פיינע יונגעלייט — האט ער זיך געטראכט — און ער וועט אויך האבן אף יעדן בלעטל זיינעם אן אנאנס... קיין רעדאקטאר דארף מען ניט צאלן, ער אליין, פאלאק, וועט זיין דער רעדאקטאר...

מ. פאלאק האט שוין געקענט שפאניש. אלס פראקטישער מענטש האט ער זיך באלד בא זיין אנקומען, גענומען לערנען די לאנד־שפראך כדי צו קענען דא פארענדיקן זיין קאריערע אלס פארמאצעווט, וואס ער האט געהאט איבערגעריסן פארלאזנדיק אדעס, און האט שוין געלעבט פון געבן לעקציעס אין שפאניש צווישן עמיגראנטן עולם.

שוין פון אנהויב האט דער קלארער חשבון אנגעהויבן ניט שטימען. דער פארקויף איז געגאנגען שלעכט און האט ניט געדעקט אף צו צאלן אייזנבערגן, און אייזנבערג האט זיך ניט געקענט דערלויבן צו פארנע־מען די ארבייטס־צייט מיט דרוקן א בלעטל פון וועלכן ער האט נאך ניט באקומען קיין איין מזומענעם סענט. ער האט דעריבער געבעטן אן הנחה, ארויסצולאזן דאס בלעטל א טאג איבער א טאג.

נאך דעם צוואנציקסטן נומער איז דאס בלעטל מער ניט דערשינען.

דעם פינקטלעכן דאטום פון די דערשינענע „נאכריכטן", וועלכע זיינען, אייגנטלעך, די ערשטע טעגלעכע אידישע צייטשריפט אין אר־גענטינע, קאן איך ניט פעסטשטעלן. אויך דער רעדאקטאר זייערער, מ. פּאַלאק, מיט וועמען איך האב גערעדט א שמועס וועגן די „נאכריכטן" געדענק ניט דעם דאטום. בעת זיינע וואנדערונגען פון איין ארט אפן אנדערן, אלס שפאנישער לערער אין א קאלאניסטישער יק'א שולע, אלס פיאנער פון אידישער קאלאניזאציע אין פאראגואיי, אלס סטודענט פון כימיע אין לאַ פּלאַטאַ, אלס אַפּטייקער אין מאָזעסוויל א. א. איז בא אים דער ארכיוו, וועלכן ער האט גראד געהיט אלס קולטור אוצר, פאר־לוירן געגאנגען. בערך, אבער, איז דאס געווען סוף 1906.

עס איז וויכטיק אפצושטעלן זיך אף דער שפראך פון „נאכריכטן".

דאס איז געווען א גאנץ אייגנארטיקער אידיש, וואס איר וועט אים ניט טרעפן אין קיין איינער פון די אידישע צייטונגען אין אייראפּע און אמעריקע. דער דאזיקער אידיש האט געקענט אויסבילדן זיך נאר אין ארגענטינע אדער אין א אנדער שפאניש ריידנדיק לאנד, און ווער ווייסט צי וואלטן מיר ניט געהאט אין אונדזער זשורנאליסטיק א ספעציעל אר־גענטינישן אידיש, ווי מיר האבן א ספעציעל אמעריקאנישן, וועלכער ווערט נאך איצט שטארק גענוצט אין ניו יארקער „פארווערטס" און לאזט זיך מערקן אפילו אין די אפגעהיטסטע אידישע צייטונגען אין דער הינ־זיכט פון שפראך — ווער ווייסט צי מיר וואלטן אזעלכעס ניט געהאט ווען „נאכריכטן" זאלן חלילה געווען האבן א לאנגיאריקע עקזיסטענץ אונטער דער רעדאקציע פון מ. פּאַלאַק, און ווען דער אויפשוואונג פון דער אידישער ליטעראטור אין דער אלטער היים, וואלט ניט ארויסגערופן דא אין דער נייער היים הייסע קולטורווירער פון דער אידישער שפראך מיט א פוריטאנישער באציונג צו איר, וועלכע האבן זיך באצייטנס גע־שטעלט באם רודער פון דער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע.

אין רוסלאנד און פוילן האט זיך שוין דעמאלט לאנג געהאט איינ־געשטעלט אן איינהייטלעכע אידישע ארטאגראפיע לויט מענדעלען, פאר־פולקומט דורכן „פריינד", און עס האט זיך אפילו געהאט אימפאנירט א זשורנאליסטישער סטיל, דער סטיל פונם „פריינד"; מ. פאלאק האט

אבער אין דער היים אפנים וויניק שייכות געהאט דערבײַ, און אז ער איז צוגעגאנגען שרייבן, אדער בעסער געזאגט איבערזעצן זיינע „נאכריכטן", האט ער מיט זיך פארמאגט אלס שפראך מיטל זיין בעסאראביש אדעסער אידיש, וועלכער איז גענוג פארמישט מיט רוסישע ווערטער אפילו אינם היימישן געברויך, בפרט אין די „העברעע מאטעריעס". ער האט אפילו געוואוסט, אז דער אידיש איז ניט קיין ליטעראַרישער און מען דאַרף אים ליטעראַריש מאכן. באם ריידן — און מ. פאלאק איז א רעדנער, אן אראטאר, — האט ער זיך אן עצה געגעבן: ער האט גענומען זאגן א ליטווישן מלופם און א ליטווישן קמץ, און ווי דאָס רוב געמאכטע ליטוואקעס, אפט א טעות געהאט, איבערלאזנדיק דעם אדעסער טאָטע־מאָמע פתח און דעם שארפן חולם; באם שרייבער איז דאָס אבער וויניק און ער האט גענומען פארבייטן די רוסישע טערמינען אַף דייטשע, אדער דייטשמערישע. דאס אייגנארטיקע באשטייט נאך אבער ניט דערין: שרייבט מען דאך נאך היינט אין נארד אמעריקע ניט דעם אמת, נאר די ווארהייט, צוליב ליטעראַרישקייט! די אייגנארטיקייט האָט זיך אממערסטן ארויסגעוויזן אין דער איבערזעצונג. איבערזעצנדיק פון שפאניש, האט דאס מ. פאלאק געטון ווערטערלעך און עס איז ארויסגעקומען, בערך אזא מין סטיל:

„עס זיינען פראדוצירט געווארן אינם טאג פון נעכטן פארשידענע שטרויכלונגען פון טראפיק. איינער פון זיי האט רעזולטירט מיט פאטאלע קאנסעקווענצן פאר אן ארבעטער א מוליער.

די אויטאָריטעטן האָבן אינם טאג פון פארנעכטן פארהאלטן דעם אווטאר פון דעם פארברעכן.

ראדריגא, וועלכער, ווי די אנדערע, האט פראקורירט צו פארשווינדן פונם ארט, ווערנדיק אויסגעפארשט האט מאניפעסטירט צו די אגענטן, אז ער איגנארירט ווער עס זיינען די אווטארן פון די שאסן.

היינט וועט רעאליזירט ווערן דער מיטינג פון די ארבעטער אין האלע."

די אלע זאצן ציטיר איך אויסנווייניק און איך גיב זיי ניט איבער אין זייער אריגינעלער ארטאגראפיע, וועלכע איז גראד געווען די דעמאלט אנגענומענע ארטאגראפיע פון „פריינד". איך גאראנטיר אויך ניט

פאר זייער טעכנישער פינקטלעכקייט, נאר דער גייסט פון דער איבער־זעצונג איז אף א האר ניט געפעלשט.

נאך היינט קען מען געפינען אין די ארגענטינישע אידישע צייטונ־גען איבערזעצונגען אין דעם סטיל, באזונדערס פון אן אפיציעלן דאקו־מענט אדער פון אן איבערגעדרוקטער טעלעגראמע אדער פאליציי נייעס, ווען זיי פאלן אריין אין די הענט פון א ניט געניטן איבערזעצער. עס טרעפט אויך אז מען גיט איבער ניט פארריכטערהייט א בריוו פון א אי־דישן בירגערלעכן כלל־טוער, וואס איז גאנץ נאענט צו דעם סטיל; דאס ווערט אבער בטל בשישים און דערמאנט נאר, אז עס איז גאנץ מעגלעך געווען מיר זאלן נאך היינט געווען האבן אזא אידיש אין אונדזער זשור־נאליסטיק.

עס מוז איבערהויפט געזאגט ווערן, אז די אידישע זשורנאליסטיק אין ארגענטינע, וועלכע האט זיך געשפייזט מיט א סאך איבערזעצונגען — נאך היינט אונדזערע אידישע צייטונגען — האט געמוזט אנווענדן א באַ־זונדער אויפמערקזאמקייט אף גובר זיין אַט דעם מין אידיש, וואס האָט זיך אזוי עקשנותדיק געריסן פון דער פען בא די רויע און בא די צופע־ליקע צייטונגס מיטארבעטער, און די דאזיקע ארבעט האט געהאט אף זיך דאס הייפל פוריטאנער פון אידיש, וואס האט כמעט מיט גוואלד פארכאפט דעם פלאץ בא דער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע.

„נאָכריכטען„ איז ניט געווען די לעצטע זשורנאליסטישע אונטערנע־מונג פון די ס. ס. און אויך ניט די לעצטע רעדאקטארישע ארבעט פון מ. פאלאק.

אין 1907 האט די עס־עסישע ארגאניזאציע געמאכט א צווייטן פרואוו און שוין מיט א גרעסערן פארנעם, אבער אויך אין דעם זעלבן גייסט: פארשאפן דער אידישער עמיגראנטישער מאסע טעגלעכע נייעסן פון דער וועלט און פון דער שטאט, און ענדע אפריל איז דערשינען די צווייטע טעגלעכע צייטונג „דאס אידישע לעבן", אין דעם זעלבן פאר־מאט ווי די „נאכריכטן", ביולעטין פארמאט, נאר מיט פיר זייטן זאץ.

געדרוקט האט זיך „דאס אידישע לעבן" אין אן א י י ג ע נ ע ר ד ר ו ק ע ר י י. די ארגאניזאציע האט אפגעקויפט אלטן שריפט באם דרוקער וואלף אייזנבערג, האָט גענומען אן „אמעריקאנקע" (א פוס־דרוק־

מאשינדל) אף אויסצאָלן, און אוועקגעשטעלט א פּאר חברים זעצער און איינעם א דרוקער, וועלכער האָט געדרוקט די צייטונג זייטלעך־ווייז.

אבער די אמביציע האָט ניט אויסגעהאַלטן. דער פּאַרקויף (קיין אנאָנ־סן זיינען ניט געווען) האָט ניט געדעקט די הוצאות, די חברים זעצער און דער דרוקער האָבן אָפּגעאַרבעט צוויי חדשים, ארויסגעלאָזט 30 נומערן און קיין סענט געלט ניט באַקומען. פונם אריינקומענעם געלט האָט מען געמוזט צאָלן פאַרן צימער און פאַר פּאַפּיר און טינט, און די אונטערנע־מונג האָט געפּלאַצט.

„דאָס אידישע לעבן" האָט שוין געהאַט ניט נאָר נייעסן, נאָר אויך פּובליציסטיק, פעליעטאָנען און בעלעטריסטיק.

אלס מיטרעדאַקטאָר האָט מ. פּאָלאַק געהאַט זיין חבר בן ציון היי־סינסקי, אן עס־עסאָוועץ פון קעשענעוו (היינט א גרויסער געשעפטסמאַן אין מעקסיקאָ), וועלכער איז שוין געשטאַנען פיל נענטער צו דער אידי־שער שפּראַך ווי פּאָלאַק; ער איז געווען דער שטאַרקסטער קענער דאָ פון דער עס־עסישער ליטעראַטור אין אידיש און זיין גאַנץ ביסל קענטעניש פון די עס־עסישע טערמינען און שפּראַך־ווענדונגען, האָט ער אריינגעטון אין דער צייטונג, שרייבנדיק א רייע אַרטיקלען וועגן עמיגראַציע, די געשוואוירענע טעמע פון די ס. ס. פאַרנעמענדיק אמאָל גאַנצע צוויי זייטן פון דער צייטונג מיט אזא אַרטיקל, לאָזנדיק די אַנדערע צוויי זייטן פאַר נייעסן, פלעגט „דאָס אידישע לעבן" מאַכן דעם איינדרוק פון איבערגע־דרוקטע צוויי זייטן פּלפּול פונם עס־עסישן טעאָרעטישן אָרגאַן „דער ניי־ער וועג", מיט א ביילאַגע פון „נאַכריכטן".

געווען אבער אויך נומערן פון אַרטיקן אינטערעס. מ. פּאָלאַק האָט געשריבן אייניקע אַרטיקלען וועגן דער נויטיקייט פון א אידישן שפּיטאָל אין בוענאָס איירעס, וועגן דער נויטיקייט פון אידישע אָפּטיילונגען אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. מ. פרומקין האָט געשריבן איי־ניקע גאַנץ וואוילע פעליעטאַנען. דער ערשטער פעליעטאָן, געדענק איך, האָט געטראָגן דעם טיטל: „בערל אדעסער", און האָט איבערגעגעבן דעם איינדרוק וואס דער ערשטער נומער פון „דאָס אידישע לעבן" האָט גע־מאַכט צווישן דער עמיגראַנטישער מאַסע: בערל אדעסער האָט שוין א צייטונג... מאיר פּערצאָווסקי (איצט שותּף פון דער דרוקעריי קראַסילאָוו־

סקי און פּערצאַוואָסקי) האָט געדרוקט א לאַנגע סענטימענטאַלע געשיכטע פון עמיגראַנטישן לעבן „זי ווײַנט“, אין פאָרטזעצונגען. ב. סאַגאַלאָוויסקי האָט דאָרט זײַנע ערשטע סענטימענטאַלע בילדלעך געדרוקט. עס האָט דאָרט אויך מיטגעאַרבעט ז. סאָרקין, מיט אַלגעמײַנע פּאָליטישע איבער־זיכטן.

די דאָזיקע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן „דאָס אידישע לעבן“ האָט דער אָרגאַניזאַציע ס. ס. געקאָסט דאָס לעבן. פאַרבאָדן אין חובות, אויס־געשעפּט און פאַרמאַטערט, האָט די אָרגאַניזאַציע זיך אויפגעלייזט, די חברים צעוואַנדערט, איבערגעגאַנגען אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אָדער פאַרבליבן ביז הײַנטיקן טאָג מיט דעם אָנדענק, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אין בוענאָס איירעס אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע ס. ס. וואו זיי זײַנען געווען חברים, וועלכע האָט געהאַט אַ שטיקל דעה אויף דער אידישער גאַס, די ערשטע געשטעלט אידישע ליבהאָבער ספּעקטאַקלען, „פאַמיליע צבי“, „גאָט פון נקמה“, און אויך די ערשטע געמאַכט געוואַגטע פּרואוון אַרויסצו־געבן אַ טעגלעכע אידישע צײַטונג.

„די יודישע האָפנונג“

(1917—1908)

דאס קאפיטל וואלט אייגנטלעך געדארפט באטיטלט ווערן יעקב יאסעלעוויטש, וועלכער איז געוועזן דער גרינדער פון „די אידישע האפ־נונג“ און איר כמעט שטענדיקער רעדאקטאר. ער איז געוועזן דער גייסט פון דעם זשורנאל און פון דעם ציוניזם כמעט ביז זיין טויט.

כראנאלאגיש געהערט יעקב יאסעלעוויטש (בן יוסף) צום ערשטן דור אידישע זשורנאליסטן און כלל טוער אין ארגענטינע. ער איז געקו־מען קיין ארגענטינע אין די ניינציקער יארן און ווי איך האב שוין דער־מאנט אין די פריערדיקע קאפיטלען, איז ער געוועזן דער גרינדער פונם ציוניזם אין ארגענטינע, אין יאר 1897, און איז געוועזן דער טיכטיקס־טער מיטארבייטער אין „אידישען פאנאגראף“, וואס איז דערשינען אין יאר 1898. פאראן אבער אין יעקב יאסעלעוויטש אזוינס, וואס דערלאזט ניט אוועקצושיינקען אים אינגאנצן צו יענעם דור. דאס איז, זיין ממש רעליגיעזע באציונג צו דער אידישער שפראך און צו דער אידישער לי־טעראטור און זיין געשליפענער סטיל אינם גייסט פון די אידישע פאלקס־שרייבער, באזונדערס מענדעלי, וואס אונטער זיין איינפלוס האט ער, דוכט מיר, געדענקט און געשריבן און בכלל גענומען אים זיך פאר א מוסטער. געוועזן איז אויך אין זיין שרייבן א גרויסע מאס דיאלעקטיק, וואס עס איז ניט געוועזן בא קיין איינעם פון די היגע פען האלטער פון זיין דור, און זיינס אן ארטיקל איז, צוליב די אויסגערעכנטע מעלות גע־ווען אן אפפרישונג נאך ווערמאנטס באלקאניש - דייטשמערישער פלא־פלעריי, נאך פאביאן ש. הלויס דויטשער השכלה־מגידות, אדער נאך י.

ש. ליאכאָוויצקיס בבל־שפּראַביקער דעמאַגאָגיע. אַן איינפלוס אויף יאַסע־לעוויטשעס באַציונג צו שפּראַך, צו זיין אידעאל, — דעם ציוניזם — און צו כלל טועריי בכלל, האָט זיכער געהאַט די צייט אין זיין לעבן ווען ער האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער אידישער סאָציאַליס־טישער אינטעליגענץ. אונטער דער דאַזיקער ווירקונג, האָט ער אין זיין יוגנט פאַרלאָזט די ישיבה אין מינסק, (געבוירן איז ער אין נאָוואָ־מוש, מינסקער גוב). און זיך גענומען לערנען אַ מלאכה — שלאָסעריי און עלע־מענטאַרע בילדונג. ער האָט געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין אָדעס און אין וואַרשע אין זיין פאַך און איז דאָרט געשטאַנען נאָנט צו די אידישע ליטעראַרישע קרייזן, אין אָדעס האָט ער געהאַט אַן אַריינגאַנג צו מענ־דעלין, צו לעווינסקין און ראַווניצקין. האָט זיך דאָרט אויך באַקענט מיט שלום עליכמ׳ען. קיין ציוניסט איז ער דאָרט ניט געווען.

ערשט אין בוענאָס איירעס, ווען ער האָט, אַלס פאַבריקאַנט פון ניקל־ווערק, געמאַכט אַ פאַרמעגן, איז ער געוואָרן אויס סאָציאַליסט און אָנגעהויבן אַגיטירן הבת ציון.

בטבע אַן אויפריכטיקער, באַשיידענער און שטילער מענטש און שטאַרק זהיר אויף זיין אייגענעם און יענעמס כבוד, איז ער געווען ווי ניט צוגעפּאַסט צו זיין דער פירער פון דעם ציוניזם אין אַרגענטינע אין יע־נער צייט פון ציוניסטישער סענסאַציע. דער אַמביענט פון אויפגעלאָפנ־קייט, פון כאַפּ־לאַפּ, איז אויך ניט געווען צוגעפּאַסט אויפצונעמען זיין שטילע ציוניסטישע דיאַלעקטיק און האָט גיכער אויפגעכאַפּט ליאַכאָוויצ־קיס טראַסקעדיקע ציון־פייערווערק. און כאָטשע יאַסעלעוויטש האָט פאַר־נומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין היגן ציוניזם (פאַרט אַ איד אַ גביר און קען אויך שרייבן...) און אין אַנדערע קהלהשע אינסטיטוציעס, (חברה קדישא, עזרה. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פונם בוענאָס איירעסער אידישן שפּיטאָל און פון אַ פעדעראַציע צווישן די קהלהשע אינסטיטוציעס), איז אָבער זיין קול ניט געהערט געוואָרן און האָט באַקומען אַ תקון ערשט מיטן אָנקומען פון דעם נייעם שטראָם אידישער איינוואַנדערונג נאָך 1905, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך ציוניסטישע יוגנט פון רוסלאַנד, אי־דעאַליסטישע פאָלקס־קינדער, אַן עלעמענט וואָס האָט געשיקט פון זיך חלוצים פון אַרגענטינע קיין פּאַלעסטינע. דער אַרויפגעאַרבעטער און שוין

יט יונגער יאסעלעוויטש, — זיין מענדעלי־בערדל איז שוין דעמאלט געוען באזילבערט — האט זיך מתקרב געווען מיט די „גרינע“ יונגעלייט אי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ציוניסטישער פאריין „תפארת ציון“, וועלכער האָט זיך געהאלטן אינם לינקן פליגל פונם ציוניזם.



יעקב יאסעלעוויטש

אָט דער פאריין „תפארת ציון“ איז געוואָרן דער שטיץ פונקט פאר יאָסעלעוויטשעס קאמף (אויב מען קען בכלל אָנרופן קאמף וועלכע עס איז אקציע וואס איז אנגעפירט געוואָרן פון יעקב יאָסעלעוויטש) קעגן דעם ציוניזם פון י. ש. ליאכאָוויצקי, אָדער ווי י. יאָסעלעוויטש האָט אים אָנגערופן „ד ע ר געפאלענער ציוניזם“, און האָט אויך מעגלעך געמ א כ ט, אז יאָסעלעוויטשעס קול זאל דערהערט ווערן, גרינדנדיק אין אויגוסט 1908 דעם ציוניסטישן חודש זשורנאל „די יודישע האפנונג“, אונטער זיין רעדאקציע.

די קנאפּע צען יאר, זייט דעם אונטערגאַנג פון „אידישן פּאַנאָגראַף“ ביז דעם דערשיינונג פון „דער יודישער האָפנונג“, ד. ה. אין די יאָרן ווען איבער דעם ציוניזם האָט געהערשט דער וואַנטיוריסטישער גייסט פון י. ש. ליאַכאָוויצקי, האָט דער באַשיידענער שטילער בן־יוסף געליטן און געשוויגן. פון צייט צו צייט נאָר, צו אַן אויסערגעוויינלעכער געלעגנהייט, אָדער צו אַ יום טוב, פלעגט ער אָף זיין אייגענעם חשבון אָפּדרוקן אַ בלעטל פון אַ סעריע „ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע“, אפילו דעמאָלט ווען דאָ איז דערשינען אַ ציוניסטישער זשורנאַל „דער ציוניסט“, אונטער דער רעדאַקציע פון י. ש. ליאַכאָוויצקי 1904). (אגב, איז פון די בלעטלעך אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע קיין זכר ניט געבליבן). פלעגט שרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין פּעטערבורגער אין שפּעטער וואַרשעווער „פריינד“, אין „העולם“, אין „יוד“ און צולעצט אויך אין דר. חיים וואַרטמאַנס זשור־נאַל „די אידישע צוקונפט“ וואָס איז דערשינען אין ניו יאָרק.

דער ערשטער נומער פון דער זשורנאַל „די אידישע האָפנונג“ איז דערשינען דעם 15־טן אויגוסט 1908, און זיין דערשיינען גופא איז באַ־טראַכט געוואָרן אַלס אַן אָפּפרישונג, בעסער געזאָגט, אַן אָפּקילונג, אין דעם שרייערישן אַמביענט פון דער ליאַכאָוויצקי־וואָרמאַנט פּאָלעמיק, וואָס פלעגט נאָך דערצו צוגעשמאַלצן ווערן מיט אַ פרומען פּאַמפלעט פונם רב ראובן הכהן סיני.

ליינענדיק אין ערשטן נומער „די יודישע האָפנונג“ דאָס וואָרט פון דער רעדאַקציע „צו די לעזער“, פילט מען ווי בן יוסף אָטעמט אָפּ און פילט פאַר דעם נחת פון דער שטילקייט וואָס ער וועט געניסן און מאַכן געניסן שווימענדיק אין זיינע אייגענע וואַסערן:

„דאָס איז אָבער ניט קיין פּאַרטיי־אָרגאַן אין שטרענגען זין פון וואָרט — לייענען מיר דאָרט, — מיר ווילן ניט געהן אַגיטירן אויפן אַמעריקאַנישען אופן, קלינגען און פויקן בצלצלי שמע און שלע־פען אידען באַ די פּאָלעס זיי זאָלען אריינוואַרפען עטליכע סענט אין אונזער צדקה־פּושקע. אַזאַ האַנדלונג, אַזאַ פערהאַלטען זיך צו אונזער באַוועגונג איז אַ ערנידערונג פאַר אונדז. מיר ווילן שאַפן אַ אָרגאַן פיר אַלע יודיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסען, זעלבסטפערשטענדליך צוגעפּאַסט צו די אָרטיגע אומשטענדען. אַלס וואָס האָט עפּעס אַ ווערט אין נאַ־

ציאנאלען זין, אלס וואס קען פיהרען צו ערוועקען אונזער זעלבסט בעוואוסטזיין וועט געפינען א אבקלאנג אין אונזער „יודישער האפנונג“.

דאס לעצטע, מכח „אלס (אליז פ. כ.) וואס האט א ווערט אין נאַציאנאלן זין“, איז געווען געצילט צוצוציען צום זשורנאל די אינטעליגענץ פון די נאציאנאל־סאציאליסטישע ארגאניזאציעס, וואס האבן שוין דעמאלט דא עקזיסטירט, די פועלי־ציון און ס. ס. און עס איז אים אויך עטוואס געלונגען אין דעם זין. אין ערשטן נומער איז פאראן א קורצער ארטיקל וועגן די אידן אין עסטרייך, וואו עס ווערט גערעדט וועגן דעם קאמף וואס ווערט דארט געפירט פון די פועלי ציון פאר דער אנערקענונג פון די מינדערהייטס רעכטן פון דער אידישער נאציאנאליטעט, אונטערגעשריבן פון „פעאן“, וועלכער איז ניט קיין אנדערער ווי זלמן סארקין, דער גרינדער פונם פועלי ציוניזם אין ארגענטינע. אין די ווייטערדיקע נומערן געפינען מיר א ליד פון מ. פרומקין, וועלכער האט דאן געהערט צו דער ארגאניזאציע ס. ס., אייניקע ארטיקלען פון י. העלפמאן, וועלכער איז אויך געווען א מיטגליד פון דער פועלי ציון ארגאניזאציע.

אין דעם זעלביקן ווארט „צו די לעזער“ זעט איר די ציכטיקע באַציונג יאסעלעוויטשעס צו דעם זשורנאל, צו זיין אינהאלט ווי צו זיין אויסהאלט:

„אלס מאנאטשריפט קענען זיי זי אבהיטען, אכטונג געבען דאס פון זייערע הענט זאל ארויס א דבר מתוקן. אבער א וואכנבלאט וועט שוין מוזען געמאכט ווערען איילענדיג און וועט שוין באקומען נאר אן אנדער פנים“.

און ווייטער:

"אונזער צייטונג מוז אויסגעהאלטען ווערען פון זיך אליין. ציוניסטישע געלדער, וואס זיינען באשטימט אף אנדערע צוועקען, טארען דערויף ניט פארווענדעט ווערען“.

ס'איז אויך קלאר אז דאס איז אן אנדייט אף דער באציונג צי די דערמאנטע געלטער מצד אנדערע ציוניסטישע פירער.

צו הילף יאסעלעוויטשן באם רעדאקטירן „די אידישע האפנונג“ זיינען געשטאנען: אהרן אייבערמאן, א זייגער־מאכער, וועלכער איז געווען דער טעכנישער רעדאקטאר, נאטיצן שרייבער און קארעקטאר (זיי־

נע אייגענע ארטיקלען האט יאסעלעוויטש אליין קארעגירט, ער האט ניט געטרויט קיינעם די דאזיקע לעצטע קאנטראל־ארבעט, טאמער חלילה וועט זי פוגע זיין זיין סטיל און אויסלייגעכץ!) און דוד ראזענבלום, דעמאלט א סטודענט און היינט אן אינזשעניער ערדמעסטער אף א שטעלע בא דער יק״א און צוריקגעצויגן פון דער ציוניסטישער באוועגונג. דער לעצטער האט מיט גדוים ליבשאפט איבערגעזעצט אין א פליסיקן אידיש פון רוסישן און העברעישן. דער קוואל פון וואנען די מאטעריאלן צום איבערזעצן זיינען גענומען געווארן, איז געווען דער „ראזסוויעט״, „יעווריעסקאיא זשיזן״, „השלוח״, די ביילאגע צום ווילנער „הזמן״. עס געדענקט זיך מיר דוד ראזענבלומס א גאנץ געלונגענע איבערזעצונג פון יעקב פיכמאנס א ליד, זיינע איבערזעצונגען פון בן אריהס (ד. מאנעווי־טשעס) „פאמיליע שפיגעלמאן״ און אנדערע אייגאקטערס פון דער אידישער ארימקייט אין רוסלאנד.

„די יודישע האפנונג״ איז באמת געווארן א פלאץ פאר מער געשליפענעם אידישן שרייבן. דארט האט זיך אויך צום ערשטן מאל באוויזן דער טאלאנטפולער ברוך בענדערסקי, פון דער קאלאניע קלארא, מיט זיינעם א פעליעטאן „נאך תשליך אין קאלאניע״ און —
שלום עליכם.

אין נומער 5 פון די „יודישע האפנונג״ (אקטובער) האָט זיך אנגעהויבן דרוקן, אין פארטזעצונגען, שלום עליכם׳ס א לענגערע דערציילונג „די גאלדשפינערס״, וואס איז פון שלום עליכמען צוגעשיקט געווארן דירעקט פאר „די יודישע האפנונג״ און מיט זיין אייגענער האנט, מיט זיין פערלדיקן כתב געשריבן. איך מיין אז דער כתב יד פון שלום עליכם׳ען דארף זיך נאָך געפינען, אויב ניט אין ארכיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, איז בא די יורשים פון יעקב יאָסעלעוויטש, אדער בא איינעם פון די מיטרעדאקטארן זיינע.

דער מאנוסקריפט איז אנגעקומען באגלייט מיט א הומאָריסטיש ידידי בריוול צו יעקב יאָסעלעוויטש, און איז אומגעגאנגען אין פאריין „תפארת ציון״ פון האנט צו האנט, און אויך איך, א פרעמדער לדעה, נאָר א היימישער דיסקוטאנט, א פועלי ציוניסט, האָב דאָס בריוול ווי דעם מאנוסקריפט געהאלטן אין דער האנט און געלייענט. דער מאנוס־

קריפּט, געדענק איך, איז געווען געשריבן אויף גאר דינעם, כמעט ציגאר־פּאפּיר. אזוי האָב איך אויך געלייענט אין יענער צייט א בריוול פון דר. וואָרטמאַן, וועלכע האָט געלויבט „די יודישע האפנונג", וואס יאָסעלעוויטש האָט מיר באוויזן. דר. ווארטמאן האָט נאך עפּעס באדייט אין יענער צייט.

דאס איז אויך געווען דאס ערשטע מאָל, וואס א אידישער שרייבער האָט באקומען האָנאָראַר פון אן ארגענטינישער... איך האָב געוואלט זאָגן אויסגאבע, נאָר דאָס וואלט געווען א ליגן, מחמת דער האָנאָראַר שלום עליכמען איז געשיקט געווארן ניט פון די הכנסות, מ'שטיינעם געזאגט, וואס „די יודישע האפנונג" האָט געהאַט, נאָר פון יאָסעלעוויטשעס קעשענע.

„די יודישע האפנונג", אפילו א באלעבאטיש ציוניסטישע, האָט געטראגן אף זיך א מין שיין פון דעמאקראטיע אויב ניט ראדיקאליזם, צוליב איר נאָנטקייט מיט די רוסישע ציוניסטישע אָרגאַנען, וואו עס האָט געהערשט די אזוי גערופענע דאמאלסט לינקע פראקציע, אדער דעמאקראטישע פראקציע אינם רוסישן ציוניזם. יאָסעלעוויטש אליין, דער לייטנדיקער גייסט פון דעם זשרנאל, האָט אפּגעדרוקט א לאנגן פעליעטאָן אין עטלעכע פארטזעצונגען אונטערן קעפּל „בין מוסף למחנה", פול מיט פיינער איראניע אף די פרומע בועלנאָס איירעסער טאטעס און זייערע הפקר'דיקע זינדלעך, וועלכע ווערן דערצויגן ניט צו גאָט, ניט צו לייט.

אין זיינע לייט־ארטיקלען, וועלכע זיינען מערסטנס געווען סעריעס גאנצע פון פּאָליטישע אפּהאנדלונגען אין שייכות מיטן ציוניזם, אדער פּאלעמיק מיט דער זיך אסימילירדיקער ארגענטינישער אידישער יוגנט, פלעגט זיך פון אנהויב דורכשלאגן א סאָצאליסטישע סימפּאטיע. שפּעטער אבער איז די דאזיקע רויטע נאטקע אלץ מער פארשוואונדן און עס האָט זיך אנגעהובן ווייזן אן אפענע קעגנערשאפט און אויך א גרינגשעצונג צו די ארבעטער און זייערע ארגאניזאציעס. עס פלעגט זיך גאנץ אפט דורכווארפן אין זיינע ארטיקלען אף זייער חשבון דער עפּיטעט „ערב רב".

ארטיקע פּאליטישע פראגן האָט „די יודישע האפנונג" זיך אויסגעהיט צו בארירן, אידן דארפן זיך ניט מישן אין פּאליטיק... אידן דארפן

גערן זיין אז מען טשעפּעט זיי ניט... פּונקט אזוי האָט די „יודישע האפּ־נונג“ געוואָרנט פון יעדער אידישער דעמאָנסטראַציע; וואס ווייניקער זיך וואָרפן אין די אויגן... ס'איז שווער פונדעסטוועגן צו זאָגן אז דאס איז געווען ציוניסטישע חכמה און ניט קיין פּחדנות?

איינמאָל האָט די „יודישע האפנונג“ גענומען א וואָרט אין א היגן פּאָליטישן ענין: דאָס איז געווען נאָך דעם נקמה אקט פון דעם אַנאַרכיסט שמעון ראַדאָוויצקי קעגן דעם פּאָליציי שעף ראַמאָן פאַלקאָן. „די יודישע האָפנונג“ האָט דאַן יאָ געפונען פאַר נויטיק צו רעאַגירן אויף דעם אקט, מיט א לייט־אַרטיקל פון בן יוסף: ידינו לא שפכו את הדם הזה.“

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר דער „ציוניסטישער חכמה“ פון יעקב יאָסעלעוויטש און זיין „יודישע האפנונג“ אז ווען די בוענאָס איירעסער פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט דער ראַדיקאַלן ציוניסטישן פּרויען פאַריין „התחיה“, געשטיצט פון דעם זשורנאַל „שטראַלען“, האָט אין 1913 אויפגעהויבן דאָ א פּראָטעסט באַוועגונג קעגן דעם שענדלעכן צאַ־רישן ביילים־פּראָצעס, האָט יאָסעלעוויטש איינגעלעגט וועלטן אז מען ברענגט דערמיט אַן אומגליק אויף די אידן אין אַרגענטינע. באַזונדערס נאָך ווען די אָרגאַניזאַטאָרס פונם פּראָטעסט, האָבן איינגעלאַדן אלס רעד־נער אַנגעזעענע ניט אידישע פּערזענלעכקייטן, און דער זשורנאַל „שטראַ־לן“ אונטער דער רעדאַקציע פון דעם שרייבער פון שורות און פּ. שפּרינ־בערג, האָט אָרגאַניזירט אַן אַנקעטע צווישן די היגע וואָרט זאָגער אין דער פּאָליטיק, זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור וועגן דעם ביילים־פּראָצעס.

בנוגע דער יק'א, וועלכע איז אין אַרגענטינע א הויפּט טעמע פאַר זשורנאַליסטן, האָט ער געהאַט צו זאָגן נאָר גוטס און האָט עפנטלעך געטאַדלט דעם קאַמף וואָס ל. כאַזאַנאָוויטש האָט דאָ אויפגעהויבן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די קאָלאָניסטן און פאַר א אינטערווענץ פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין איר פאַרוואַלטונג.

באַם אויסברוך פון דער וועלט מלחמה, האָט יאָסעלעוויטש געלאָזט הערן זיין קול פאַר פרידן, לייגנדיק גרויס האפנונג אויף דעם האַאַגער „טעמפּל פון פרידן“ און אַרויסגעלאָזט א בראָשור וועגן דעם ענין אונטערן טיטל „אין טיפן אָפּגרונד“. דעמאָלט האָט יאָסעלעוויטש אפילו געבראַכן

זיין מורא פאר דער ניט אידישער עפנטלעכקייט און די בראשור אויך אפגעדרוקט אין שפאניש.

א וויכטיק פלאץ אין זיין טעטיקייט האט פארנומען די הילפס אקציע פאר די מלחמה און פאגראם געליטענע בא וועלכע ער איז געווען איייניקע יאר אויך פרעזידענט און קאסיר.

„די יודישע האפנונג" וועלכע איז פון אנהויב דערשינען אלע חודש, איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין א צוויי־וואכנטלעכן זשורנאל און אנהויב 1912 אין א וואכנטלעכן.

כדי די ארבעט באם זשורנאל זאל זיך ניט לעגן שווער אף דעם שוין איינגעמאטערטן יאסעלעוויטש, האט די ציוניסישע פעדעראציע דאן אראפגענומען פון אים די רעדאקציע און זי איבערגעגעבן צו א קאלעגיע, אין וועלכער עס איז געווען אחוץ יאסעלעוויטשן, נ. געזאנג, אדער גזנג, ווי ער פלעגט זיך שרייבן אין העברעאיש, כאטש ער איז דערין קיין גרויסער מאדים ניט געווען און יוסף לוצקי. יאסעלעוויטש האט זיך אבער אף זייביידן ניט געוואלט פארלאזן, ניט בנוגע סטיל און ניט בנוגע אויסלייגעכץ. דער ערשטער איז א גאליציאנער, האט גוט געקענט די הערצל ליטעראטור אין דייטש, נאר אין אידישער ליטעראטור שטומפּיק; דער צווייטער — א פאדאליער יונגערמאן, האט געליינט אסאך, סאי העברעיש, סאי אידיש און האט אפילו איבערגעזעצט פאר „די אידישע האפנונג" קלויזנערס א רייע ארטיקלען אדער איינדרוקן פון ארץ ישראל, אבער אזוי רוי, אז יאסעלעוויטש האט דאס ניט געקענט פארליידן. אף זיין פאדערונג, איז צוגענומען געווארן א ספעציעלער טעכניקער אין דער רעדאקציע, וועלכער האט שוין אין דער זעלבער צייט געהאט די אויפגאבע פון א קארעקטאר און פון אן איבערזעצער; די ציוניסטישע ידיעות פלעגן זיין געשריבן אין דייטש. צוערשט איז דאס געווען דער דיכטער ב. לאפין, וועלכער האט אין יענער צייט געוואוינט איז בוענאס איירעס, דערנאך איז דער טעכנישער רעדאקטאר געווען דער שרייבער פון די שורהס, אין משך פון אייניקע חדשים, ביז „די אידישע האפנונג" האט געליטן א געוויסע הפסקה, צוליב דעם וואס די דרוקעריי (פאר יאסעלעוויטשעס געלט איינגעארדנט און פון נ. געזאנג פארוואלטעט) האט זיך אויפגעלעזט.

אין 1917 איז דער זשורנאל פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנ־בלאַט, אונטערן נאָמען „די אידישע וועלט“ און האָט איננאַנצן אויסגע־טון פון זיך די שליטה פון יעקב יאַסעלעוויטש, וואָס זיין אָרט אינם ציוני־ניזם האָבן שוין אויך פאַרנומען אַנדערע, מיט מער חוש און חשק פאַר דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן נוי־טיקן, ווערנדיק אַ טייל פון דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק.

געשטאָרבן איז יעקב יאַסעלעוויטש אין זיינע זיבעציקער יאָרן, אין אַ טראַגישן מאָמענט, אַ פּאָר חדשים נאָך דעם פּאָגראָם אין יאַנואַר 1919, פילנדיק זיין אומבאַהאָלפנדיקייט, אַלס אָנגעזעענסטער אין דער ציוניס־טישער און אַלגעמיין אידישער געזעלשאַפט, צו ווירקן אין אַזאַ אומרוי־קער צייט, מיט דער מורא, אַז די פאַנאַנדערגעוואַקסענע ציוניסטישע באַוועגונג נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז ניט מער ווי „אַ בינד שטרוי, וואָס ווערט אָנגעצונדן און טוט מיט אַמאָל אַ פלאַקער און ווערט דערנאָך אויסגעלאָשן...“ און צוזעענדיק ווי זיין „אידישע האָפנונג“ איז איבערגעגאַנגען אין פרעמדע הענט, צו וועלכע ער האָט קיין צוטרוי ניט געהאַט.

די באַלפור דעקלאַראַציע האָט בכלל צוגעצויגן צום ציוניזם אין אַרגענטינע גאָר נייע עלעמענטן; די זעלבע אַרויפגעאַרבעטע קרעמער וואָס האָבן ביז דעמאָלט געזעען זייער געזעלשאַפטלעכע קאַריערע בלויז אין קהילה אידישקייט, האָבן איצט, נאָך מער אַרויפגעאַרבעטע אַ דאַנק דער מלחמה, געזוכט צו פיגורירן אַלס ציוניסטן; די אידישע שטודירנדיקע יוגנט, וואָס האָט אין 1910 געפּאַטריאַטעוועט איבער די בוענאָס איירע־סער אידישע גאַסן צוזאַמען מיט די אַרגענטינישע, האָקנדיק שויבן פון אידישע ביבליאָטעקן און רייסנדיק זייערע ביכער, זיינען איצט געוואָרן ציוניסטן: אַפילו די טעמפּל אידן וועלכע זיינען שטענדיק געווען אַסי־מילאַטאָריש און אַנטיציוניסטיש, האָבן זיך גענומען רוקן צום ציוניזם. און עס איז דאָך ניט קיין קליניקייט: אַף אַ ציוניסטישן אַקט איז איינ־געלאַדן געוואָרן און געקומען דער ענגלעשער געזאַנדטער. דער טעמפּל ראַבינער האָט גענומען פּריידיקן ציוניזם אין זיינע יום טוב דרשות, אַ האַלבע מאה אידישע לעגיאָנערן פאַר פּאַלעסטינע זיינען אַפּגעפאָרן, און

דער רייכסטער פון די טעמפּל אידן, דער פילם מאַגנאַט, מאַקס גלוקס־מאַן, האָט פאַר זיי געפּראַוועט אַ באַנקעט בײַ זיך אין פּאַלאַץ וואָס גע־פינט זיך אויף דער אַריסטאָקראַטישער גאַס, און ווידער אײַנגעלאַדן דעם ענגלישן געזאַנדטן. די ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן גיין צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, צוזאָגן אים שטיצע בײַ די וואַלן און בעטן בײַ אים זײַן הסכמה צום ציוניזם, און די הסכמה איז ווידער אויסגענוצט געוואָרן אַלס פּאַמפּע אינם ציוניסטישן טאַראַראַם. און אין מיטן טאַראַראַם איז יעקב יאָסעלע־וויטש געשטאָרבן.

„דער אוואנגארד"

(1920—1908)

אין אויגוסט 1908 האָט אין בוענאָס איירעס אנגעהויבן דערשיינען א חודש זשורנאל אונטערן נאָמען „דער אוואנגארד", אָרגאַן פון דער סאָציאליסטישער ארגאניזאציע „אוואנגארד", וועלכער קען זיך בארימען צו האָבן עקזיסטירט לענגער ווי וועלכער עס איז אנדער פארטיי־זשורנאל אין ארגענטינע; מיט פארשידענע הפסקות, וואס האָבן זיך אמאל פארצויגן אף א יאר צייט, צוליב דעם פעלן פון געלט־מיטלען, האָט „דער אוואנגארד" עקזיסטירט ביז סוף 1920. כמעט זינט דער גרינדונג פון דער ארגאניזאציע (1907) ביז איר אונטערגאנג; אדער בעסער געזאגט ביז זי איז אויפגעלייזט געווארן אין דער אידישער סעקציע פון דער ארגענטינישער קאָמוניסטישער פארטיי.

דעם נאָמען „אוואנגארד" דארף מען זוכן אין דער איבערזעצונג פון דעם נאָמען „לא וואנגוארדיא", אָרגאַן פון דער סאָציאליסטישער פארטיי אין ארגענטינע.

מיט דעם געזאגטן, וויל איך באטאָנען דעם כאראקטער פון דעם זשורנאל, ווי פון דער ארגאניזאציע וואס האָט אים ארויסגעגעבן. דאָס איז געווען אן איבערגעזעצטער זשורנאל פון אן איבערגעזעצטער פארטיי. כדי מען זאל מיך שלעכט ניט פארשטיין, וויל איך דאָ דערקלערן אז אינם זשורנאל זיינען כמעט ניט געווען קיין איבערזעצונגען, אלץ איז געווען פון אייגענע פארטיי־מענטשן אף אידיש געשריבן, סאי די ארטיקלען פון די ארטיקע פארטיי־מיטגלידער, סאי פון די אויסלענדישע חברים,

ווי, אָלגין, צביון, וולאַדעק, א. א. דאָס וואָרט איבערזעצונג באַנוץ איך דאָ אינם ברייטערן זין פון איבערזעצן די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק פון דעם אויסגעוואַנדערטן און איינגעוואַנדערטן אַמביענט אויף די באַדערפעניִשן פון די איינגעוואַנדערטע אידישע מאַסן.

די אָרגאַניזאַציע האָט געליטן פון געזעלשאַפטלעכער ניט פאַרדייאונג, ניט איינלעבונג, דער זשורנאַל האָט געליטן פון געדאַנקלעכער און שפּראַכלעכער ניט פאַררייאונג, וואָס איך מיין, אַז אַ חוץ דער אומבאַהאַלפנקייט פון דעם רעדאַקטאָר, האָט דאָ אַיינס אַ שייכות מיט דאָס צווייטע.

פון די מיטאַרבעטער וואָס איך האָב אויבן אויסגערעכנט, איז שוין צו זען אַז דער זשורנאַל, ווי די אָרגאַניזאַציע זיינען געווען בונדישע.

אגב, שרייבנדיק וועגן דעם „אַוואַנגאַרד“ באַלד נאָך די זשורנאַליסטישע פּרוּוון פון די ס. ס. אין אַרגענטינע, קומט מיר אַפּן זינען דער ווייטער כאַראַקטעריסטישער מהלך צווישן די צוויי סאָציאַליסטישע אידישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע אָרגאַנען. איינע — אַ זוכערישע, כ'וואָלט געזאָגט אַן אַוואַנטיוריסטישע, אַן אַלץ אַרומכאַפּנדיקע, האָט געזוכט אַן אַלץ ברייטערע ספערע פאַר איר טעטיקייט. די מיטלען דערצו — דראַסטישע; באַלד אַ טעגלעכע צייטונג און ניט ווייניקער. זי איז באַלעבט געווען פון אַ אונטערנעמערישן גייסט. און ווי אַנדערש האָבן געקענט זיין אין דעם נייעם לאַנד עס־עסאָווצעס, וואָס זייער פּאַרטיי האָט געמאַכט מנחם מענדלשע פּלענער פון גרויסער קאָלאָניזאַציע הינטער די הרי חושך, פון שיפן און באַנקן! און אַז די אונטערנעמונגען זיינען ניט צו שטאַנד געקומען, האָט זיך די פּאַרטיי אויפגעלייזט, איבערלאָזנדיק דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירן, עמיגרירן און זיך קאָלאָניזירן אָן איר הילף. און אַז באַ אונדזערע אַרגענטינישע עס־עסאָווצעס האָט געפּלאַצט די אונטערנעמונג פון זייער טעגלעכער צייטונג, זיינען זיי אויך אַוועק צו דער געשיכטע און איבערגעלאָזט די אידישע עמיגראַנטישע מאַסן זיך איינאָרדנען אָן זיי.

די צווייטע, וועלכע האָט זיך געגרינדעט כמעט אין דער זעלביקער צייט, איז געווען פּונקט דער היפך: אירע גרינדער, איינס אין איינס אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, האָבן זיך פאַרגענומען פאַרטזעצן די מסורת אבות, די טראַדיציע פון דער היים, די געבאָטן פונם „בונד“, וואָס האָט געהייסן

זיין געטרייע, געהאָכזאמע „סאָלדאטן פון דער פריוהייטס ארמיי" אונ־טער זיין אויפזיכט און דיסציפּלין, און זיי האָבן געהאָרכזאם געדינט דעם „בונד", פּונקט ווי זייערע פרומע טאטעס האָבן געטריי געדינט דעם רבונו של עולם, טראגנדיק דעם יאָך פון דאוונען דריי מאָל אין טאג. און אזוי ווי דער „בונד" האָט געהייסן זיין סאציאליסטן אף אידיש, האָט די בונ־דישע ארגאניזאציע „אוואנגארד" לויט דעם געבאָט געגרינדעט איר חודש זשורנאָל, און האָט געטון אלץ וואס אין אירע מעגליכקייטן דעם זשור־נאָל אויפצוהאלטן.

פארוואס האָט די ארגענטינישע ארגאניזאציע פון „בונד" ניט גע־רופן זיך מיט איר אייגענטליכן נאָמען? א פּאר ארטיקלען אינם „אוואנ־גארד" דערקלערן דאָס: ארגאניזאציע פון „בונד" אין ארגענטינע וואלט געשטערט די בונדישע טעאָריע, אז עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעך אי־דיש פאלק, נאָר אידישע פעלקער און צום לאנגן נאָמען פון „אידישע אר־בעטער בונד פון רוסלאנד, ליטע, רייסן און פּוילן", צושטעלן ארגענטינע, עסטרייך, פאראייניקטע שטאַטן א. א. איז ניט באקוועם און... פּשוט לעכער־לעך. אן אויסוועג אף צו קאנסערווירן דעם נאָמען פון „בונד" איז געווען, אנצורופן זיך ארגענטינישער קאָמיטעט פון אויסלענדישן „בונד", אדער הילפס־קאָמיטעט פארן „בונד"; אבער דאָס וואלט ניט געווען אמת, ווא־רום די גרינדער האָבן זיך געקליבן דאָ צו אנטוויקלען א טעטיקייט אף דעם געביט פון פּראָפעסיאָנעלער ארגאניזירונג און ארטיקער סאציאליס־טישער ארבעט בכלל, צופּאסנדיק זיך צו די ארטיקע אומשטענדן און האָבן אויך געהאט אין אויסזיכט אנצושליסן זיך אין דער ארטיקער סאָ־ציאליסטישער פּארטיי מיט אויטאָנאָמע רעכטן, פּונקט ווי עס איז געווען אנגעשלאָסן דער „בונד" אין דער רוסלענדישער סאציאל דעמאקראטישער פּארטיי.

אט די צוויי טעמים, אלזא, כדי ניט צו זינדיקן חלילה מיט „ציוי־ניסטישער" איינהייטלעכקייט און אלוועלטלעכקייט פון אידישן פאלק און כדי צו קענען אריינטרעטן אלס זעלבסטשטענדיקע אידישע סאציאליס־טישע ארגאניזאציע אין דער ארגענטינישער סאציאליסטישער פּארטיי, האָבן מיר צו פארדאנקען אזא אידישע סאציאליסטישע ארגאניזאציע מיט דעם נאָמען „אוואנגארד", וואס פיגורירט זיכער ניט אין דעם צעטל פון

געשיכטע שרייבער פון דעם כאציאליזם בא אידן און עס וואלט זיכער געווען א פעלער ווען די דאזיקע ארגאניזאציע וועלכע האָט עקזיסטירט אין אַרגענטינע גאנצע דרייצן יאָר, זאל אין דער געשיכטע פון אידישן סאָציאַליזם פעלן.

די אפטע ווענדונגען פון דער ארגאניזאציע „אוואנגארד“ אננעשלאסן צו ווערן אלס אויטאָנאָמע ארגאניזאציע אין דער סאציאליסטישער פארטיי, זיינען געווען אומזיסטע. די ארגאניזאציע האָט זיך דערביי אנגעשלאגן אף דער אסימילאטארישער שטימונג פון דער פאמיליע משערטקאָוו, וועלכע האָט מקיים געווען מצוות כאציאליזם דערמיט וואס זי האָט זיך כפל שמונהדיק משדך געווען מיט די פירער פון דער סאציאליסטישער פארטיי; מיט דער ארגענטיניזאטאָרישער ריכטונג פון דער פארטיי, וועלכע שטייט ניט אפ נאָך ביז היינטיקן טאג, פון די רעאקציאנערסטע ארגענטינישע פאטריאָטן אין דער הינזיכט פון זוכן צו אסימילירן און פארשמעלצן קולטורעל די איינגעוואנדערטע פון די פארשידענסטע נאציאנאליטעטן און קוקט קרום אף דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון די אויסלענדישע קאלאניעס אין זייערע שפראכן; זי האָט זיך אויך אנגעשלאגן אף דער קאנקורענץ פון די אידישע איסקראווצעס, וועלכע האָבן אפגענגעבן זייער אנשליסונג אלס ארגאניזאציע אין דער פארטיי, פאר ביליקער, ניט אף די רעכטן פון אן אויטאנאמער ארגאניזאציע, נאר אף די רעכטן פון יעדן איינעם צענטער, וואס פארמירן די צענטראלע פון דער פארטיי.

פונדעסטוועגן, אז מען מישט דורך דעם „אוואַנגאַרד“ און די טעטיקייט פון דער ארגאניזאציע, איז עס ניט נאָר פארשטענדלעך צוליב וואס די דאזיקע ארגאניזאציע האָט פאר זיך אזוי עקשנותדיק געפאדערט די אויטאָנאָמיע, כיידן מען דערקלערט דאָס מיט דער בלינדער געטרייקייט צו דער בונדישער פראקטיק אין רוסלאנד ווי צו א דאָגמע, אדער ווי צו א „מצוות פרה אדומה“. די ארטיקלען רעדן וועגן אלגעמיינע סאציאליסטישע און ארבעטער פראבלעמען און אינטערעסן, וועגן אכט שעהדיקן ארבעטס־טאג, וועגן אינטערנאציאנאלער כאלידאַריטעט, פאראַן אלגעמיין פאליטישע איבערזיכטן, אויסלענדישע און ארטיקע; אידישע פראב־

פראלעטאריער אלע לענדער פאראייניגט אייך!

דער
אוואנגארד
מאנאטשריפט

הערויסגעגעבען פון די

יודישע סאציאל-דעמאקראטישע ארבייטער ארגאניזאציאן אין ארגענטינא (אוואנגארד).

אוגוסט 1908

אינהאלטס פערצייכניס

וואס ווילען מיר?

צי איז מעגליך די נאציאנאל פראגע וויסענשאפטליך צו לעזען?

די פאלשע האפנונג — פון קאפלאנסקי

צו די צוקונפט — פון כ. פרוכקין

רעמאנסטראציאן, איין ערציהלונג פון שמחה

די געשיכטע פון די אידישע סאציאל-דעמאקראטישע ארבייטער ארגאניזאציאן אין ארגענטינא „אוואנגארד" — פון פ. וואלד

נאטיצען.

בוענאס איירעס

פרייז: איינצעלנער נומער 0:20 סענט

דרוק פון וו. זיסלין לאוואיע 1124

לעמען און געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען זיינען ניט קאמענטירט, ניט באַרירט.

איין פרינציפּ נאָר א פעסטן און א באוואוסטזיניקן, וואס האָט ארויסגעדרונגען פון דער נויטווענדיקייט, האָט די ארגאניזאציע „אוואנגארד" געהאַט: אידיש. פאר דעם פרינציפּ אדער פאר די רעכט פון אידיש האָט „אוואנגארד" געפירט א העפטיקן קאמף מיט די אידישע איסקראָוועצעס און עס־עראָוועצעס, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאמען געגרינדעט און פארוואלטעט די „ביבלאָטעקא רוסא" (רוסישע ביבלאָטעק) אין שמאלן געסל לאַ פּאַז, נומער 43, אנהויב 1906. דער קאמף איז געגאנגען פאר אויסשרייבן אידישע ליטעראטור (בונדישע בראָשורן) און אידישע צייטונגען, און אויך פאר דער שפּראך בעת די פארוואלטונגס זיצונגען.

קיין אנדערע אידישע פּראבלעמען האָבן פאר דער ארגאניזאציע „אוואנגארד" און דעריבער אויך פארן זשורנאל ניט עקזיסטירט. זיי האָבן זיי פשוט איגנארירט. עס איז כאראקטעריסטיש אז אין יענעם פּעריאד פון אידישן ארגאניזאציאנס לעבן וועלכער צייכנט זיך אויס מיט די דיסקוסיעס צווישן די אידישע פּארטייען, האָבן דאָ אין ארגענטינע די בונדיסטן כמעט קיינמאָל ניט דיסקוטירט מיט די ס. ס. און פּועלי ציון. זיי האָבן זיי אויסגעמיטן ווי „שאָוועניסטן", זיי פארמישט מיט ציוניסטן...

איך זאג כמעט, ווייל איך געדענק איינעם א וכוח, כמעט א געשלעג פון די מיטגלידער פון „אוואנגארד" מיט די פּועלי ציון בעת א רעפעראט פון לעאָן כאזאנאָוויטש, וועלכער איז דאן געווען אף זיין בארימטער רייזע אין ארגענטינע. דער וכוח איז דעמאלט געגאנגען ארום די באגריפן „נאציאנאל" און „נאציאנאליסטיש", וועלכע האָבן בא די רעדאקטארן פון „אוואנגארד" געהאַט איינע און די זעלביקע באדייטונג. ס'איז א מין שפּראך־שאַטירונג, האָבן זיי געזאגט, אף וועלכן זיי זיינען באמת געווען קליינע מבינים, נאָרביידע טערמינען זיינען אלציינס פסול פאר כשר'ע סאָציאליסטן.... מער קיין וכוחים זיינען אויך מיט לעאָן כאזאנאָוויטש ניט געפירט געווארן; זיי זיינען איבערהויפּט מער ניט געקומען צו זיינע רעפעראטן, מחמת, ווי זיי האָבן געזאגט, האָט זיי כאזאנאוויטש אנגערופן טפשים. דער אמת איז געווען אז בעת זיין ענטפער, האָט ער געזאגט

אז זיי זיינען „טיפּישע“ בונדיסטן, וואס זיי האָבן פּארמישט מיט „טפשים“.

ווי ווייט פסול עס איז געווען באם „אוואנגארד“ אידישע פּראב־לעמען, איז געווען צו זעען פון דעם שטוינען מיט וועלכן די רעדאקטארן האָבן אויפגענומען די אפּיקורסות פון דעם בונדיסט פּראָפעסאָר הירש פון געגנף, וועלכער האָט געמאכט א שטודיום פון דער אידישער עמיגראציע, א פּראָבלעם וואס נאָר די שאָוועניסטישע, נאציאנאלע, נאציאָנאליסטי־שע ס. ס. און פּועלי ציון פארנעמען זיך מיט אים, און האָט דאָס נאָך בפירוש פארגעשלאגן גאנץ חבריש די חברים פון דער ארגאניזאציע „אוואנ־גארד צו באנוצן זיך מיט דער ארבעט זיינער פאר זייער אָרגאָן.

א גרויסע ענדערונג, אפילו א גאנץ פארזיכטיקע, טרעט אריין אינם זשורנאל מיט א פאר יאר שפּעטער. אין דער אלטער היים זיינען באם „בונד“ וויכער געווארן זיינע שטרענג פּראלעטארישע ביינער, אדער ווי האָט מען דעמאָלט בא אונדז געזאגט, ער איז קראנק געווארן אף אידיש־קייט. עס זיינען אנגעקומען פרישע חברים בונדיסטן פון פּוילן, וועלכע האָבן דאָ גערעדט א כמעט ניט פארשטענדלעכע שפּראך פאר די פריער־דיקע חברים, ממש נאציאנאליסטישע רייד וועגן אידישער קולטור, וואס האָבן מבלבל געווען די מחות פון דער היגער אלטער בונדיסטישער גוואר־דיע, וועלכע איז אויסגעוואקסן אף דער אלטער בונדישער פּראָפּאגאנדע, וואס האָט ניט גערעדט פון עפּעס אנדערש ווי נאר פון שטרייק, פון אכט שעהדיקן ארבעטס־טאג אף אידיש. דער בונדיסט ליטווין האָט געשריבן פון אידישע נשמות, דער בונדיסט דוד איינהארן פון אידישן בעל תפלה, די בעריאזקעלע אין וואלד אפילו האָט בא אים געדאוונט און אלץ האָט זיך פרום אידיש געדבה'קעט. און, מערקווירדיק, זיי האָבן געהאט דעם פּאטענט פון דער פּארטיי...

דער זשורנאל „אוואנגארד“ האָט ניט אריינגעלאזט צו זיך אָט די קראנקהייט, אט דעם דבוק פון אידישער ראמאנטיק וואס האָט זיך בא־זעצט אין „בונד“ דורך זיינע ווייטערס, ליטווינס און איינהארנס, ער האָט אָבער אָנגעהויבן באציען זיך נענטער צו דער היגער אידישער קול־טור ארבעט, פון וועלכער ער איז פריער געשטאנען פונדערווייטן און אפּי־לו זי אויסגעלאכט. די באציונג איז אגב ווייטער פון דער טעכניק פאר דער

קולטור ארבעט ניט געגאנגען, דער „אוואנגארד" האָט אויפגעהויבן א איניציאַטיוו צו גרינדן א „קולטור פעדעראציע" אין ארגענטינע, וואס האָט געזאלט זיין א פארייניקונג פון ביבליאָטעקן און קולטור־צענטערן צו־ליב אויסטויש פון ביכער און קעגנזייטיקן שאפן פון מיטלען פאר זייער אויסהאלט. דער „אוואנגארד" האָט אפילו אגיטירט פאר אנגעבן זיך אלס אידן בעת דער פאלקס־ציילונג אין 1914, ארבעטנדיק דערביי האַנט אין האַנט מיט די פועלי ציון.

נאָך ווייטער און דער „אוואנגארד", האָט שוין אפילו באגריסט דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראטור, מענדעלי מוכר ספרים, צו זיין 80 יעריקן יובילעאום. אין א נומער פונם „אוואנגארד" אין יאר 1916, קענט איר זען מענדעלים בילד און אונטערגעשריבן, אומגעפער:

„פון דעם דרייעקיקן שטיקל לאנד ארגענטינע, שיקן מיר אונדזער באגריסונג מענדעלי מוכר ספרים, שלום יעקב אבראמאָוויטש, צו זיין 80 יעריקן געבורטסטאג".

צי האָט דער רעדאקטאר פונם „אוואנגארד" געוואלט מיט דעם „דרייעקיקן שטיקל לאנד" אונטערשטרייכן זיין אנטינאַציאָנאַליזם, ד. ה. אז ער באטראכט ארגענטינע נאר פאר א געאגראפישן באגריף, ניט פאר קיין נאציע חלילה, אדער ער האָט מיט דעם דרייעק געוואלט געבן א באגריף וועגן ארגענטינישן קולטור צושטאַנד, ארויסגעקומען איז דער־פון א זעלטענע כאראקטעריסטיק פונם רעדאקטארס דעמאלסטיקע קולטור באגריפן.

בנוגע פאליטישע פראגן קען מען דערפאר ניט זאגן אז דער זשור־נאל זאל אראפּ פון זיין אָנגעצייכנטער ליניע.

ערשט ווען אין דער ארגענטינישער סאציאליסטישער פּארטיי איז געשען די שפאלטונג, וועלכע האָט געבוירן די קאמוניסטישע פּארטיי, האָט זיך אויך די ארגאניזאציע „אוואנגארד" פארנומען לינקס. שפּעטער האָט זי זיך אויך געשפאלטן אף קאמוניסט־ישע בונדיסטן מיט דער אלטער פאדערונג פון ארגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע און אף אנהענגער פון דער ארגאניזאציאנס פארם פון נאַציאָנאלע סעקציעס בא די קאמוניסטישע פּאר־טייען. געזיגט האָבן די לעצטע און דער „אוואנגארד" איז געווארן דער אָרגאַן פון דער ארגענטינישער אידסעקציע בא דער קאָמוניסטישער פּאר־

טיי, אונטער דער רעדאקציע פון מ. יאראשעווסקי, ביז דער לעצטער איז ענדע 1920 אפגעפארן קיין סאוועט־רוסלאנד, און דאן אויך האָט דער „אוואנגארד" אויפגעהערט צו דערשיינען.

פון זינט דער „אוואנגארד" איז געגרינדעט ביז ער איז איבערגעגאנגען אונטער דער רעדאקציע פון מ. יאראָשעווסקי, איז ער געשטאנען אונטער דער הויפט רעדאקציע פון פעדראָ (פנחס) וואלד, ניט רעכענענדיק די ערשטע נומערן וואס זיינען רעדאקטירט געווען פון שמואל קאפלאנסקי, וועלכער איז שפעטער געווארן רעדאקטאָר פון א רוסישן וואכנבלאט). בא דער נאָנטער מיטארבעטערשאפט פון מ. ראָזען, ש. קאַפלאנסקי, ש. גרינגלאָז (ארטור עפשטיין). דער לעצטער האָט געשריבן דערציילונגען פון ארימען פאלקס לעבן. אויך פ. וואלד האָט געשריבן דערציילונגען אין „אוואנגארד" אונטערן פסעוודאָנים סעלוואַ (די שפאנישע איבערזעצונג פון וואלד).

וועגן דעם כמעט שטענדיקן רעדאקטאר פון „אוואנגארד", פ. וואלד, קען מען זאגן אז זיין גייסטיקע פיזיאנאמיע און זיין אנטוויקלונג, איז אפגעשפיגלט אינם „אוואנגארד" מיט זיין געטריישאפט צו דער דאגמע, אומבאהאלפנקייט אין שפראך, וואס האָט א שטארקע שייכות מיט זיין דאָגמאַטישקייט, אויך פּאָליטישער קאָנסטאַנץ, געטריישאפט און אויסדויער.

איך געפין פאר ניט איבעריק, בעת איך רעד וועגן דער פערזענליכקייט פון פ. וואלד, צו דערמאָנען אז אין יאנואר 1919, בעת די ארגענטינישע רעגירונג פון פרעזידענט איריגאָזשען האָט ארגאַניזירט אין בוענאָס איירעס א שחיטה אף אידן, קאטאלאָנער און ארבעטער, כדי צו דערוויזן זיינע רעגירונגס פעהיגקייטן, און האָט צוליב דעם סימולירט די אנטדעקונג פון א באלשעוויסטישער רעוואלוציע, איז פ. וואלד ארעסטירט געווארן, און באקומענדיק אין דער פאליציי דעם טיטל פון פרעזידענט פון דער ארגענטינישער סאוועטן רעפובליק, איז ער דאָרט געפייניקט געווארן כמעט ביז צום טויט, דורך אזעלכע ראפינירטע פיין־מיטלען וואס די הייליקע אינקוויזיציע האָט פון זיי ניט געוואוסט, און זיין קאנסטאנץ און אויסדויער איז ניט געבראכן געווארן.

בלויז דער זיג פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע אינם ראטנ־פארבאנד און די ראטנפארבאנדישע פאליטיק בנוגע די נאציאנאליטעטן בכלל און בנוגע אידן בפרט, האט געקענט ענדערן אף א צייט די סאציאליסטישע ליניע אף וועלכער פ. װאלד איז די גאנצע צייט פון זיין געזעלשאפטלעכער און זשורנאליסטישער ארבעט געגאנגען.

פ. װאלד איז כמעט זינט דער גרינדונג פון „די פרעסע" (1918) א רעדאקציאנס מיטגליד אין דער דאזיקער טעגלעכער צייטונג.

„די שטימע פון אַוואַנגאַרד"

(1909)

לויטן נאָמען קען מען „די שטימע פון אוואנגארד" אָננעמען פאר אַן ארגאַן פון דער ארגאניזאציע „אוואנגארד"; עס איז אבער פונקט פאר־קערט, דער נאמען איז געווען פון א חודש־ארגאן ארויסגעגעבן פון אן ארגאניזאציע, וועלכע האט געפירט קאנקורענץ מיט דער פריער דער־מאנטער.

ווי איך האב שוין אין פריערדיקן קאפיטל דערמאנט, האבן די אידישע איסקראווצעס, פונקט ווי די בונדאווצעס פונם „אוואנגארד", געשתדלנט בא דער סאציאליסטישער פארטיי אריינגענומען צו ווערן צו איר אלס א באזונדער קערפערשאפט. די שתדלנות פון די איסקראווצעס האָט געהאַט מער דערפאלג און עס איז זיי באוויליקט געווארן צו בילדן א רוסישן סאציאליסטישן צענטער אין דער פארטיי. ערשטנס, האבן זיי ניט געפאדערט פאר זיך קיין אויטאנאמיע, ווי די בונדאווצעס; צוויי־טנס, איז רוסיפיקאציע בא די „אוטשאנע יעווריייעס" פון דער ארגענטיני־שער סאציאליסטישער פארטיי פון שטענדיק געווען א סינאָנים פון פראג־רעס און ציוויליזאציע און אידישער נאציאנאליזם און שאוועניזם האָט גע־הייסן אידיש ריידן; דריטנס, און דאָס איז אפשר געווען דער שטארקס־טער מאָטיוו, איז רוסיש אין ארגענטינע גארניט אזוי געפערלעך פאר דער ארגאַניזאַטאָרישער פאליטיק פון דער פארטיי.

נאָר דאָ קומט דער שפאס פון דער געשיכטע, אדער בעסער געזאגט דער פאַטש אין פנים וואס די געשיכטע האָט געגעבן די רוסיפיקאטאָרס מיט די ארגענטיניזאַטאָרס צוזאמען. דאָס פעלד אף וועלכן די רוסיפיקאטאָרי־

שע מיטגלידער פון דער ארגענטיניזאטאָרישער פארטיי האָבן זיך אונטערגע־נומען צו פירען זייער טעטיקייט איז געווען די אידישע ארבעטערשאפט, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ניט אלע אידישע ארבעטער זיינען פון קאָ־טערינאסלאוו און פון אָדעס און אפילו די וואס האָבן ערשט צוריק מיט צוויי יאר געריידט מאלדאוואנקע־רוסיש, פארפלאנטערן זיך מיט שפאניש און באקוועמער ווי אלץ פילן זיי זיך מיט זייער מאמע־לשון. ס׳איז קיין אנ־דער אויסוועג ניט געווען ווי נאר צו ווענדן זיך צו זיי אף אידיש.

מילא, דאָס ריידן ווי דאס ריידן, די רוסיש ריידנדיקע איסקראָוו־צעס, האָט זיך ארויסגעוויזן, זיינען גארניט אזעלכע שלעכטע רעדנער אין אידיש, ניט אזוי אָבער איז מיט שרייבן: ניט ריכטיק ארויסגערעדטע רייד, פארפליען, געשריבענע פארבלייבן, און דאָס מוז מען זאגן, זיי האָבן געהאַט א פאראנטווארטלעכע באציונג צום געדרוקטן ווארט. און אזוי ווי זיי האָבן צווישן זיך ניט געפונען ווער עס זאל נעמען אף זיך די ראל פונם רעדאקטאר פון אידישן אָרגאַן, האָבן זיי מקרב געווען דעם געוועזענעם עס־עסאָווער נח וויטאל, וועלכער האָט דעמאָלט שוין געהאַט אנ־געשריבן עטלעכע דערציילונגען פון ארגענטינישן פעלד און לידער, און אים געמאכט פארן רעדאקטאר.

מער ווי לידער און דערציילונגען האָט אָבער דער רעדאקטאר ניט געטאָרט געבן פון זיך אליין, דאָס איבעריקע מאטעריאל איז באשטאַ־נען פון לאנגע אבסטראקטע טעאָרעטישע ארטיקלען געשריבן אין רוסיש פון אַאידאַ באָנדאראָוו, שיינער און אנדערע און שפאנישע, געשריבן פון דעל וואַליע איבערלוסעאַ, דיקמאַן א. א., וועלכע ער האָט געזאלט אי־בערזעצן. דערין איז אים צוהילף געקומען דער שרייבער פון די שורות.

נאָך פינף נומערן האָט „די שטימע פון אוואנגארד" זיך אפגעשטעלט. צי דערפאר וואס דער ריין טעאָרעטישער מאטעריאל האָט קיין לעזער ניט געהאַט, צו דערפאר וואס די ארגאניזאציע בכלל האָט קיין באדן ניט געהאַט, האָט קיין נייע מיטגלידער ניט באקומען און די אלטע זיינען זיך צעשוואומען אזוי שנעל ווי דאָס רוסיש ריידן האָט אויפגעהערט צו זיין בא זיי א וויכטיקער פאקטאר אין זייער געזעלשאפטלעכן און גייס־טיק לעבן, נאָר קיין אנגעזעענעם לאָך אין דעם אידישן ארבעטער לעבן און דער ארגענטינישער זשורנאליסטיק האָט ער ניט איבערגעלאזט.

„דאָס אַרבעטער לעבן“

(1908)

דער אנארכיזם איז צווישן די איינגעוואנדערטע אידישע ארבעטער און יוגנט אין ארגענטינע געווען פארטראָטן, קען מען זאגן, מיט אלע זיינע שאַטירונגען. דאָ איז געווען דער אומגעדולדיקער ארכי־רעוואלוציאָנער וועלטשטירצער, וואס האָט געפּרעדיקט „דירעקטע אקציאָן“ און דערמיט געמיינט א באָמבע, וואס זאל פארניכטן די „טיראַנען“ און א סוף מאכן צו די „וואַמפּירן“ און די „באַנדיטן“ די קאפּיטאליסטן און דאָס „קאָרופּטע געזינדל פון דער רעליגיאָן“ און צוזאמען מיט אים דער „אויפקלערער“, דער ראציאנאליסטישער דערציער... געווען איז דאָ דער „רעבעל“, דער מורד לשם מרידה, דער גייסט וואס בויגט זיך ניט, דער יאַט וואָס האַלט דעם קאפּ אין דער שטענדיקער פּאָזע פון אן ארויסרוף אלץ און אלעמען... און צוזאמען מיט אים דער קראָפּאָטקינער, וואס האָט מיושבדיק געפּרעדיקט קעגנזייטיקע הילף און קאָרפּאראַציע... געווען איז דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט, וואס האָט אין יעדן שטרייק געזעען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און אודאַי אינם גענעראַל שטרייק, און האָט מורא געהאַט פאר קעגנזייטיקער הילף, ווי פאר א סם המות וואס קען חלילה שטערן דער רעוואָלוציאָנערן אימפּעט פון די ארבעטער... געווען איז דער פרייער גייסט וואס האָט געחלומט וועגן אבסאָלוטער פרייהייט פארן „אינדיווידום“ און וועגן דעם „פרייען ווארט“ און האָט זיך פארלייענט מיט ניטשע און דער גלאַט יונגערמאנטשיק, דער ראָמאַנטיקער, וואס האָט זיך אָנגעלייענט מיט „שיינע ביכער“ און ס'האָט זיך אים געוואלט דאָס טעלערל פון'ם הימל, און ער איז צוגעשטאַנען צום אַנאַרכיזם, וואס האָט אים צוגעזאגט אלע טוגנ־

טן פון אַלע וועלטן און פון אַלע הימלען... עס האָבן אַפילו ניט געפעלט קיין אַנאַרכיסטן ציוניסטן, וועלכע האָן זיך אומגעדרייט ווי קוריאָזע עקזעמפּליאַרן צווישן די אַלע איבעריקע, וועלכע זיינען אין נאַציאָנאַלער הינזיכט געווען קאָסמאָפּאָליטן, און שפּעטער איז צוגעקומען דער אַנאַר־כיסט אידישיסט, וועלכער האָט זיך מתיר געווען דעם נאַציאָנאַליסטישן אידישיזם מיט דעם פּרינציפּ פון אינדיווידועלער פרייהייט, וואָס דאַרף גע־בן ניט נאָר יעדן אינדיוויד, נאָך אויך יעדער גרופּע די פרייהייט פון קול־טור־אויסדרוק. דער אידישיזם איז זיכער געקומען צו די לעצטע טראָץ יעדן פּרינציפּ, פּונקט ווי עס איז געקומען צו די אַנדערע אַנאַרכיסטן דער ציוניזם, טראָץ דעם פּרינציפּ פון אוניווערסאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט דער הערשאַפטסלאָזיקייט, דער גרונט פונם אַנאַרכיזם. דער אידישיזם האָט זיי באַהערשט מיט דער שפּע פון אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט בכלל אַנגעהויבן פאַרנעמען בא דער אידישער יו־גנט דאָס אָרט פון די סאָציאַלע אידייען און באַזונדערס פון אַזא סאָציאַלער אידעע ווי דער אַנאַרכיזם, וואָס האָט אַ קנאַפּן שייכות געהאַט מיט דעם רעאַלן לעבן.

בא היינטיקן טאָג טראָגט דער אַנאַרכיזם צווישן די אידישע אַרבעטער און יוגנט אין אַרגענטינע ניט רעכנענדיק אַ פּאָר אַנאַרכאָ סינדיקאַליסטן, איין איינציקן כאַראַקטער, דעם ראַציאָנאַליסטיש קולטורעלן, וואָס איז אויך אידישיסטיש; אין יענער צייט, אין די יאָרן, באַלד נאָך דער רו־סישער רעוואָלוציע פון 1905, האָט דער אַנאַרכיזם צווישן די אידישע אַרבעטער און יוגנט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קאָנגלאָמעראַט פון אַלע פריער אויסגערעכנטע שאַטירונגען זיינע, וועלכע האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע ניט פאַרשטאַנען און זיך געטומלט ווי דער דור הפלה.

אין די אידישע רעסטאָראַנען, וואו אַלע אידישע אַרבעטער פלעגן זיך טרעפן, פלעגט דער היסטערישער קוויטש פון דעם לאָנדאָנער שניידער יאַוויץ, למשל, וועלכער פלעגט פאַרברענען מיטן מויל אַלע „וואַמפּירן“ און „טיראַנען“ פון דער וועלט, זיך אויסמישן מיט דער נאַאיווער פראַגע פון דעם פאַרחלומטן בחורל וואַלדפויגל: ווען וועט קומען די סאָציאַלע רע־וואָלוציע?“... אַ דאַמסקע שניידער, אַ תקיף, פלעגט אַ טרייסל טון מיט

דער אַקטיאָרישער שעוועליורע און א קלאַפּ טון מיטן פּוס אין טיש:
— רעבעליאַן! — און דערביי דערציילט אַן עפּיזאָד פון לואיזע מישעל, בעת א פּויליש ישיבה בחורל האָט געבראַכט א ציטאַט פון זשאַן גראַוו און כעבאַסטיאַן פּאָר, אַז דער עיקר איז די אויפקלערונג, די דערציונג פון דער יוגנט אין גייסט פון פרייהייט, און דעצידירט האָט א שטימע ווי א דונער, פון דעם לאָנדאָנער אידישן סטאָליער אייזיקס: „נידער מיט דעם סאָשעליזם"!, „נידער מיט דער רעליגיאָן!", „עס לעבע די רעוואָלוציאָן"!...

סוף 1907 קומט אַראָפּ קיין בוענאָס איירעס א אידישע אַקטריצע מיטן נאָמען קאָרנפעלד, צוזאַמען מיט נאָך א פּאָר לאָנדאָנער אַקטיאָרן, און זי ברייגנגט מיט זיך איר מאַן. דער מאַן איז אַן אַנאַרכיסט און רופט זיך שאַפּירא, און צווישן די אַנאַרכיסטן ווערט א באַוועגונג: געקומען א אינטעליגענט פון לאָנדאָן!... דער יונגערמאַן, א שטעקעלע מאַכער פון פאַך, און ווי געבוירן צו טראָגן א שטעקעלע; א שיין מענטשל מיט שוואַרצע וואָנצעלעך, א שטימעלע פון אַן „ערשטן ליבהאָבער" אויף דער אידישער בינע (ער האָט טאַקע שפּעטער געשפּילט אין ליבהאָבער ספּעקטאַקלען לטובת דער אַנאַרכיסטישער גרופּע און צו זיין פּרוים בענעפּיט) און מאַנירן אַזוינע געטאָקטע, און די שפּראַך אַזאַ רואיקע, ווי בא א חתן.

אָט דער שאַפּירא, מיט זיינע געמיטלעכע רייד און לאַנגישן ריידן, בעסער געזאָגט, מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע טערמינען פון דער לאָגיק: „נון און פאלגליך", באַזונדערס מיט זיינע דערפאלגרייכע ארויסטרעטונגען אויף די דיסקוסיעס מיט די סאָציאַליסטן, וועלכע ער פלעגט „באַזיגן" מיט זיין רוהיקייט און מיט דער הילף פון די דערמאָנטע טערמינען, האָט דעם דעמאָלסדיקן אַנאַרכיסטישן דור הפלגה געצוימט אַרום זיין פּערזאָן, האָט געגרינדעט דאָ די גרופּע „אַרבעטער פריינד", אַפּן נאָמען פון דער לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישער צייטונג, וואָס איז דעמאָלט רעדאַקטירט געווען פון רודאָלף ראָקער, און האָט דאָ אָנגעהויבן אַרויסגעבן, אנהויב 1908, א וואָכנבלאַט אונטערן נאָמען „דאָס אַרבעטער לעבן".

אין „דאָס אַרבעטער לעבן", וואָס האָט, לויט דעם אידיש, וואָס איז פונם רעדאַקטאַר באַנוצט געוואָרן, געקענט באַטראַכט ווערן, אַלס סוקורסאַל פון דעם „אַרבעטער פריינד", האָט שאַפּירא אָנגעהויבן איינקנעלן

מיט זיינע חברים קראָפּאָטקינס לערע וועגן קאָרפּאָראַציע און קעגנזייטי־
קייט.

אינגאנצן זענען דערשינען פון דער וואכנבלאַט אכט נומערן; אָבער
זיי האָבן געהאַט זייער א גרויסע ווירקונג, צוזאמען מיט דער פּערזאָן פון
דעם רעדאקטאר, אויף די אידישע אנארכיסטן אין ארגענטינע. דער קראָפּאָט־
קיניזם, קען מען זאגן, איז דעמאלט געווארן די הויפּט שאַטירונג אינם אַל־
געמיינעם קאָנגלאָמעראַט פון די אַנאַרכיסטישע שאַטירונגען בײַ די אידישע
ארבעטער און יוגנט און אַ דאַנק דעם איז מעגלעך געווארן אז די אידי־
שע אַנאַרכיסטן דאָ זאָלן א לאַנגע צייט אָנהאלטן זייער אָרגאַניזאציע
„ארבעטער פריינד“ (די אנארכיסטן האָבן דאָס ניט אָנגערופן אָרגאַניזאַציע),
וואס האָט געפּאסקנט, אפן פּאָשלאָג פון א צווייטן שאַפּיראָ, דער פּאַר־
רופער פונם קאָנגרעס און סעקרעטאַר פון דאַמאָלסט געגרינדעטן אַנאַר־
כיסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אז אַנאַרכיסטן מעגן האָבן אַן אָרגאַניזאַציע
און אפילו סטאטוטן.

ווי מען זאל זי ניט געווען אנרופן, נאָר די אנארכיסטישע ארגאַניזאַ־
ציע אין ארגענטינע, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „ארבעטער פריינד“
האָט ארום זיך גרופּירט כמעט אלע אידישע אַנאַרכיסטן און האָט א וויכ־
טיקן אַנטייל גענומען אין דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די אי־
דישע ארבעטער און אין דער קולטור ארבעט אויף דער אידישער גאַס;
האָט פארשפּרייט ליטעראַטור, די אנארכיסטישע וואָכבלעטער „ארבע־
טער פריינד“ פון לאָנדאָן און „פרייע ארבעטער שטימע“ פון ניו יאָרק,
און באַזונדערס דעם לאָנדאָנער אידישן חודש זשורנאַל אונטער רודאָלף
ראָקערס רעדאקציע, “זשערמינאַל“, וואס האָט דאָ באקאנט געמאכט די
אידישע יוגנט מיט דער ליטעראַטור פון די פעלזיקע סקאַנדינאַווער, מיט
סטרינדבערג, איבסען, ביערנסטערנע ביערנסאָן, אָלאַ האַנסאָן, הערמאַן באַנג,
האַמסון און געוויזן א ספּעציעלן צוגאנג צו זיי, ניט ריידנדיק וועגן די ביאָ־
גראַפיעס און אפשאַצונגען פון די רעבעלישע גייסטער אין דער געשיכטע,
וואס האָבן געהאַט א באַדייטענדע ווירקונג אויף די לייענער. די גרופּע „אר־
בעטער פריינד“ האָט אנטיילגענומען אינם קאַמף פונם פאריין „יוגנט“
קעגן דער ווירקונג פון די פּרויענהענדלער אויף דער אידישער גאַס; זי האָט

אנטיילגענומען אין דער גרינדונג פונם „אידישן ארבעטער פארבאַנד פאר קעגנזייטיקער הילף“, וואס איז דאָ געשאַפן געווארן אף דער איני־ציאַטיוו פונם פועלי ציוניסט לעאָן כאַזאַנאָוויטש, און בכלל קולטורעל געראָדערט דאָס בוענאָס אײַרעסער אידישע ארבעטער וועלטל.

איך האָב געפונען פאר נויטיק צו דערמאָנען דאָ די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון דער גרופּע „אַרבעטער פריינד“, ווייל איך שרייב דאָס צו צו דער ווירקונג וואס אף איר האָט איבערגעלאָזט דער געמיטלעכער קראָ־פּאָטניקער שאַפּיראָ און די אכט נומערן „דאָס אַרבעטער לעבן“ וואָס ער האָט דאָ ארויסגעגעבן.

„לעבן און פרייהייט"

(1908)

אינם זעלבן יאר, 1908, ארום אויגוסט, — ווען שאפּירא האָט זיך שוין איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט טעאַטער, אויפפירנדיק דאָ, מיט דער הילף פון זיין פרוי די אקטריסע קאָרנפעלד, „זשאַן און מאַדלען" און „געשעפט איז געשעפט" פון אָקטאַוו מירבאַ, ברייננגענדיק נוצן אויך אף דעם גע־ביט פון טעאַטער — איז דערשינען א נייע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבע, אן אילוסטרירטער חודש זשורנאַל, אונטערן נאָמען „לעבן און פרייהייט".

די רעדאַקטאַרן פון דעם זשורנאַל זיינען געווען: יצחק ערעלשטיין און פעדראָ שפּרינבערג.

אז „לעבן און פרייהייט" איז געווען א באַוואוסטזיניקע רעאַקציע פון אינדיווידואַליסטישן אַנאַרכיזם קעגן דעם קאָמוניסטישן אָדער קאָר־פּאָראַטיווען אַנאַרכיזם פון שאַפּירא און זיין „ארבעטער לעבן", איז שווער צו זאָגן. גיכער איז דאָס געווען אן אַמביציע פון דעם קאָלאָראַשער בחורל יצחק ערלשטיין, דעמאָלט קוים אכצן יאר אלט, וועלכער איז געקומען קיין בוענאָס איירעס אלס יונגער ציוניסט אָדער פּועלי ציוניסט און דערזעענדיק דאָ די גרויסשטאָטישע וועלט און איבערלייענענדיק די ערשטע פּאָר שפּאַ־נישע ארטיקלען פון „לאַ פּראָטעסטאַ", איז ער ארייננגעשפּרונגען פון דעם קאָלאָראַשער נאַציאָנאַליזם אין דעם גרעניצלאָזן קאָסמאָפּאָליטיזם און או־ניווערסאַליזם אריין פון דער אנאַרכיסטישער דעקלאַמאַציע. יצחק ערל־שטיין האָט דערטאַפּט צום לייענען אין שפּאַניש — וואס ער האָט שנעל אויסגעלערנט (ער האָט זיך איבערהויפּט גוט געלערנט און טאַקע דערלע־רנט ביז צו פאַרמאַצעווט) — ניטשעס „אזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ"

און עס איז אים געפעלן געווארן דאָס איבערצוזעצן אין אידיש. דאָס איז געווען דער הויפּט מאַטעריאַל פאַרן זשורנאַל; אַרטיקלען און אפילו וויצן (אַנטיקלעריקאַלע מעררסטנס) זיינען אויך פאַראַן אין „לאַ פּראָטעסטאַ" גע־נוג צום איבערזעצן....

צוגעשטאַנען איז צו אים באַלד פּעדראָ (פּנחס) שפּרינגבערג, פון זגו־ריצע, בעסאַראַביע, וועלכער האָט געהאַט ניט וויניקער אַמביציעס ווי עדל־שטיין צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל, און די דעמאָלסט יונגע אידי־שע שרייבער העלפּמאַן, וויטאַל, וואָלקאָוויניצער און דער שרייבער פון די שורהס, וועלכע זיינען געוען געוועזן אַן אַרט וואו זיך צו דרוקן.

שפּרינגבערגס אַמביציעס זיינען געפלאָסן פון אַ צווייטער זייט: אין ראָזאַריאָ, די צווייטע אַרגענטינישע שטאָט, וואו ער האָט זיך אַלס אינגל אויפגעהאַלטן, איז ער געשטאַנען נאָענט צו שפּאַנישע יונגעלייט וואָס האָ־בן דאָרט אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירטן זשורנאַל אין שפּאַניש, אויף דעם שטייגער פון די פיל פאַמיליען זשורנאַלן (מאַגאַזינס) וואָס ווערן אַרויסגע־געבן אין בוענאָס איירעס, און עס איז בא אים געווארן אַן אַמביציע אַרויס־צוגעבן אַזאַ פאַמיליען זשורנאַל אין אידיש. אין געלט איז בא אים קיין מניעה ניט געווען, אַלנפאַלס אַזוי האָט זיך אים געדוכט; זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער געשעפטסמאַן אין ראָזאַריאָ. דערצו האָט ער אין זיך גע־פילט די פעהיקייט צו שאַפן פאַר דעם זשורנאַל אַנאָנסן, וואָס זאָלן דעקן זיינע דרוק הוצאות.

אויך פּ. שפּרינגבערג איז געשטאַנען נאָנט צו די אַנאַרכיסטישע קריי־זן און געהאַט אַ סאַך קאָנטשאַפט מיט אָנגעזעענע שריפטשטעלער און צייכ־נער (דער אַנאַרכיזם איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע צווישן די אַרגענטינישע שריפטשטעלער און צייכנער. דער איצטיקער פאַשיסט, דער דיכטער און פּובליציסט לוגאָנעס איז אויך אין דער יוגנט געווען אַן אַנאַרכיסט). אויף דעם אופן האָט דער צייכנער אַלמאַ ראָכאַ (רויטע נשמה) געצייכנט אומזיסט פאַר „לעבן און פרייהייט" אַ קינסטלערישע סימוואָ־לישע הילע און האָט אויך דערלויבט איבערצודרוקן זיינע צייכנונגען פון „לאַ פּראָטעסטאַ".

אַלס שטענדיקער לייענער פון די שפּאַנישע פאַמיליען זשורנאַלן און ליבהאָבער פון קונסט, האָט פּ. שפּרינגבערג געהאַט בא זיך אַ גרויסן אַל־

בום פון פאסטקארטלעך מיט קונסט רעפּראָדוקציעס און זיי זיינען אים זייער גוט צונוצגעקומען באם אילוסטרירן דעם זשורנאַל.

קיין אריכת ימים האָט דער זשורנאַל ניט געהאַט, עס זיינען דערשינען פון אים ניט מער ווי דריי נומערן. פ. שפּרינגבערגס אויסזיכטן אף זיין רייכן טאטן האָבן זיך ניט באַרעכטיקט, קיין אַנאָנסן האָט זיך ניט געמאכט, און דער אויפטו האָט זיך אויסגעלאָזט בלויז דערמיט וואס אין זשורנאַל זיינען אפּגעדרוקט געוואָרן דריי פּאַרטזעצונגען פון „אזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטרא“, אין א אידיש וואס איז לויטן זאצבוי ענליך געוועזן צו שפּאַניש, צו דער שפּראַך פון וועלכער י. עדלשטיין האָט זיי איבערגעזעצט; איי־ניקע לידער פון נח וויטאַל, געשריבן אונטער דער ווירקונג פון מנחמס „שווארצע רויזן“, א פּאָר לידלעך און שטימונגען פון איציק וואָלקאָוויני־צער, י. העלפמאַן און דעם שרייבער פון די שורהס, און נאָטיצן און וויצן אינם גייסט פון „לא פּראָטעסטאַ“ און אף טעמעס פון דער זעלבער אַנאַר־כיסטישער טעגלעכער צייטונג

אַ אידישע זייט בײַ „לאַ פּראָטעסטאַ“

(1909)

באַלד נאָכן אונטערגאַנג פון „לעבן און פרייהייט“ האָט „לאַ פּראָטעסטאַ“ באַשלאָסן אָפּצוגעבן איר לעצטע זייט פאַר אַ אידישער ביילאַגע און אַלס רעדאַקטאָר אָוועקגעשטעלט עדלשטיינען, וועלכער איז אויך געווען דער זעצער. עדלשטיין האָט איינגעלאַדן אַלס שרייבער די אַלע וואָס האָבן געשריבן אין „לעבן און פרייהייט“ און מען האָט אויך געשריבן, ווער אַ קורצע דערציילונג, ווער אַ באַמערקונג אַף אַ קולטור דערשיינונג, אַפילו אַף געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ניט פילנדיק אַף זיך קיין שום קאָנטראָל, כאָטשע די איינגעלאַדענע מיטאַרבעטער זיינען געווען קעגנער פונם אַנאַרכיזם.

„לאַ פּראָטעסטאַ האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרקויפן אַף דער אידישער גאַס. ווער עס האָט געקויפט אויס אינטערעס צו שטיצן אַ אידיש בלעטל, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אידישער קולטור, און ווער עס האָט געקויפט אויס קוריאָזיטעט, וואָס אַ גויאישע צייטונג גיט אָפּ אַ זייט אירע פאַר אידיש.

קיין נייס־צייטונג איז „לאַ פּראָטעסטאַ“ ניט געווען און אויך די אידישע זייט איז דאָס ניט געווען. מער ווי צוויי הונדערט נומערן האָט סאַי דער אינטערעס פון די קולטור טוער, סאַי די קוריאָזיטעט פון די אידישע אַרבעטער ניט געצויגן. די הכנסה האָט אַפילו ניט געקענט דעקן די הוצאה אַף דעם אידישן שריפט וואָס „לאַ פּראָטעסטאַ“ האָט געקויפט, ווער רעדט פון צאָלן פון דער הכנסה דעם זעצער — רעדאַקטאָר, און מער ווי איין חודש איז „לאַ פּראָטעסטאַ“ מיט דער אידישער זייט ניט דערשינען.

„ברויט און עהרע“

(1910—1909)

„ברויט און עהרע“ איז געווען א צוויייוואכנטלעכער זשורנאל. דער־שינען זיינען פון דעם זשורנאל סוף 1909 און אָנהויב 1910 בלויז זיבן נומערן, און דאָך איז דער נאָמען פון דעם זשורנאל — ניט דער זשור־נאל אליין — פּאָפּולער געווארן אין דער אידישער וועלט אין אויסלאנד ווי קיין איין אידישע אויסגאבע אין ארגענטינע פאר אים און נאָך אים.

די פּועלי ציון־היסטאָריקער פאררעכענען „ברויט און עהרע“ אלס פּועלי ציוניסטישן זשורנאל, אלס דעם ערשטן פּועלי ציון אָרגאַן אין אר־גענטינע; די היסטאָריקער פון דער אידישער קאלאניזאציע אין ארגענטינע, פאררעכנען אים אַלס אָרגאַן פון די אידישע קאלאניסטן אין ארגענטינע; דער אמת איז, אז ער איז געווען ניט קיין פּועלי צוניסטי־שער און ניט קיין קאָלאָניסטישער, נאָר...

דער שרייבער פון די שורות, איינער פון זיינע רעדאקטארן, נעמט זיך ניט אונטער צו געפינען א פּאזיטיווע כאראקטעריסטיק פאר דעם זשור־נאל. איך וועל דעריבער בלויז דערציילן וואס ער האָט געזאָלט זיין און איז ניט געווען.

אין דער צווייטער העלפט פון יאר 1909 איז קיין בוענאָס איירעס אנגעקומען אן אנפּירנדיקע, אגיטאַטאָרישע פערזענלעכקייט, כדי צו פאר־שפּרייטן און פארפעסטיקן אין ארגענטינע דעם פּועלי ציוניזם, וועלכער האָט אין בוענאָס איירעס געהאַט אן ארגאַניזאַציע זייט 1906. געווען איז דאָס כתריאל שוב, וועלכער איז באקאנט געווען אין דער פּועלי ציון ליטעראטור אלס כתריאל, נאָר פאר דער ברייטער עפנטלעכקייט איז ער

געקומען מיט דעם נאָמען לעאָן כאזאנאָוויטש. מיט דעם נאָמען האָבן אים געקרוינט די פועלי ציון אין נאָרדאמעריקע, וואו ער האָט פאר דעם געמאכט אן אגיטאציאָנס רייזע. זיי האָבן אויסגעפונען אז דער נאָמען כתריאל איז צו באשיידן אף צו קענען זיך אימפּאָנירן אלס אינטעליגענט און ווי אמת'ע יענקישע „אדווערטייזער“ האָבן זיי אויסגעפונען פאר אים דעם קלינגענדיקן נאָמען, וואס דארף ווייזן אז ער שטאמט חלילה ניט פון פּראָסטן עולם, נאָר ער קער זיך גאר אפשר אָן מיט דר. יוסף כאזא־נאָוויטש, דעם גרינדער און נדבן פון דער ירושלימער ביבליאָטעק, און איז ניט קיין כתריאליק, נאָר א לעאָן. די פיגור פון ח' כתריאל איז גראָד געווען אַן אימפּאָנירנדיקע; ער איז געווען א וואוקסיקער, א ברייטפּלייציקער, מיט א שיינעם לייבן־קאפּ און דאָס ווארט זיינס, כאטש ניט היים־פלאַ־מענדיק, נאָר שיין און ווירקנדיק.

די פועלי ציון האָבן אָרגאניזירט אף דער אָנווייזונג פונם גאסט א ריי רעפעראַטן אף אבאָנעמענט. אויב איך האָב קיין טעות ניט, אכט רעפע־ראטן פאר 2 פּעזאס, ד. ה. צו 25 סענט אריינגאנג צו יעדן רעפעראט, אין דעם סאַלאָן אף ראָדריגעז פּעניאַ 340. די רעפעראַטן האָבן געטראגן א ברייטן כאראקטער, ניט קיין ענג פּארטייאישן, געווען איז א רעפע־ראַט אף דער טעמע „דער צוריקקער צו דער נאַטור“, וואו ער האָט אנ־געוויזן אז קעגן דער טעאָריע און אָנגענומענעם אמת אז דאָס דאָרף וואנ־דערט אויס אין שטאָט, איז אויך פאראן א טענדענץ אויסצואוואנדערן פון שטאָט אין דאָרף, צו וועלכן עס העלפּט די גרינדונג פון „גארטן שטעט“, וואס אף דעם וועג גייט אויך די איינוואנדערונג קיין פּאלעסטינע. געווען דאכט זיך אויך א רעפעראט „איד און נאַטור“, „איד און מענטש“, וועגן מאַקס נאָרדוי'ס „אַנטאַרטונג“ און ענלעכע. די יונגע פּועלי ציון ארגאני־זאציע אין בוענאָס איירעס, איז אפילו ניט גאר צופרידן געווען מיט אָט די רעפעראטן. זי האָט גערעכנט צו באקומען אין דער פּערזאָן פון דעם גאסט א טעאָרעטיקער, וועלכער זאָל, אלס אויטאָריטעט און שיין רעדנער, באפעס־טיקן די זוימען פון דעם באָראָכאָוויזם, באקאנט מאכן די בוענאָס איירע־סער אידישע ארבעטער מאסן מיט דעם דיאַגנאָז פון דער אידישער וויר־קלעכקייט און דעם פּראגנאז פון דער אידישער צוקונפט און זאָל אפשר בא די חברים אליין פארטרייבן די ספקות און לויז מאכן דעם פּלאנטער

וועגן לייזן דאָס אידישע ארבעטער פּראָבלעם דורך פּאַלעסטינע און וועגן דעראבערן פּאַלעסטינע דורכן קלאסן קאמף. דער גאסט האָט אָבער גאר קיין חשק ניט געהאַט צו באשעפטיקן זיך מיט טעאָריע. ער האָט געזוכט די פּראקטיק. זיינע רעפעראטן — האָט ער געזאגט — דארפן נאָר דינען אלס צוציונג פאר די מאסן ארום די פּראקטישע מעשים פון דער פּארטיי, וועלכע דארפן שאפן ווערק פון אלגעמיינעם ווערט...

צווישן דעם היימישן פירער און טעאָרעטיקער פון דער פּועלי ציון ארגאניזאציע, זלמן סאָרקין, — א שטרענגער באָראָכאָוועץ פון וויטעבסק, בעסער געזאגט, פון לאדי און פון באראנאָוויטש, — איז עס געקומען צו שאַרפע דיסקוסיעס מיט דעם גאסט. ניט וואס כתריאל האָט מבטל געווען באָראָכאָוון, נאָר ער האָט זיך געשטעלט אַף אברייטן פוס פון מענשעוויסטישן סאָציאליזם, נעמענדיק זיך אלס מוסטער וואנדערוועלדען און איבערהויפּט געניגט זיך צום דייטשן רעוויזיאָניזם, אַף וועלכן ער האָט זיך א סאך פארוּפן אין זיינע רעפעראַטן. עס איז געקומען דערצו, אז זלמן סאָרקין איז ארויסגעטראטן אין דער עפנטלעכקייט אַף איינעם א רעפעראַט אלס אָפּאָנענט כתריאל'ן — כאַזאַנאָוויטשן אין נאָמען פון באראכאוויזם און פון שטרענגען מארקסיזם, פון וועלכן ער, סאָרקין, איז געווען פון די געציילטע קענער און פארטיידיקער צווישן די אידישע סאָציאַליסטן אין ארגענטינע, אָפּהאַלטנדיק ביז דעמאלט גרויסע נצחונות אַף דעם געביט, בעת די דיסקוסיעס מיט די אַנאַרכיסטן און עסעראָוועס.

כאַזאַנאָוויטשן האָט עס אויך ניט שטאַרק געקימערט, אז טעאָרעטיש זאל בלייבן גערעכט דער אָרטאָדאָקסיש מארקסיסטישער ז. סאָרקין; פאר אלעמען איז אים וויכטיק געווען עפּעס אויפצוטון. און ער האָט טאקע באוויזן זיין גבורה באַ פּראַקטישע סאָציאלע אויפטואונגען.

דער ערשטער אויפטו זיינער איז געווען די גרינדונג פון דעם „אידישן ארבעטער פארבאנד פאר קעגנזייטיקער הילף“, ארום וועלכן ער האָט קאנצענטרירט אלע פּארטיי טוער, די פּועלי ציוניסטישע צוזאמען מיט די בונדיסטישע, אנארכיסטישע און אפילו די רוסיש־ריידנדיקע „איס־קראָוועס“. דאָס איז דער זעלביקער „אידישער ארבעטער פארבאנד“ וועלכער עקזיסטירט איצט, א רעאָרגאַניזירטער נאָך עטלעכע יאר אומ־טעטיקייט.

דער צווייטער פּראַקטישער אויפטו כּאַזאַנאָוויטשעס האָט געזאָלט זיין די גרינדונג פון א אידישער צייטונג, א אומפּאַרטייאישער. אלס באַזע פאר דער צייטונג, האָט געזאָלט דינען די ארגאניזאציע „יוגענד“, וואס איר אויפגאַבע איז געווען דער קאַמף קעגן דער ווירקונג פון די פּרוויענהענדלער אף דער אידישער גאַס און, אויפקלערונג.

וואס אַזעלכעס די „אויפקלערונג“ האָט געדאַרפט אויפקלערן איז ניט געווען קלאָר. ס'איז מיר ביז היינטיקן טאג אויך ניט קלאָר צי די אויפקלערונג איז געווען אן אויסדרוק פון דעם משכּילישן גייסט פון דעם גרינדער, מ. פּאָלאַק, — וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאנט אין א פריערדיקן קאַפּיטל — וועלכער האָט געגרינדעט די „יוגענד“, נאָכדעם ווי זיין ארגאַניזאַציע ס. ס. איז זיך צעפאלן, אדער די ניט קלאָרע אויפקלערונג איז געווען א פּועל יוצא פון דער פאַרשידנפאַרביקייט פון די אנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע: ס. ס., פּועלי ציון, אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן, מיט דעם אויסנאַם פון די בונדיסטן און „אַוואַנגאַרד“, וועלכע האָבן די „יוגנד“ אויסגעלאַכט. ס'איז אבער געווען קלאָר געווען, אז אזא אָרגאַניזאַציע, וואס נעמט ארום אזא פּילפּאַכיקן אקטיוון עלעמענט, איז ווי צוגעמאַסטן אף צו גרינדן אן אלגעמיינע, אומפּאַרטייאישע אדער אינטערפּאַרטייאישע אידישע צייטונג.

דערין, איז כּאַזאַנאָוויטש ארויסגעפאָרן אף א טור איבער די יק״אַ קאַלאַניעס, מיט וועלכע ער האָט זיך געוואָלט באַקענען איידער ער טרעט צו צו רעדאַקטירן די צייטונג. פאַראינטערעסירט מיט דער יק״אַ האָט ער זיך נאָך אין אייראָפּע ווי מיט אן אלגעמיין אידישער אָרגאַניזאַציע, וואס פארוואַלטעט מיט פאלקס געלטער אן שום געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל. דערצו האָט אים ישראל זאַנגוויל באַקאַנט געמאַכט מיט א גרויסן אַרכיוו פון דאָקומענטן און בילדער וואס שטעלן ארויס די קאַלאַניזאַציאָנס טעטיקייט פון דער יק״אַ אין א זייער ניט נינסטיקער פאַר איר שיין; ווילקירלעכע ביוראָקראַטיע און אפילו אינקוויזיציע דורך אומקאַנטראָלירטע באַאַמטע, סאַטראַפּן. די דאָזיקע דאָקומענטן האָט ישראל זאַנגוויל געהאַט באַנוצט אין א פּראַצעס וואס ער האָט פאַרפירט אקעגן דער יק״אַ אין לאָנדאָן.

אין די קאַלאַניעס, וואו כּאַזאַנאָוויטש האָט זיך באַקענט אַפן אָרט

מיט די פרוכט פון דער אומקאָנטראָלירטער און אומפּאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער ברייטער געזעלשאַפט ביוראָקראַטיע, מיט דער אומזיכערקייט פון די קאָלאָניסטן אויף זייער ערד, מיט די איינזייטיקע קאָנטראַקטן, אַראָפּ־זעצונג פונם פעלד א. א. אומרעגלמעסיקייטן, איז ער נאָך איבערגעצייג־טער געוואָרן אין דער נויטיקייט פון א צייטונג אין בוענאָס איירעס וואָס זאָל שאַפן די נויטיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג מיט וועלכער די יק"אַ אַדמיניסטראַציע זאָל זיך מוזן רעכנען.

אין בוענאָס איירעס איז דערווייל די איניציאַטיוו געמאַכט געוואָרן. עס איז געגרינדעט געוואָרן א קאָמיטעט, צו וועלכן עס זיינען צוגעצויגן געוואָרן אויך אייניקע קאָלאָניסטישע זין וואָס האָבן געוואוינט אין שטאָט אַלס סוחרים אָדער סטודענטן און גלאַט באַלעבאַטישע יונגעלייט וואָס זיינען געוואָרן כאַזאַנאָוויטשעס חסידים. דער קאָמיטעט האָט ארויסגע־לאָזט צוועלף פּעזאָדיקע אקציעס, וואָס זיינען אין דער זעלבער צייט געווען דער אַבאָנעמענט אויף דער צייטונג. און די אויסזיכט צו האָבן אין בוענאָס איירעס א צייטונג וואָס זאָל זיין רעדאַקטירט פון א פּערזאָן מיט אַזאַ פאַרנעם און ווירקונג ווי כאַזאַנאָוויטש, האָט צוזאַמענגעבראַכט א באַדיי־טנדיקע צאָל אקציעס פון שטאָט און פון די קאָלאָניעס.

די צייטונג האָט שוין געזאָלט אינגיכן אָנהויבן דערשיינען. כאַזאַ־נאָוויטש האָט שוין כמעט געהאַט פאַרענדיקט זיין רייזע איבער די קאָלאָ־ניעס. ער האָט שוין אפילו געהאַט געשיקט צום קאָמיטעט אן איינלייטונג צום ערשטן נומער, וואָס איז געווען א מין פּראָגראַם ארטיקל, וואָס באַ־גרינדעט דעם נאָמען פון דער צייטונג: ברויט און עהרע. די אידן אין אַר־גענטינע נויטיקן זיך — האָט זיך דאָרט געזאָגט — אין ברויט און אין ערע; די אידישע קאָלאָניסטן נויטיקן זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון זייער ברויט קעגנאיבער דער ביוראָקראַטישער יק"אַ פאַרוואַלטונג; די אידישע אַרבעטער אין שטאָט נויטיקן זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון זייער ברויט קעגנאיבער זייערע באַלעבאַטים און די אידישע באַפעלקערונג פון אַר־גענטינע, בכלל, נויטיקט זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון זייער כבוד וואָס איז פאַרשמירט פון די פרויענהענדלער. יאָ, די צייטונג האָט שוין געזאָלט אָנהויבן צו דערשיינען, ווי פּלוצים איז אָנגעקומען די צעשמעטערנדיקע

ידיעה צום קאָמיטעט, אז כאַזאַנאָוויטש איז אין דעם שטעטל קאַרלאָס קאַסאַרעס אַרעסטירט געוואָרן.

עס איז גראד דעמאָלט געווען דערקלערט קריגס צושטאנד איבערן לאַנד; דאָס איז געווען נאָך דעם נקמה אַקט פון שמעון ראַדאָוויצקי, וועל־כער האָט מיט א באָמבע אויפגעריסן דעם פּאָליצמייסטער ראַמאָן פאַל־קאָן, פאר דער שחיטה וואס ער האָט ארגאניזירט אַף די מאַי דעמאנס־טראַציעס פון 1909. אבער ביי קיינעם איז קיין ספק ניט געווען, אז אין דעם ארעסט שטעקט די האנט פון יק"א מענטשן, וועלכע האָבן אויסגע־נוצט די געלעגנהייט צו פארמאסערן כאזאנאָוויטשן אלס געפערלעכן אנאר־כיסט, כדי אזוי ארום פטור צו ווערן פון דעם ארגאניזאַטאָר פון קאָלאָ־ניסטישן ווידערשטאַנד. די פּועלי ציון ארגאניזאציע און די איניציאַטאָרן פון דער צייטונג, האָבן זיך געבעריעט, געזוכט אָנצוקלאַפּן אין הויכע טירן, אבער, עס האָט ניט געהאָלפן: כאַזאַנאָוויטש, מיט אַן אָפּגעראַזירטן קאָפּ, ווי אַן אַרעסטאַנט, נאָכדעם ווי ער איז געווען ארעסטירט אין מיטן ים אַף א קריגס שיף, צוזאמען מיט איינקע פרויענהענדלער און פארברע־כער, איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון ארגענטינע, צו דער צופרידנקייט פון דער יק"אַ און אויך פון קאלאניסטישע פירער, וועלכע ער האָט באַ־וויזן אראָפּצורייסן, פאר דער קורצער צייט פון זיין באזוך אין די קאלאניעס, זייערע מאסקעס און זיי ארויסשטעלן אלס פארקויפער פון די קאלאניס־טישע אינטערעסן. 1).

געבליבן איז נאָך כאזאנאָוויטשן, בא די איניציאטארן פון דער ציי־טונג, דער נאָמען אירער מיט אן איינלייטונג וואס איז מחייב צו פארטיי־דיקן די קאלאניסטישע אינטערעסן, און ניט נאָר מיט אן איינלייטונג, נאָר אויך מיט א פארפליכטונג פאר א גרויסער צאָל קאלאניסטישע אבאָ־נענטן אקציאנערן און מיט א פארפליכטונג פאר כאזאנאָוויטשעס אויפטו אין די קאלאניעס, וואס טאָר ניט פארלוירן גיין. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט די ארויסשיקונג פון כאזאנאָוויטשן דערלאנגט א קלאַפּ דער

1) אין דער קאלאניע ריווערא דערציילט מען ווי די „בכבודיקע" פירער האָבן געמוזט ארויסשפּרינגען דורך די פענצטער פון לאָקאַל, בעת כאַזאַנאָוויטש האָט גערעדט און אנגעוויזן אַף די נחלות וואס זיי האָבן באַקומען פאר זייער פאַרראַט.

גאנצער איניציאַטיוו. א פּאר בירגערלעכע טוער וואס זיינען צוגעשטאַנען צו דער איניציאַטיוו זיינען באלד אפּגעפאלן; צו וואס טויג זיי זיך מישן אין אזעלכע זאכן וואס שמעקן מיט ארויסשיקן און נאָך אין אזא אומרו־איקער צייט... דער עולם האָט אויפגעהערט גלויבן אין דעם דערפאלג פון דער אונטערנעמונג און, דער איניציאַטיוו קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען פארבליבן כמעט בלויז די פּועלי ציון, איז פארבליבן מיט עטלעכע הונדער־טער מזומנים, מיט פארטיקע אבאָנענטן, מיט קאלאניסטן וואס קוקן ארויס אף דער פארטיידיקונג פון זייערע אינטערעסן און מיט א סימפּאַטישער באציונג צו זיי וואס איז פאר זיי געשאפן געווארן דורך כאזאנאָוויטשן אין פארשידענע קרייזן, אפילו בא דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, ד. ה. בא די אנפּירער, וועלכע כאזאנאָוויטש האָט באוויזן אויפצוקלערן צום גונס־טן דעם פּועלי ציוניזם. עס איז אבער ניט געבליבן ווער עס זאל אט די ירושה אויסנוצן און פארטזעצן דעם וועג וואס כאזאנאָוויטש האָט אָנגע־צייכנט.

די אָנפירנדיקע פּועלי ציון, ווי ז. סאָרקין א. א. זיינען אבסאָלוט אומ־באַקאַנט געווען מיט די פּראָבלעמען פון דער יק"א קאלאניזאציע און פון דער קאלאניזאציע בכלל און עס זיינען זיי אויך פרעמד געווען די אינטע־רעסן פון די קאלאניסטן, וועלכע זיי האָבן באטראכט פאר קליינבירגער, וואס עס איז גארניט די אויפגאבע פון דער פּועלי ציון ארגאניזאציע צו פארטיידיקן זייער שטרעבונג צו ווערן באַלעבאַטים פון ערד. נאָכמער, גע־ווען זיינען פּועלי ציון פעלד־ארבטער, וואס האָבן שניט־צייט געארבעט בא אידישע קאלאניסטן און זיך געפילט אלס זייערע עקספּלואטירטע, אר־בעטנדיק א זומער טאג פון זון ביז זון און נאָך א שטיק אין דער נאכט. עס וואלט אפשר געווען א פּלאן צוזאמענשרייבן זיך מיט אייניקע קאלא־ניסטן שרייבער; אבער די קאלאניסטן שרייבער, פון זייער זייט, האָבן קיין צוטרוי ניט געהאט צו די פּועלי ציון, אָט די סאָציאַליסטן וואס פירן אָן שטרייקן ניט נאָר דאָ אין גלות, נאָר אפילו אין הייליקן לאנד, און... וואס וועט זאגן דער יק"א אדמיניסטראטאר, אז ער וועט זיך דערוויסן ווער עס שרייבט אין דער צייטונג, וואס ווערט נאָך דערצו ארויסגעגעבן פון סאָ־ציאַליסטן!...

ז. סאָרקין, א געוועזענער גימנאזיסט עקסטערן, וועלכער האָט זיך

אין דער היים אריינגעטון אין דער פּועלי ציוניסטישער טעאָריע ווי א למדן אין דער גמרא, און געפירט א קאמף מיט דער „בורזשואַזיע" פון זיין שטעטל. פּאר דערלויבן האלטן א פּועלי ציוניסטישן רעפעראט אין קלויז און דאָ זיך „פּראָלעטאַריזירט" באם ברוקירן די גאסן, גראָבן קאנאַלן, טראָגן ציגל און לעשן קאלך אף די געביידעס און אויך גאנץ פּראָלעטאַריש פּארנאַכלעסיקט זיין הלבשה און זיינע מאנירן, האָט אויך גארניט געשמעקט אלס רעדאקטאר די פּאר פּארבליבענע בא דער איניציאַטיוו באַלעבאַטישע יונגעלייט. מיט זיינע צעפּרעסענע הענט פון קאלך, אדער גאר פּארטרוקנטע מיט פארב אלס ארויסהעלפער בא א שטובן־מאלער, ניט איבערגעביטן די פּארשמירטע און צוריסענע בגדים, ווייל ער האָט קיין אנדערע ניט געהאַט, פלעגט ער קומען צו די זיצונגען, אויפטרעטן אף מיטינגען און האָט אויך קיינעם ניט געשוינט, קיינעם ניט געגלעט מיט קיין זיידענע הענטשקעס. טאָ ווי קען מען גיין מיט אזא „געפּערלעכן מענטשן" צום טיש?!... אויך די איבעריקע חברים פען־האלטער בא די פּועלי ציון, דער שרייבער פון די שורות צווישן זיי, זיינען געווען ארבעטער, וואס האָבן ניט געטראגן קיין ווייסע הארטע קראגנס, נאר א שווארץ טיכל אפן האלדז, לויטן ארגענטינישן מנהג, אום יום טוב ווי אין דער וואכן. און די באַלעבאַטישע יונגעלייט, די הייסע חסידים פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש, זיינען איננאנצן אוועק.

אבער, געלט איז דאָ, אבאָנענטן אויך, און חשק איז אויך פאראן בא די חברים פּועלי ציון צו שרייבן, ווער עס שרייבט שוין וועגן ארטיקער און אלגעמיינער פּאליטיק, ווער עס שרייבט וועגן צדקה און זעלבסטהילף, ווער וועגן קולטור פראגן, נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, דערציונג, טעאַטער, ווער א דערציילונג, א ליד, א דערינערונג פון קאמף אין דער אלטער היים, און עס איז באשטימט געווארן ארויסצוגעבן ניט קיין צייטונג, נאר א צוויי וועכנטלעכן זשורנאל, וואס כדי ער זאל קענען אנגענומען ווערן פון די קאָלאָניסטן, זאל ער ניט זיין אויסגעשפּראכן סאָציאַליסטיש. קיין נאָמען פון רעדאקטאר איז ניט אנגעגעבן געווארן. און כאָטשע דער אייגנטלעכער רעדאקטאר איז געווען ז. סאָרקין, איז אנגעגעבן געווארן א רעדאקציאָנס קאָלעגיע.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָך געשאפן א געוויסער אינטערעס צו „ברויט און עהרע" בא די קאלאניסטן. עס האָט אפּגעדרוקט אין „ברויט און עה־

רע" אייניקע משלים מיט קאלאניסטישע מוסר השכל'ס דער קאלאניסט און לערער חיים שמואל שניידער ע"ה פון דער קאלאניע קאפּיזשאַ (ענטרע ריאָס), אונטערן פּסעוודאָנים חשמל (דער פּארפאסער פון דעם העברעאישן בוך פון עלעמענטאַרער אַסטראָנאָמיע „חוקות הטבע", וועלכער איז גוט באקאנט געווען צווישן אידן); אייניקע קאלאניסטן האָבן צוגעשיקט קאָ־רעספּאנדענצן וועגן קאלאניסטישע אינטערעסן; מיט א ספּעציעלן אינטע־רעס האָט דער זשורנאַל געדרוקט נח וויטאלס בילדער פונם ארגענטינישן אידישן פעלד־לעבן. קיין קאָלאָניסטישער אָרגאַן איז אָבער „ברויט און עהרע" דערפון ניט געווארן; מער זיינען שוין דאָרט געווען פּארטיידיקט די ארבעטער אינטערעסן. און אנדערש האָט דאָס אויך ניט געקענט זיין; ווי די רעדאקטארן זאלן ניט געוועזן אויסטון זיך פון אָט די אינטערעסן, האָבן זיי ניט געקענט, זייענדיק אליין ארבעטער; דער דערמאָנטער ז. סאָרקין, אלס הויפּט־רעדאקטאר, און דער שרייבער פון די שורות, אלס נענטסטער מיטארבעטער, זיינען דאַמאָלסטביידע געווען מאַלערס.

צי איז עס געווען דאָס וואס „ברויט און עהרע" האָט אָנגעהויבן היימי־שער ווערן מיט די קאלאניסטישע אינטערעסן, און עס האָט ווידער ניט אנגע־הויבן שמעקן די יק"אַ מענטשן, אָדער עס האָט ניט געשמעקט דער צע־יושעטער רעאַקציע אין יאר 1910 די טעטיקייט בכלל פון זלמן סאָרקין צווישן די אידישע ארבעטער אלס טוער און רעדנער; ווי אזוי דאָס איז געווען, אין איינעם א פרימאָרגן נאָכן דערשיינען פונם זעקסטן נומער „ברויט און עהרע", איז זלמן סאָרקין ארעסטירט געווארן בא דער טיר פון זיין וואוי־נונג, וואו עס איז אויך געווען די וואוינונג פונם נאָנסטן מיטארבעטער, פון דער גאנצער רעדאקציע, הייסט עס, און מען האָט אים ארויסגעשיקט פונם לאנד, צוזאמען מיט א גאנצער ריי אנדערע ארבעטער טוער, נאכ־דעם ווי מען האָט זיי געהאלטן ארעסטירט קנאַפּע צוויי חדשים.

דער זיבעטער נומער איז דערשינען אונטער דער רעדאקציע פון דעם שרייבער פון די שורות און דער אכטער איז שוין ניט דערשינען, מחמת דער דרוקער האָט מורא געהאט צו דרוקן א זשורנאל, וואס זיינע רעדאק־טארן ווערן ארעסטירט און ארויסגעשיקט פון לאנד.

נאָר, אויב אידייאיש איז „ברויט און עהרע" געווען אָן א באשטימ־טע ריכטונג, צוליב די קאָפּראָמיסן מיט די ניט פארשטאַנענע קאלאניסטישע

אינטערעסן און מיט דער אומפּאַרטייאישקייט, וואָס האָט זיך נישט גע־קלעפּט צו די רעדאַקטאָרן, איז אָבער דערפאַר דער זשורנאַל געווען דער ליטעראַרישער אנהויב פון אַ ריי אַרגענטינישע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט אַ באַציונג צו דער אידישער שפּראַך. די אַרטיקלען, די דערציילונגען און לידער זיינען געווען מוסטערן פון סטיל און געשליפנקייט. „ברויט און עהרע" האָט אמת ווייניק אויפגעטון פאַר דעם ברויט פון די קאָלאָניסטן און פון די אַרבעטער און אויך פאַר דער ערע פון דער אידישער באַפעל־קערונג האָט דאָן פיל מער אויפגעטון דער פּאַלאַסיאָס געזעץ וועלכער איז דאָן אָנגעווענדעט געוואָרן אין זיין גאַנצער שטרענגקייט; „ברויט און עהרע" האָט אָבער געשאַפן מיט זיינע זיבן נומערן ליבע צו דער אידישער שפּראַך און צו דער אידישער ליטעראַטור און איז געווען דער אנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. העלפמאַן, נח וויטאַל, פּ. כ״ץ (זאָל מיר די באַשיינדקייט מוחל זיין), מ. פרומקין, האָבן אין „ברויט און עהרע" זייער נשמה אַריינגעלעגט און פון דעמאָלט אָן זיך פאַרבונדן מיט דעם שיינעם שטראַלנדיקן וואָרט אין אַרגענטינע.

„אונזער וואָרט“

(1911)

די וואכענטלעכע צייטונג „אונזער ווארט“ איז געגרינדעט געווארן אלס פריוואטע אונטערנעמונג פון פ. וואלד און ראבערט קאַגאַן, דער ערשטער א בונדיסט און דער צווייטער א רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַט, אונטער דער רעדאקציע פונם ערשטן און דער אדמיניסטראציע פונם צווייטן, און איר ערשטער נומער איז דערשינען דעם 6־טן יוני 1913, אין אכט זייטן פון קליינעם צייטונגס פארמאט, מיט דעם אויסקוק פארוואנדלט צו ווערן אין א טעגלעכער צייטונג.

די ריכטונג פון „אונזער ווארט“, ווי עס האט אנגעוויזן דער אונטערקאפּ האט געזאלט זיין: „א אונאבהענגיקע יודיש פּאפּולערע וואכען צייטונג פאר וויסענשאפט, ליטעראטור, קריטיק און אינפארמאציאן“, און אינם ערשטן ארטיקל מיט וועלכן די צייטונג האט זיך פּרעזענטירט, איז אלץ טאקע גערעדט געווארן אין נאמען פון אידישן פאלק, חלילה ניט אין נאָמען פון אידישן ארבעטער קלאס און ניט אין נאָמען פון אַ באשטימטער אידייע.

„אינם יודישען פאלק — זאגט זיך אין דעם ארטיקל „פון דער רעדאקציע“ — ווי ביי אנדערע פעלקער, הערשען פערשיעדענע אידעען, ארום וועלכע עס שאפן זיך פארשידענע גרופּירונגען און ריכטונגען. „אונזער ווארט“ וועט זיך מיט דער גרעסטער אכטונג בעציהען צו אלע און אלץ, וואס שטרעבט און ארבעט פאר דאס וואהלזיין פון דער געזעלשאפט“...

און ווייטער:

„אונז זענען טייער די אינטערעסען פון לאַנד און זייער פאָלקס באַדייטונג. מיט רעספּעקט שטעלט זיך „אונזער וואָרט“ פאַר די קולטורעלע אייגנטהומען פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע מיר — די אידען לעבען דאָ. אבער „אונזער וואָרט“ איז פאַר אַלעם אַ קינד פון יודישן פאָלק, וועמענ׳ס אינטערעסן עס זענען איהם טייערער, וועמענס קולטורעלע אייגענטהימער ליעבער“...

און דאָך האָט כמעט קיינער ניט געהאַט קיין צוטרוי צו אָט די דעקלאַראַציעס פון „אונזער וואָרט“ וועגן אומפּאַרטייאישקייט, אומאָפּהענגיקייט און כלל ישׂראל ריכטונג. שוין דער פאַקט וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז פּ. וואַלד, אַ דאָגמאַטישער ניט בויגעוודיקער בונדיסט, און זיין שותּף איז ראָבערט קאָגאַן, אַ רוסיש רײדנדיקער איסקראָוועץ, אַ מאָסקוויטש, וואָס האָט זיך ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר גענומען לערנען אידיש, און אויך דאָס וואָס דער נאָמען פון דער צייטונג איז אַזאַ כאַראַקטעריסטיש פּאַרטייאישער: אונזער וואָרט. וועמעס? זיכער מיינט מען דאָך ניט דאָס וואָרט פון די צוויי שותּפים... האָט געגעבן צו פאַרדאַכטן, אַז אונטער דער דאָזיקער אונטערנעמונג שטעקן פּאַרטיי־כּוונות.

אונזער ווארט
Redacción y . . . . Administración de "NUESTRA PALABRA" SARMIENTO 3628 Buenos Aires
"NUESTRA PALABRA"
Semanario Independiente Israelita
Directores: P. WALD y R. KOGAN
N. 1. | Año 1. | Buenos Aires 6 de Junio de 1913
פון דער רעדאַקציע

דער אמת איז געווען, אז די אונטערנעמער האָבן געמיינט מיטן גאנ־צן ערנסט צו שאפן דאָ א אידישע צייטונג, וואס זאל אף א אומפארטיי־אישן אופן פאראינטערעסירן די איינגעוואנדערטע אידן מיט דעם אָר־טיקן ווירטשאפטלעכן און קולטור לעבן, ריכטנדיק זייערע סימפאַטיעס צו דער סאציאליסטישער לאנד פאליטיק און אין אוניווערסעלן מאסשטאב צום סאָציאַליזם. דער פארטייאיש קלינגענדיקער נאָמען איז גלאַט געווען א ניט געלונגענקייט, וואס האט ארויסגעדרונגען פונ'ם רעדאק־טארס דאגמאטישער אלט־בונדישער דערציונג; דער אוצר פון נעמען וואס ער האט געהאט אין זיין פארשטעלונג, איז פשוט געווען א פארטייאיש באגרעניצטער.

אויסגעלאזט האט זיך אבער אזוי, אז די וואס האבן זיך ארומגע־טראגן מיט די חשדים, זיינען געבליבן גערעכט: נאָכדעם ווי „אונזער ווארט" איז דערשינען צען נומערן אלס פריוואטע אונטערנעמונג, איז דאָס בלאַט איבערגעגעבן געווארן דער בונדישער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" און איז געווארן איר פארטיי אָרגאַן.

געקומען איז עס דערפון וואס די אונטערנעמער האָבן באם גרינדן די צייטונג געמאכט א פאלשן חשבון. ר. קאגאן האט בס'ה פארמאגט אף אריינצולעגן אין געשעפט 500 פעזאס און פ. וואלד האט אין געשעפט א חוץ ארבעט גארניט אריינגעלעגט. דערצו האָבן די אונטערנעמער אוועקגעשטעלט זיך אלס פרינציפ, אז מיטארבעט ווערט באצאלט, וואס דאס איז אין דער בוענאס איירעסער זשורנאליסטיק קיינמאל ביז דע־מאלט ניט פראקטיצירט געווארן (פארקערט, ווערמאנט פלעגט נעמען געצאלט פון די שרייבער פאר דרוקן זייערע ארטיקלען, לייען פאמפלעטן און זידלערייען). זיי האבן באצייטנס אוועקגעשיקט האנאראר צו מ. אלגין, אלס קארעספאנדענט פון רוסלאנד און צו פ. ליבמאן (פראפעסאר הערש) אין דער שווייץ אפן חשבון פון ארטיקלען וואס ער וועט צושיקן. דאָ הי האָבן זיי געצאלט דריי און פיר סענט א שורה פאר אריגינעלע ארטיקלען און צוויי סענט פאר איבערזעצונג. דער אדמיניסטראטאר האט אפילו ניט ארויסגענומען פונם געשעפט אף אויסהאלט, אבער דער רע־דאקטאר און דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט אלס „קארעקטאר פון אריגינאלן" (די רעדאקציע האט געהאט ברעה צו

דרוקן מיינונגען פון די לעזער און האט צוליב דעם באזונדערס נויטיק געהאט א רעדאקטאר וואס זאל די אריגינאלן פון די לעזער אויספאַר־ריכטן), האבן אין די צען וואכן גענומען א געהאלט, א מינימאלן אפילו, וואס האט אויסגעליידיקט די קאסע.

באם גרינדן די צייטונג, האט ר. קאגאן געהאט דעם צוזאג פון א רייך פאפיר געשעפט, דאס געשעפט פון זיינע שוואגערס, די ברידער קורלאט, צו שטיצן די אונטערנעמונג, אויב דאס וועט זיך ארויסווייזן פאר לעבנספעיק; אבער נאכדעם ווי די ערשטע 500 פעזאס זיינען אוועק, האבן זיי זיך דערפון אפגעזאגט.

פאר דעם ווי „אונזער ווארט" איז איבערגעגאנגען צו דער ארגאני־זאציע „אוואנגארד", האט עס שוין שיר געהאלטן דערביי אז די וואכנ־צייטונג זאל פארוואנדלט ווערן אין א טעגלעכער. א מיטגליד פון דער ארגאניזאציע, יודל ראָסיאנסקי, וועלכער האָט באם מסחר מיט בהמות אין מאָזעסוויל פארדינט עטלעכע טויזנט פעזאס, האָט זיי געוואלט אריינ־לייגן אין דער אונטערנעמונג צוליב דעם דערמאנטן צוועק. ער האט אבער צום סוף חרטה געקראגן.

געטריי צום ציל וואס די רעדאקציע האט זיך געשטעלט: דערנענ־טערן די אידישע באפעלקערונג צו די ארטיקע, ארגענטינישע אינטערעסן און פּראָבלעמען, האָט באַלד אין צווייטן נומער „אונזער וואָרט", זיך אנגעהויבן דרוקן די ארגענטינישע קאנסטיטוציע, איבערגעזעצט פון ש. קאפּלאנסקי; אלס ליטעראטור האָט דער רעדאקטאר באצייטנס באשטעלט בא י. העלפמאן אן איבערזעצונג פון אלבערטא גערשונאווס „גאוטשאס כודיאס" (אידישע גאוטשעס), א ווערק געשריבן צום הונדערטיעריקן אניווערסאר פון דער ארגענטינישער באפרייונג, אין רעטארישן ביבלישן סטיל מיט ארגענטיניש פּאטריאטישן עקסטאז, אין וועלכן דער אויטאר וויל ניט אנדערש ווי נאר מאכן פון „די אידן מיט די ביבלישע בערד, וואס זאגן תהלים באם אקער אייזן" — גאַוטשעס (הפקרדיקע סטעפּ־מענטשן, וואנדערדיקע פּאסטוכער, פּי־גנבים און מעסער־העלדן, וואָס נעכטיקן ניט דארט וואו זיי טאגן, אנטלויפנדיק פארן געזעץ וואס יאגט זיי נאך, נאר דערפאר די טרעגער פונם ארגענטינישן פאלקלאר; דער מענטש פון דעם ארגענטינישן סטעפּ, פון דער פּאמפּא, א טיפּ, וואס האלט

אין פאַרשווינדן, גראַד אונטער דער ווירקונג פון דער קאָלאָניזאַציע, דער אידישער אַריינגערעכנט, וועלכע פאַרוואַנדלט דעם אַרגענטינישן סטעפּ אין אַ קולטיווירטן ישוב מיט אַלע איינפירונגען פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. דער טיף ווערט שוין איצט באַטראַכט אין אַרגענטינע אַלס אַ מין רעליקוויע און בײַ די אַרגענטינישע פּאַטריאָטן — אין די אינטערעסן פון די פוילע ירושה'דיקע לאַטיפונדיסטן — איז צוריק מיט אַנדערהאַלבן צענדלינג יאָר נאָך פריש געווען דער האַס צו דער קאָלאָניזאַציע, צו דער אידישער באַזונדער, ווי צו אַזעלכער וואָס שטרעבט בפועל ממש צו פאַרצעלירן די געקויפטע פון דער יק"א שטרעקעס. דער דאָזיקער האַס פון די לאַטיפונדיסטן צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע איז אַפילו אויסגעדריקט געווען אין דעם טעקסט־בוך פאַר געאָגראַפישן אונטערריכט אין די פאָלקס־שולן, „לאַ טיעררא" (די ערד) אינם קאַפּיטל וואָס האָט גערעט וועגן די ענטרע ריאָסער קאָלאָניעס, אַ טעקסט־בוך פון גלחים פאַרפאַסט און פון דער רעגירונג באַשטעטיקט. עס ווערט אין דעם בוך אָפּגעהויזקט פון דעם פאַריזער אידישן באַנקיר באַראָן הירש און די אידן ווערן אַרויסגעשטעלט אַלס וואָוכערער און אַלטוואַרג הענדלער, לויטן אויסגעטראַטענעם נוסח פון דעם אייראָפּעישן אַנטיסעמיטיזם. אַלבערטאָ גערשונאָוו האָט מיט זיין ווערק געוואָלט איבערצייגן, פון איין זייט, אַז דער אידעאַל פון ערדאַרבעט בײַ די אידן איז אַן איינגעבוירענער, אַ סימן, אַז אין דער מסכתא זרעים ווערט געזאָגט אַז „די שטאַרקסטע און גרעסטע מענער פון יהודה האָבן באַאַרבעט די ערד, און אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן אין גלות מיט די געמיינסטע און געפערלעכסטע פרנסות, האָבן זיי פאַרלוירן דעם חן בײַ גאָט", און פון דער צווייטער זייט, האָט ער געוואָלט טרייסטן די פּאַטריאָטן, אַז די אידן אַסימילירן זיך צום אַמביענט, נעמען איבער די שפּראַך און דעם פאָלקלאָר, די קליידונג און די מנהגים פונם גאַוטש; גלייך די פּאַטריאָטן גייט באמת אינם גאַוטש און ניט אין דער רחבות פונם סטעפּ וואָס האָט אים געבוירן און האָט צו זיי באַלאַנגט).

דער מאָדנער העברעיש־אידישער זשורנאַליסט יוסף הלוי, וועלכער האָט געהאַט אַ באַזונדער פעהיקייט צוצופּאַסן זיך צו אַלע פּאַדערונגען, האָט דאָ געשריבן אונטערן טיטל „די אידישע דאָן קיכאָטן" קעגן די ציוניסטן,

וואס ציען אפּ די אויפמערקזאמקייט פון די אידן אין ארגענטינע פון זייי־ערע ארטיקע אינטערעסן, און אונטערן פסעוודאנים „א איד אן א בארד" (ער האט דוקא געטראגן א בארד) האט ער געשריבן קעגן די העברעיסטן, וואס ציען אפּ די אידן פון זייער הײנטיקער קולטור:

מיטגעארבעט אין „אונזערווארט", אין זיין אומפּארטייאישן גלגול, האבן פון די ארטיקע שרייבער: י. העלפמאן, נח וויטאל, משה פינ־טשעווסקי, אבא קליגער, ש. קאפלאנסקי, ל. מאס, אהרן בראדסקי, ל. לעווין (היינט אין ווארשא) צבי שניידער, קלמן פארבער, י. עדלשטיין, נחמן אייזנשטיין; פון אויסלאנד: מ. אלגין און פ. ליבמאן.

ווען „אונזער ווארט" איז איבערגעגאנגען צו דער ארגאניזאציע „אוואנגארד", זיינען פון דער צייטונג די אויסגעשפּראכענע פּארטייאישע מיטארבעטער פון אנדערע ריכטונגען אוועקגעגאנגען און עס זיינען צו־געקומען פּארטייאישע, ווי מ. ראזען א. א., ווי אויך מערערע פון אויס־לאנד.

אלס פּארטיי ארגאן איז „אונזער ווארט" דערשינען בלויז אכט נו־מערן. צוזאמען הייסט עס, אכצן נומערן.

ניט געקוקט דערויף וואס אלס אומפּארטייאישע צייטונג איז „אונ־זער ווארט" דערשינען מיט צוויי נומערן מער ווי אלס פּארטייאישע, מוז די דאזיקע אויסגאבע אינגאנצן פאררעכנט ווערן צו דער „אוואנגארד" ריכטונג, צו דער ריכטונג וואס האָט זיך פארנומען איבערצוזעצן אין אי־דיש דעם ארגאן פון דער סאציאליסטישער פּארטיי, די „לאַ וואַנגוארדיאַ", און ארייננציען די אידישע מאסן אין דער טעטיקייט פון דער סאציאליס־טישער פּארטיי.

„שטראהלען“

(1913)

פ. שפרינבערג, דער זעלבער וואס האָט אין יאר 1908 ארויסגעגעבן צוזאמען מיט י. עדלשטיין דעם אנארכיסטישן אילוסטרירטן חודש זשורנאל „לעבן און פרייהייט“, איז אין 1913 צוריקגעקומען פון א רייזע קיין אייראָפּע, וואוהין ער איז אוועק מחמת דער רעאַקציע נאָך שמעון ראדאָוויצקיס נקמה אקט. געלעבט האָט ער די גאנצע צייט אין דער שווייץ און איז געקומען פון דארט א... טעאָזאָף. טעאָזאָפיע מיט אַנארכיזם האָבן צווישן זיך א געוויסע שייכות. אַלנפאַלס איז טעאָזאָפיע דער צווייטער אידייען שטאַפּל בא אנארכיסטישע יונגעלייט אָן באשטימטע פּראָפעסיעס, ווען זיי הויבן אָן זוכן א תכלית און מוזן פארברייטערן זייער טעטיקייט פעלד. א נויגונג צו ליטעראַטור און קונסט, באזונדערס צו דער ליטעראַטור און קונסט פון די „רעוויסטאַס“ (מאַגאַזינס) האָט פ. שפרינבערג ארויסגעוויזן נאָך בעת ער האָט רעדאַקטירט, בעסער געזאָגט, פינאַנסירט און אילוסטרירט „לעבן און פרייהייט“. אין דער שווייץ האָט זי בא אים אַפּנים אָט דער חשק נאָך מער פארשטאַרקט. געבראַכט האָט ער פון שווייץ ניט נאָר דער באַבע בלאַוואַצקעס ביכער און בילדער מיט די באַקאַנטע קאַבאַליסטישע צייכנונגען, נאָר אויך א גאנצן אוצר מיט דייטשע אילוסטרירטע זשורנאַלן און קונסט רעפּראָדוקציעס אף פּאָסטקאַרטלעך. א רייכן טאַטנס א זון, אָן א פאַך באשעפטיקונג, איז אים איינגעפאַלן מאכן געשעפט מיט אן אילוסטרירטן זשורנאַל. אזוי פיל שפּאַנישע זשורנאַלן (מאַגאַזינס) דערשיינען אין בוענאָס איירעס און מאכן געשעפט, זיי זיינען פול, א זייט איבער א זייט, מיט אַנאָנסן, פארוואָס זאל א אידישער אילוסטרירטער

זשורנאַל ניט מאכן געשעפט!... קיין מיטארבעט דאַרף ניט קאסטן. די אַר־גענטינישע שרייבער אָנהויבער גייען אום און חלשן ממש געדרוקט צו ווערן...

געלט אַף צו באצאלן דעם דרוקער פארן ערשטן נומער האָט געגעבן דער רייכער טאַטע, יעקב שפּרינבערג און דער יונגערער ברודער משה שפּרינבערג, וועלכע האָבן געוואוינט אין ראָזאַריאָ, און דאָס געשעפט איז געמאַכט געווארן.

דער זשורנאַל איז דערשינען אין חודש אָקטובער פון דעם זעלבן יאָר, 1913, מיט א זעלטן שיינער הילע, א רעפּראָדוקציע פון א באַרעליעף אין מעטאַל, ארויסגענומען פון א דייטשן קונסט זשורנאַל. פאר דעם געלט וואס דער פאָטער מיטן ברודער האָבן געגעבן אַף צו באצאלן דעם דרוקער האָט ער זיי אָפּגעגעבן דעם כבוד זיי זאלן פיגורירן אַף אידיש אלס ארויסגע־בער. זיך אליין, פאר דער טרחה ארומצולויפן נאָך אַנאָנסן און אונטער־קלייבן פּאָסטקארטלעך און צייכנונגען פון די ניט אידישע זשורנאלן, אַף צו אילוסטרירן דעם זשורנאַל, האָט ער גענומען דעם טיטל רעדאקטאר און דער צייכנער מ. אייכלבוים, וועלכן ער האָט ניט געהאַט מיט עפּעס אנדערש צו באצאלן פאר זיין ארבעט, האָט ער געקרוינט מיטן טיטל קונסטלייטער. אַף שפּאַניש אָבער האָט ער שוין דעם פאָטער דעם כבוד ניט פארגונען און עס פיגורירן אלס דירעקטארן (דירעקטאָר פון א צייטונג אין ארגענטינע רופט זיך דער אייגנטימער, וועלכער איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאר דער רעדאַקציע): פּ. און מ. שפּרינבערג.

זאגן אז פּ. שפּרינבערג האָט ניט געהאַט קיין ריכטונג פאר זיין זשור־נאַל, איז שווער. ער איז געווען דאָך אַנאַרכיסטיש - טעאָזאָפיש געשטימט און האָט ליב געהאַט קונסט; אלע זיבן מוזעס זיינען בא אים געווען גלייך פארערט. פון ציוויליזאציע, פּראָגרעס און קולטור, שמועסט מען דאָך ניט; זאגט, למשל, אז דער „חבר פּיניע“ פון שלום עליכמס ראָמאַן „מאָטל פּייסי דעם חזנס“, האָט ניט קיין ריכטונג... שמייכלען מיר אונ־טער, ווען מיר לייענען איצט אָט דאָס פּראָגראַם־ארטיקל אונטערן טיטל „שטראַהלען“ פון שפּרינבערגן:

די צייט איז געשטאַנען. קיין לעבן, קיין באַוועגונג, קיין גערויש.
א בליי־שווערע גרויע האַלב פליסיגע מאַסע, איינגעהילט אין אַנ'אונענדליך

שטיל־שווייגן איז געווען דער פּלאַנעט, וואָס האָט שפּעטער געדאַרפט ווערן אונזער ערד.

יאהרען נאָך יאהרען, אייביגקייטן נאָך אייביגקייטן — און ווען דער נאַטור ווילן האָט באַשלאָסן אויף אונזער ערד א טעטיגקייטס־לע־בן אָנצופאַנגען, האָט זיך אופ'ן האָריזאָנט אַ שטראַהל באוויזען...

און אזוי ווייטער אין דעם טאָן פון מעשה בראשית, אין וועלכן „שטראַה־לען" איז א טייל...

אין זעלביקן טאָן איז געשריבן דער גרוס צו דער פּרעסע (ס'איז א מנהג פון העפלעכקייט, וואס איז איינגעפירט בא דער ארגענטינישער פּרעסע ארויסצוגיין אין ערשטן נומער מיט א גרוס צו די קאלעגן). צוליב דער כאַ־ראקטעריסטישקייט, ניט נאר פאר פּ. שפּרינבערג, נאָר פאר דער ארגענטיני־שער פּרעסע בכלל, דרוק איך דאָ איבער דעם גרוס, וועלכער איז געווען גע־דרוקט אין שפּאניש און איבערגעזעצט אין אידיש:

דער פּרעסע

„אריינטרעטענדיג מיט דעם ערשטען נומער פון „שטראַהלען" אין די רייהען פון דער פּעריאָדיסטישער עהרען־ארמעע, דריקען מיר אויס אונזער אכטונג דער אלגעמיינער פּרעסע, וואס קעמפּפט, ווענדענדיג איר בליק אין דער צוקונפט, געגען די געגנער פון אמת, טראָגענדיג אויף אַ געהעריגער הויך די פאָהן פון גערעכטיקייט און פון אלץ וואס איז שען און ערהאַבען".

איצט ווען איך שרייב די דאזיקע שורהס, שמייכל איך. דעמאָלט אָבער האָט מיך שטאַרק געקרענקט אָט דער „שטראַלנדיקער" זייפנבלאָז אלס פּראָגראַם פון דעם זשורנאל אף וועלכן מיר, איך און י. העל־פמאַן, באַזונדערס איך, האָבן אזוי פיל האפנונגען געלעגט און אזוי פיל מי אוועקגעלעגט שלא על מנת לקבל פרס, אלס די וואס האָבן אין דעם זשורנאל געשריבן און אים רעדאקטירט.

צום גליק האָט פּ. שפּרינבערג גאַנץ ווייניק געשריבן אינעם זשורנאל. אפילו די רובריק „שטראהלען" וואס ער האָט זיך אונטערגענומען צו שריי־בן אין יעדן נומער, איז פון מיר פארוואנדלט געווארן אין סאַטירישע

קורצע קאמענטארן און דערפאר באקומען דעם נאָמען „שטראהלען און שפיזען“. פּ. שפּרינבערג פלעגט נאָר פון צייט צו צייט ארײנרוקן אהין זײנעם אן אפּענטפער, אין װעלכן די סאטירע איז באשטאנען דערין װאס ער האָט יענעם אָנגערופן עזל, אָדער געמאַכט עמיצן רעקלאַמע. צװישן די לירישע לידער, פלעגט ער, מעשה באַלעבאָס, ארײנשטעלן און ספּעציעל אילוסטרירן זײנס א לידל װעגן „דעם פעטער מיט די בלעטער“, אדער װע־גן דעם משוגענעם פון דער גאס. דער עיקר אבער פלעגט ער שרײבן װעגן די מוזעס װאס פלעגן אַראָפּפאלן פונם פארנאס קײן בוענאָס אײ־רעס, און דערבײ פירן טעאַטער פּאָליטיק. דאָס איבעריקע פלעגט אויסגעפילט װערן פון מיר און פון חבר י. העלפמאַן. די לײט ארטיקלען זײנען געשרי־בן געװארן פון מיר מיטן פסעװדאָנים K — Z איבערזעצונגען פלעג איך אונטערשרײבן מיט מײן פולן נאָמען און מיט די איניציאַלן פּ. כ. אמאָל אויך פּנחס. און אויב עס זײנען געװען צופיל איבערזעצונגען, פלעגן זײ שױן גײן אָן א אונטערשריפט. י. העלפמאַן האָט אין „שטראַהלען“ אָפּגעדרוקט אײניקע פון זײנע שײנע געמיט דערצײלונגען און שטימונגען, און אונטערן פּסעװדאָנים „לידער“ געשריבן װעגן ליטעראַטור־שאַצונג לױט היפּאָליט טען. עס האָבן א הױץ דעם מיטגעאַרבעט: נח װיטאַל, משה פינטשעװסקי און אבאָ קליגער.

באם צװײטן נומער איז שױן דערפאר געשריבן אפן שער בלאַט בלױז אין אידיש: „רעדאַקציאָנעלע מיטװירקונג“ — פּ. כ"ץ און י. העלפמאַן און פונם דריטן נומער: רעדאגירט פון פּ. שפּרינבערג און פּ. כ"ץ.

דעם פינפטן נומער, װעלכער איז, אגב, געװען אויך דער לעצטער, האָב איך שױן ניט רעדאַקטירט, כאָטשע מײן נאָמען פיגורירט נאָך אפן שער בלאַט אלס אײנער פון די רעדאַקטאָרן. איך האָב מיך אָפּגעזאגט פון דעם כבוד נאָכדעם װי פּ. שפּרינבערג האָט אין די מאַטעריעלע אינ־טערעסן פונם זשורנאַל אנאנסירט אין פערטן נומער צװײ ברידער פרױ־ענהענדלער, עמפּרעסאריאָס פון טעאַטער, אלס זײנע מאָראַלישע רעטער און געלאזט צײכנען די בילדער פון די דאָזיקע טעאַטער אונטערנעמער. אין דעם נומער איז שױן נישטאָ דעריבער דער לײטארטיקל. מײנע איבער־זעצונגען זײנען ניט אונטערגעשריבן. נאָר אזױ װי דער שער בלאַט מיט מײן נאָמען אלס רעדאקטאר איז שױן געװען אפּגעדרוקט, האָט פּ. שפּרינ־

בערג מיך פארגיטיקט דערמיט וואס ער האָט באַ מיינער א איבערזעצונג פון ראבינדראנאט טאַגאָרס איינציקע פּאָעמען, געמאכט אַ פוס־נאָטע: „מיר גיבן פאר די לעזער פון „שטראהלען" די גלענצענדע איבערזעצונג פון אונזער קאַמעראַד פּ. כ"ץ..." דאָס זאָל הייסן אז איך בין ניט מער רעדאקטאר, נאָר קאַמעראַד. איך געדענק אז דער טיפּיש אנארכיסטישער „קאַמעראַד" מיט וועלכן איך בין דעמאָלט באצייכנט געווארן פון פּ. שפּרינבערג, האָט מיר שטאַרק הנאה געטון. פון דעם „קאַמעראַד" אליין — האָב איך מיר געטראכט — וועלן מיינע חברים שוין וויסן, אז איך האָב מער קיין שייכות ניט צו דער רעדאקציע פון „שטראהלען".

א קונסט זייט פון שטראהלען

דערפאר איז צוגעקומען צום צעטל כבודים אפן שער בלאַט פונם 5־טן נומער נאָך איין נאָמען: אַדמיניסטראַטאָר — י. בראון. דער דאָזיקער כבוד און אן אפּגעדרוקטע דערציילונג פון דערמאָנטן י. בראון און דוקא ניט קיין אומאינטערעסאנטע, אונטערן טיטל „אין אָריענט" האָבן דעם דאָזיקן „אַדמיניסטראַטאָר" געקאָסט צווייהונדערט פעזאס, וואס פּ. שפּרינבערג האָט באַ אים גענומען אַ גמלת חסד...

— . —

זייענדיק פארנומען צו זוכן מיטלען פאר דער עקזיסטענץ פון „שטראה־לען“ און מיט אונטערזוכן אילוסטראציעס, האָט זיך פּ. שפּרינבערגס אנאר־כיסטישע טעאָזאָפיע אַף דער געזעלשאפטלעכער און ליטעראַרישער זייט פונם זשורנאַל כמעט ניט אנגעזעען. בלויז אַף די אילוסטראַציעס זעען זיך שטאַרק זיינע שפּורן. דאָס זיינען מערסטנס אַלעגאָריעס און סימוואָלן, וואס זיינען פאר די אידייען פונקט דאָס אייגענע ווי די ריטואַלן פאר די גלוי־בנס: טויטנקאסטנס. אין דער הינזיכט פון באַגראָבן די אידייען אין די סימ־וואָלן, שטייען ניט אָפּ די אַנארכיסטן פון די מאַסאָנען, טעאָזאָפן און כלער־ליי קירכעס. אז איר זעט איינעם טראָגן אין לאַץ אדער אין קראַוואַט איינ־געשטעקט א סימוואָל שפּילקע, מעגט איר זיין זיכער אז איר זעט פאר זיך א קרעמער וואס האנדלט מיט אידייען און געטער, וועלכע זיינען פאר אים ניט מער ווי טויטע סחורה. מיר האָט זיך דעריבער שטענדיק אויס־געדוכט אז צווישן אונדז, די שרייבער, מיט דעם ארויסגעבער אילוסטראַטאָר שטייט אַ וואַנט.

דאָס וויכטיקסטע וואס „שטראַהלען“ האָט אויפגעטון, איז די אַנקע־טע, וואס איז דורכגעפירט געווארן צווישן די היגע אנגעזעענע ווארטזאָ־גער וועגן דעם ביילים פּראָצעס. די אַנקעטע איז דורכוים די ארבעט פון פּ. און מ. שפּרינבערג. דערמיט אליין האָבן זיי קונה געווען זייער פּלאַץ אין דער אידישער זשורנאַליסטיק פון אַרגענטינע.

די ענטפערס אַף דער אַנקעטע, פון דעם סאָציאַליסטישן טריבון אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, פון דעם סאָציאַליסטישן סענאַטאָר ענריקע דעל וואַליע איבערלוסעאַ, פון דעם ליטעראַטור קריטיקער כואַן מאַס אי פּי, דעם אַנטיאימפּעריאַליסטישן פּובליציסט מאַנועל אוגאַרטע, די שריפטשטע־לער כואַן כאָסע דע סאָיסאַ רעילי, אַלבערטאָ דזשיראַלדאָ, קאָנסטאַנסיאָ וויכיל, פעדעריקאָ מערטענס, כוליאָ באַרקאָס, כאָסע דע מאַטוראַנא, פּע־דעריקאָ א. גוטיערעס א. א. זיינען אָפּגעדרוקט אין שפּאַניש און אין אי־דיש, צוזאמען מיט די בילדער פון די וואס האָבן געענטפערט, אינם נו־מער 3, וועלכער איז אינגאנצן געווידמעט דעם ביילים פּראָצעס, און האָט א ספּעציעלן שער בלאַט מיט אן אויפשריפט:

לזכרון בספר

די ביילים געשיכטע

פון די ענטפערס זיינען די וויכטיקסטע: פון דעם קריטיקער כואן מאַס אי פּי, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט דעם פּראָצעס, ווי די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אלס מיטל צו דערטרינקען די אומצופרידענקייט פון די מאסן און די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָסעס ריטערשער פּראָטעסט „קעגן די באַרבאַרן וואס באַפאַלן די ארבעטזאַמע, ניכטערע און אינטעליגענטע אידן" און זיין רופן זיי „אינם לאַנד וואס

נעמט זיי אויף גרויס־מוטיק אף אירע מאָס־לאָזע פרוכטבארע פעלדער"; דעל וואַליע איבערלוסעאַס קורצע געשיכטלעכע אויפפאסונג וועגן דער באציונג צווישן די קריסטלעכע מלוכהס און די אידן און זיין פּראָפּעטישער רוף צו פעלקער סאָלידאַריטעט, וואס ער פארענדיקט מיט ישעיה'ס נבואה.

געווען זיינען אויך צווישן די ענטפערס צוויי וואס האָבן אין יענער צייט ארויסגערופן גרויס שטויינען צווישן די אידן אין ארגענטינע: איינער פון דעם ראָזאַריער פירער פון דער דעמאָקראַטישער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי", ד. כאָרבע שאָהלע, וועלכער האָט גאַנץ ריכטיק אויפגעפאסט דאָס פּראָבלעם פונם אנטיסעמיטיזם אין דער געשיכטע און באזונדערס

אין רוסלאַנד, נאָר דערביי אריינגעטריפט א היבש ביסל ארגענטינישן אַנטיסעמיטישן גיפט, באַשולדיקנדיק די אידן אין פרויענהאַנדל, אין פאַראַכטונג צו אגריקולטור און אינדוסטריע און אין אפזונדערונג פונם אַלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. דער צווייטער ענטפער פון דעם מין איז געקומען פון א פּערזאָן, פון וועלכער מען האָט עס נאָך וויניקער דערוואַרט: פון דעם סאָציאַליסטישן טעאָריקער דר. כ. ב. כוסטאָ. „וואָס באַלאַנגט רעליגיע און אבערגלויבן, האַלט איך אַלץ פאַר מעגליך“ — האָט ער קורץ געענטפערט. די דאַזיקע איגנאָראַנץ באַ א סאַציאַליסטישן וויכנשאַפטסמאַן און זיין באַרעכטיקן דעם ביילים פּראָצעס, האָט דעמאַלט געקאָסט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי א גרויסע צאָל אידישע וויילער, וועלכע זיינען פאַר איר פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז געווען וואָס דר. כוסטאָס פרוי איז געווען א אידישע, פון דער אידיש רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ...

אין נומער 4 פון „שטראַהלען“ איז פאַראַן אַן ארטיקל פון דעם שרייבער פון די שורות, אונטערן קעפּל „זאָל מען עס וויסן“, וואו עס ווערט פאַרצייכנט ווי די ארגענטינער אידישע פּרעסע פון יענער צייט און די כלל טוער האָבן אַף דעם פּראָצעס רעאַגירט, און קען דינען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט אין יענער צייט.

וויטערדיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע

אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער געזעלשאפטלעכ־קייט, קולטור און פרעסע ביז איצט, מוז מען אויסטיילן פאלגנדיקע מאמענטן:

1) די אייראָפּייאישע מלחמה; דער אינטערעס צו די געשעענישן און די הילפס באוועגונג פאר די מלחמה־געליטענע; דאָס אפשטעלן זיך פון דער אידישער אימיגראַציע זייט דער מלחמה, וואס האָט אין אַ געוויסער מאָס סטאַביליזירט די עקאָנאָמישע לאגע פון די אידישע ארבעטער און באַפּעס־טיקט די קולטור ארבעט פון די ארטיקע קולטור טוערישע כחות.

2) די אויסוואנדערונג פון א געוויסער צאל ארבעטער און קולטור טוער נאך דער רוסישער מארץ רעוואלוציע פון 1916.

3) די איינוואנדערונג פון אידישע ארבעטער און קולטור טוער פון ניו יארק בעת נארדאמעריקע איז אריין אין קריג, וואס האט באזונדערס געווירקט צום גוטן אף דער אידישער פּראָפעסיאָנאלער באוועגונג.

4) די באלפור דעקלאראציע.

5) די איינוואנדערונג פון פוילן, באַלד נאָכדעם ווי עס האָבן זיך גע־עפנט די איירָאָפּעאישע גרעניצן, וואס האָט דאָ פארשטארקט די קאָמונים־טישע באוועגונג און די סימפאטיע צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

6) די הילפס ארבעט פאר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די אידן אינם ראַטנפארבאנד.

די אלע מאמענטן האָבן אריינגעבראכט אין דער אידישער געזעלשאפט־לעכקייט, קולטור ארבעט און זשורנאליסטיק זייערע כאראקטעריסטישע ווירקונגען, צוגעבנדיק זיי זייערע באזונדערע פארבן.

באזונדערס זיינען די ווירקונגען אָפּגעשטעמפּלט אין די היגע צוויי טעג־גלעכע צייטונגען: „די אידישע צייטונג“ און „די פרעסע“; די ערשטע געגרינדעט פון ש. י. ליאכאוויצקי און א גרופּע דרוקער ארבעטער, אין נאוועמבער 1914, איבערגייענדיק באלד אלס אייגנטום צו מ, סטאליאר, און ל. מאס, מיט א באלעבאַטיש ציוניסטישער ריכטונג, און די צווייטע, געגרינדעט אין יאר 1918 פון אן ארבעטער קאאפּעראטיווע, וואס שטייט די גאנצע צייט אונטער דער הויפּט־רעדאקציע פון דעם שרייבער פון די שורהס מיט א טענדענץ פון ארבעטער פריינטשאפט און פּאליטיש אריענטירט אף דעם ראטנפארבאנד און קעגן דעם אימפּעריאליזם; אָבער אויך זיינען די ווירקונגען אָפּגעשפּיגלט אין די ספּעציעלע פּארטיי ארגאנען און אין די אידישע אויסגאבעס פון די פּראפעסיאנעלע פּאַריינען. די צוגעקומענע האָבן זיך ניט אזוי לייכט איינגעבירגערט צוויישן די איינגעזעסענע און די איינגעזעסענע האבן ניט אזוי לייכט פארדייעט די ניי־אנגעקומענע. עס זיינען פארגעקומען רייבונגען, ווירקונגען פון איינע אף די אנדערע, וואס זיינען כדאי פארצייכנט צו ווערן פאר דער געשיכטע.

איך פּרעטענדיר אבער ניט צו זיין אויסשעפּנדיק אין אט דעם בוך און בכלל איז נאך דער מאטעריאל וועגן דעם א גאנץ פרישער, צו צאפּלדיק און צו נאנט, און לאזט ניט קוקן אף זיך פון א געהעריקער פּערספּעקטיוו, ווי עס פאדערט אן אביעקטיווע אפּשאצונג, איך האָב מיר דעריבער געשטעלט א גרעניץ, ניט צו בארירן אין מיינע פארצייכנונגען די אידישע אויסגאבעס, וואס זיינען דערשינען נאָך 1914, ד. ה. אינם מלחמה יאר און אין די ווייטערדיקע.

אינהאַלט

זייט

א ביסל פאַרגעשיכטע אַלס הקדמה — — — — — — — — — — — 5
„דער ווידערקול" — — — — — — — — — — — — — — 17
„דער אידישער פאנאגראף" — — — — — — — — — — — 29
אברהם ווערמאָנט און זיין „פאלקס שטיממע" — — — — — — 41
„דער פויק" און „דיא בלום" — — — — — — — — — — — 61
„דער פאלקס בלאטט" און דער „יודיש־ארגענטינער וואָכנבלאטט" — 69
„דער טאָג" — — — — — — — — — — — — — — — — — 79
„דער אידישער קאלאניסט" — — — — — — — — — — — 89
„דער פערטהיידיגער" — — — — — — — — — — — — — 103
יעקב שלום ליאַכאָוויצקי — — — — — — — — — — — — 109
די ווירקונג פון דער אידישער ארבעטער איינוואנדערונג — — — — 125
„נאכריכטן" — „דאָס אידישע לעבן" — — — — — — — — — 133
„די יודישע האפנונג" — — — — — — — — — — — — — 141
„דער אַוואנגאַרד" — — — — — — — — — — — — — — — 153
„די שטימע פון אוואנגאַרד" — — — — — — — — — — — 163
„דאָס ארבעטער לעבן" — — — — — — — — — — — — — 165
„לעבן און פרייהייט" — — — — — — — — — — — — — 171
א אידישע זייט בא „לאַ פראָטעסטאַ" — — — — — — — — — 175
„ברויט און עהרע" — — — — — — — — — — — — — — 176
„אונזער וואָרט" — — — — — — — — — — — — — — — 187
„שטראהלען" — — — — — — — — — — — — — — — — 193
וויטערדיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַ־
ליסטיק אין ארגענטינע — — — — — — — — — — — — 203

געדרוקט
אין דער
דרוקעריי פון „בית יתומים"
קאַבילדאָ 3642
בוענאָס איירעס

P. KATZ

APUNTES PARA LA HISTORIA DEL PERIODISMO ISRAELITA EN LA ARGENTINA

Editado por la Sociedad
de Escritores y Periodistas
Israelitas en la Argentina.

Buenos Aires

1929